STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03424

ARBETER EYNIGKEYT

Georgi Dimitrov

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ג. דימיטראָוו

ארבעטער אייניגקייט—
פעסטונג געגן פאשיזם

דער פאַשיסטישער אָנגריף און
די אויפגאַבן פון קאָמוניסטישן
אינטערנאַציאָנאַל אינם קאַמף
פאַר דער אייניגקייט פונם
אַרבעטער-קלאַס געגן פאַשיזם

•

דימיטראָוו׳ס באַריכט און שלוס-וואָרט
אויפן 7טן וועלט-קאָנגרעס פון קאָמו-
ניסטישן אינטערנאַציאָנאַל

•

טיראַזש 10,000

•

פאַרלאַג אידביוראָ
1935

ג. דימיטראָוו

פאָטאָגראַפירט דעם 8טן אויגוסט אויף דעם טושינער פלי-פעלד
ביי מאָסקווע, בשעת די איבונגען פונ'ם פאַראַשוט-שפּרינגער.

1.

פאַשיזם און דער אַרבעטער-קלאַס

חברים: שוין דער זעקסטער קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט געוואָרנט דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, אַז עס וואַקסט אָן אַ נייער פאַשיסטישער אָנגריף און האָט גערופן צום קאַמף געגן אים. דער קאָנגרעס האָט אָנגעוויזן, אַז „אין אַ מער אָדער ווייניגער אַנטוויקלטער פאָרם געפינען מיר פאַשיסטישע טענדענצן און איינשאַפטן פון דער פאַשיסטישער באַוועגונג כמעט אומעטום".

מיט'ן אויסברוך פון דעם איצטיגן טיפסטן עקאָנאָמישן קריזיס, מיט דער פאַרשאַרפונג פון דעם אַלגעמיינעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם און מיט דער רעוואָלוציאָניזירונג פון די האָרעפּאַשנע מאַסן, איז דער פאַשיזם איבערגעגאַנגען צו אַ ברייטן אָנגריף. די הערשנדיגע בורזשואַזיע זוכט אַלץ מער אַ רעטונג אין דעם פאַשיזם, כדי דורכצופירן אירע אויסערגעוויינלעכע רויבערישע צילן געגן די האָרעפּאַשניקעס, כדי צוצוגרייטן די רויבערישע אימפּעריאַליסטישע מלחמה, באַפאַלן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, אונטעריאָכן און צעטיילן כינע, און אויפן באָדן פון דעם אַלעמען — אויסמיידן די רעוואָלוציע.

די אימפּעריאַליסטישע קרייזן זוכן אַרויפצוואַרפן די גאַנצע שווערקייט פונ'ם קריזיס אויף די פּלייצעס פון די האָרעפּאַשנע מאַסן. **צוליב דעם דאַרפן זיי האָבן דעם פאַשיזם.**

זיי פּרוּאוון לייזן די פּראָבלעם פון מערק דורך אונטעריאָכן שוואַכע פעלקער, פאַרגרעסערן די קאָלאָניאַלע אונטערדריקונג, און אויפסניי, דורך אַ מלחמה, איבערטיילן די וועלט! **צוליב דעם דאַרפן זיי דעם פאַשיזם.**

זיי שטרעבן צו פֿאַרלויפֿן דעם וועג דעם אַנוואוקס פֿון די רעוואָלוציאָנערע כּוחות דורך פּאָגראָמירן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פֿון די אַרבעטער און פּויערים, און דורך אַ מלחמה־אַטאַקע אויפֿן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד — די פֿעסטונג פֿון אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט. צוליב דעם דאַרפֿן זיי דעם פֿאַשיזם.

אין אַ ריי לענדער, הויפּטזאַכלעך אין דייטשלאַנד, איידער די מאַסן איז געלונגען צו מאַכן זייער רעוואָלוציאָנערן קער, האָט זיך די דאָזיגע אימפּעריאַליסטישע קרייזן איינגעגעבן צו באַזיגן דעם פּראָלעטאַריאַט און איינשטעלן אַ פֿאַשיסטישע דיקטאַטור.

נאָר עס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן זיג פֿון פֿאַשיזם דווקא דער פֿאַקט, וואָס דער דאָזיגער זיג זאָגט עדות — פֿון איין זייט — אויף דער שוואַכקייט פֿונ׳ם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז דעזאָרגאַניזירט און פּאַראַליזירט געוואָרן דורך דער צעשפּאַלטנדיגער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאָליטיק פֿון מיטאַרבעטן מיט דער בורזשואַזיע, און—פֿון דער צווייטער זייט,—דריקט דאָס אויס די שוואַכקייט פֿון דער בורזשואַזיע גופֿא, וועלכע שרעקט זיך פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿונ׳ם פֿאַראייניגטן קאַמף פֿונ׳ם אַרבעטער־קלאַס, שרעקט זיך פֿאַר דער רעוואָלוציע, און איז שוין ניט בכּוח איינצוהאַלטן איר דיקטאַטור איבער די מאַסן מיט די אַלטע מעטאָדן פֿון בורזשואַזער דעמאָקראַטיע און פּאַרלאַמענטאַריזם.

דעם זיג פֿונ׳ם פֿאַשיזם אין דייטשלאַנד, האָט געזאָגט חבר סטאַלין אויפֿ׳ן 17טן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער אַלסאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס)

„דאַרף מען באַטראַכטן ניט בלויז ווי אַ סימן פֿון שוואַכקייט פֿונ׳ם אַרבעטער־קלאַס און ווי אַ רעזולטאַט פֿון די פֿאַרראַטן פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע בנוגע די אַרבעטער, וועלכע האָט אָפּגערייניגט פֿאַר׳ן פֿאַשיזם דעם וועג. מען דאַרף אים אויך באַטראַכטן ווי אַ צייכן פֿון דער שוואַכקייט פֿון דער בורזשואַזיע, ווי אַ סימן פֿון דעם, אַז די בורזשואַזיע איז שוין ניט אימשטאַנד צו הערשן מיט די אַלטע מעטאָדן פֿון פּאַרלאַמענטאַריזם און בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, און צוליב דעם איז זי

געצוואונגען אַנצואווענדן אין איר אינערלעכער פּאָליטיק טעראָריסטישע רעגירונגס־מיטלען — אַלס באַווייז, אַז זי איז שוין מער ניט אימשטאַנד צו געפינען אַן אויס־וועג פון דער איצטיגער לאַגע אויפ׳ן באָדן פון פרידלעכער אויסערלעכער פּאָליטיק, און זי מוז זיך נעמען פאַר דער פּאָליטיק פון מלחמה".

דער קלאַסן־כאַראַקטער פונ׳ם פאַשיזם

דער פאַשיזם ביי דער מאַכט, חברים, ווי עס האָט אים ריכטיג אָפּגעשאַצט דער 13טער פּלענום פון דעם אויספיר־קאָמיטעט פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, איז די אָפענע טעראָריסטישע דיקטאַטור פון די סאַמע רעאַקציאָנערסטע און סאַמע אימפּעריאַליסטישע עלעמענטן פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל.

דער סאַמע רעאַקציאָנערער סאָרט פאַשיזם איז דער פאַשיזם פונ׳ם דייטשישן טיפּ. ער רופט זיך פרעך אָן מיט׳ן נאָמען נאַציאָנאַל סאָציאַליזם, ניט האָבנדיג קיין שום געמיינשאַפטלעכס מיט סאָציאַליזם. דער היטלערישער פאַשיזם איז ניט בלויז בורזשואזער נאַציאָנאַליזם, דאָס איז — חיה׳שער שאָוויניזם. דאָס איז א רעגירונגס־סיסטעם פון פּאָליטישן באַנדיטיזם, א סיסטעם פון פּראָוואָקאַציעס און אינקוויזיציעס פאַר׳ן ארבעטער־קלאַס און די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון פויערטום, קליינבירגערטום און אינטעליגענץ. דאָס איז — מיטלאַלטערלעכער באַרבאַריזם און בעסטיאַליטעט. דאָס איז — צעיושעטער אָנגריף אויף אַנדערע פעלקער און לענדער.

דער דייטשישער פאַשיזם טרעט אַרויס ווי דער שפּיזן־שפּיץ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנטער־רעוואָלוציע, ווי דער הויפּט־אונטערצינדער פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, ווי דער אָנפירער פונ׳ם קרייץ־צוג אויפ׳ן סאָוועטן־פאַרבאַנד, דאָס גרויסע פאָטערלאַנד פון די האָרעפּאַשניקעס פון דער גאַנצער וועלט.

פאַשיזם איז ניט קיין פאָרמע פון מלוכה־מאַכט, וואָס שטייט כלומרשט „איבער ביידע קלאַסן — פּראָלעטאַריאַט און בורזשואזיע", ווי דאָס האָט, צום ביישפּיל, באַהויפּטעט אָטאָ באַוער. דאָס איז ניט „דאָס צעבונטעוועטע קליינבירגער־

טום, וואָס האָט פאַרכאַפּט די מלוכה־מאַשין", ווי עס דערקלערט דער ענגלישער סאָציאַליסט ברעילספאָרד. ניין. פאַשיזם איז ניט קיין איבער־קלאַסיגע מאַכט, ניט קיין מאַכט פון קליינבירגערטום אָדער לומפּן־פּראָלעטאַריאַט איבער'ן פינאַנץ־קאַפּיטאַל. פאַשיזם — דאָס איז די הערשאַפט פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל גופא. דאָס איז די אָרגאַניזאַציע וועמענס צוועק עס איז אויף א טעראָריסטישן אופן אָפּצורעכענען זיך מיט'ן ארבעטער־קלאַס, מיט'ן רעוואָלוציאָנערן טייל פונ'ם פויערטום און פון דער אינטעליגענץ. פאַשיזם אין דער אויסערלעכער פּאָליטיק—איז דער שאָוויניזם פון דער סאַמע רויסטער פאָרמע, וועלכער קולטיווירט א זאָאָלאָגישן האַס צו אַנדערע פעלקער.

עס איז נויטיג באַזונדערס שטאַרק צו אונטערשטרייכן דעם דאָזיגן אייגנטימלעכן כאַראַקטער פונ'ם פאַשיזם, דערפאַר וואָס צוליב דעם וואָס ער האָט זיך צוגעדעקט מיט סאָציאַל־דעמאַגאָגיע האָט זיך אים איינגעגעבן אין א ריי לענדער מיטצורייסן מיט זיך די מאַסן קליינבירגער וואָס זיינען צוליב'ן קריזיס ארויסגעשלאָגן געוואָרן פון זייערע פּאָזיציעס און אפילו געוויסע טיילן פון אָפּגעשטאַנענע שיכטן פון פּראָלעטאַריאַט. זיי וואָלטן קיינמאָל ניט געגאַנגען צום פאַשיזם, ווען זיי וואָלטן פאַרשטאַנען זיין ווירקלעכן קלאַסן־כאַראַקטער, זיין אמת'ע נאַטור.

די אַנטוויקלונג פונ'ם פאַשיזם, און די פאַשיסטישע דיקטאַטור גופא, נעמען אָן אין פאַרשיידענע לענדער פאַרשיידענע פאָרמען. דאָס הייִנגט אָפּ פון די היסטאָרישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען, פון די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן און פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע פון דעם באַטרעפנדיגן לאַנד. אין איינציגע לענדער, הויפּטזעכלעך דאָרט וואו דער פאַשיזם האָט ניט קיין ברייטן מאַסן־פונדאַמענט, און וואו דער קאַמף פון באַזונדערע גרופּירונגען אינ'ם לאַגער פון דער פאַשיסטישער בורזשואַזיע גופא איז שטאַרק גענוג, אנטשליסט זיך ניט דער פאַשיזם צו ליקווידירן מיטאַמאָל דעם פּאַרלאַמענט, און לאָזט די אַנדערע בורזשואַזע פּאַרטייען, און אויך דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אָנהאַלטן אויף א געוויסן אופן זייער לעגאַליטעט. אין אַנדערע לענדער, ווידער, וואו די הערשנדיגע בורזשואַ־

זיע שרעקט זיך פאַר א נאָענטן אויפריים פון דער רעוואָלוציע, שטעלט איין דער פאַשיזם זיין אומבאַגרענעצטן פּאָליטישען מאָנאָפּאָל—מיטאַמאָל, אָדער פאַרשטאַרקנדיג אַלץ מער דעם טעראָר און דעם פּאָגראָם איבער אַלע פּאַרטייען און גרופּירונגען, וואָס קאָנקורירן מיט אים. דאָס שליסט ניט אויס די פּאַרזוכן פונ׳ם פאַשיזם—אין מאָמענט פון א באַזונדערער פאַרשאַרפונג פון דער לאַגע—אויסצובריטערען זיין באַזע, צונויפפּאָרן די אָפענע טעראָריסטישע דיקטאַטור מיט א גראָב־פאַלסיפיצירטן פּאַרלאַמענטאַריזם — ניט בייטנדיג דערביי זיין אינהאַלט.

דאָס אָנקומען פונם פאַשיזם צו דער מאַכט — איז ניט קיין געוויינטלעכער אויסבייט פון איין בורזשואַזער רעגירונג אויף א צווייטער, נאָר אַן איבערבייט פון איין מלוכה ־ פאָרמע פון קלאַסן ־ הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע — בורזשואַזע דעמאָקראַטיע — אויף אירער אַן אַנדער פאָרם—אָפענע טעראָריסטישע דיקטאַטור. איגנאָרירן דעם דאָזיגן אונטערשייד וואָלט געווען אַן ערנסטער טעות. נאָר ניט וויינינער ערנסט און געפערלעך איז דאָס אונטערשאַצן יענע באַדייטונג, וואָס די רעאַקציאָנערע מיטלען וועלכע פאַרשטאַרקן זיך איצט אין א ריי לענדער פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע האָבן פאַר דער פאַשיסטישער דיקטאַטור,—דאָס דערשטיקן די דעמאָקראַטישע פרייהייטן פון די האָרעפּאַשנע מאַסן, דאָס פאַלסיפיצירן און באַגרעניצן די פּאַרלאַמענטאַרישע רעכט, דאָס פאַרשטאַרקן די פאַרפאָלגונגען געגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

מען טאָר ניט, חברים, פאָרשטעלן זיך דאָס אָנקומען פונם פאַשיזם צו דער מאַכט אַזוי פּראָסט און גלאַטיג, פּונקט ווי וועלכער עס איז קאָמיטעט פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל זאָל באַשליסן, אַז אין דעם און דעם טאָג וועט ער איינפירן א פאַשיסטישע דיקטאַטור. אין דער ווירקלעכקייט קומט דער פאַשיזם געוויינטלעך צו דער מאַכט דורך א געגנזייטיגן, אָפט שאַרפן, קאַמף מיט די אַלטע בורזשואַזע פּאַרטייען, אָדער מיט א באַשטימטן טייל זייערן, דורך א קאַמף אפילו אין דעם פאַשיסטישן לאַגער גופא, וואָס דערגייט אַמאָל צו באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן, ווי מיר האָבן עס געזען אין

דייטשלאַנד, עסטרייך און אַנדערע לענדער. דאָס אַלץ שוואַכט אָבער ניט אָפּ די באַדייטונג פון דעם פאַקט, וואָס ביז דער איינשטעלונג פון א פאַשיסטישער דיקטאַטור גייען די בורזשואַזע מלוכות געוויינטלעך דורך א ריי צוגרייטונג־שטופן און פירן דורך א ריי רעאַקציאָנערע מיטלען, וואָס העלפן דירעקט דעם פאַשיזם צו קומען צו דער מאַכט. ווער עס קעמפט ניט אין משך פון די דאָזיגע צוגרייטונג־שטופן געגן די רעאַקציאָנערע מיטלען פון דער בורזשואַזיע און געגן דעם אָנוואַקסנדיגן פאַשיזם, יענער איז ניט אימשטאַנד צו שטערן,—יענער, פאַרקערט, העלפט דעם זיג פון פאַשיזם.

די פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָבן פאַרטושט און באַהאַלטן פון די מאַסן דעם קלאַסן־כאַראַקטער פונ׳ם פאַשיזם און האָבן ניט גערופן צום קאַמף געגן די זיך אַלץ פאַרשטאַרקנדיגע רעאַקציאָנערע מיטלען פון דער בורזשואַזיע. זיי טראָגן א גרויסע היסטאָרישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם, וואָס אין אַנטשיידנדיגן מאָמענט פונ׳ם פאַשיסטישן אָנגריף האָט א באַדייטנדיגער טייל פון די האָרעפּאַשנע מאַסן פון דייטשלאַנד און פון א ריי אַנדערע פאַשיסטישע לענדער ניט דערזען אינ׳ם פאַשיזם דעם בלוטדורשטיגסטן פינאַנץ־רויבער, דעם ביטערסטן שונא, און וואָס די דאָזיגע מאַסן זיינען ניט געווען צוגעגרייט צו א ווידערשטאַנד.

וואו־זשע געפינט זיך דער קוואַל פון דער ווירקונג פונ׳ם פאַשיזם אויף די מאַסן? דעם פאַשיזם איז געלונגען צוצוציען די מאַסן דערפאַר, וואָס ער האָט דעמאַגאָגיש אַפּעלירט צו זייערע סאַמע אָנגעווייטאָגטסטע נויטן און פאָדערונגען. דער פאַשיזם צינדט ניט בלויז פאַנאַנדער די אבערגלויבנס, וואָס זיינען איינגעוואָרצלט אין די מאַסן, נאָר ער שפּילט אויך אויף די בעסטע געפילן פון די מאַסן, אויף זייער געפיל פון גערעכטיגקייט, און אמאָל אפילו—אויף זייערע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס. פאַרוואָס שטעלן זיך ארויס די דייטשישע פאַשיסטן, אָט־די לאַקייען פון דער גרויס־בורזשואַזיע און בלוטיגע שונאים פונ׳ם סאָציאַליזם פאַר „סאָציאַליסטן” און זייער קומען צו דער מאַכט מאָלן זיי אויס ווי א „רעוואָלוציע”? דערפאַר, ווייל זיי שטרעבן

צו עקספּלואַטירן דעם גלויבן אין רעוואָלוציע, דעם באַגער צום סאָציאַליזם, וואָס לעבט אין די הערצער פון די ברייטע האָרעפּאַשנע מאַסן פון דייטשלאַנד.

דער פאַשיזם האַנדלט אין די אינטערעסן פון די עקסטרעמע אימפּעריאַליסטן, אָבער ער טרעט אַרויס פאַר די מאַסן אונטער דער מאַסקע פון אַ פאַרטיידיגער פון דער באַליידיגטער נאַציע און אַפּעלירט צום באַליידיגטן נאַציאָנאַלן געפיל, ווי, צום ביישפּיל, דער דייטשער פאַשיזם, וועלכער האָט מיטגעריסן מיט זיך די מאַסן אונטערן לאָזונג: „געגן ווערסאַל”.

דער פאַשיזם שטרעבט צו דער סאַמע אומגעצאַמטער עקספּלואַטאַציע פון די מאַסן, אָבער ער גייט־צו צו זיי מיט כיטרער אַנטי ־ קאַפּיטאַליסטישער דעמאַגאָגיע, עקספּלואַטירנדיג דערביי דעם טיפן האָס פון די אַרבעטנדיגע צו דער רויבערישער בורזשואַזיע, צו די בענק, טראָסטן און פינאַנץ־מאַגנאַטן, אַרויסשטעלנדיג דערביי לאָזונגען וועלכע זיינען זייער צוציענדיג פאַר די פּאָליטיש ניט־דערוואַקסענע מאַסן אין דעם באַטרעפנדיגן מאָמענט. אין דייטשלאַנד—„דער אַלגעמיינער וואוילזיין איז העכער פונ׳ם פערזענלעכן”; אין איטאַליע—„אונזער רעגירונג איז ניט קיין קאַפּיטאַליסטישע, נאָר אַ קאָרפּאָראַטיווע”; אין יאַפּאַן—„פאַר אַ יאַפּאַן אָן עקספּלואַטאַציע”; אין די פאַראייניגטע שטאַטן—„פאַר צעטיילן דעם רייכטום” און אַז וו.

דער פאַשיזם גיט אָפּ דאָס פאָלק אַלס רויב צו די סאַמע קאָרופּטירטע, פאַרקויפטע עלעמענטן, אָבער ער טרעט אַרויס מיט דער פאָדערונג פון „ערלעכער און ניט־אונטערגעקויפטער מאַכט”. ספּעקולירנדיג אויף דער טיפער אַנטוישונג פון די מאַסן מיט דער רעגירונג פון בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, צאָרנט כלומרשט דער פאַשיזם געגן קאָרופּציע (צום ביישפּיל די באַרמאַט און סקלאַרעק סקאַנדאַלן אין דייטשלאַנד, דער סטאַוויסקי־סקאַנדאַל אין פראַנקרייך, און אַ ריי אַנדערע).

ס׳איז אין די אינטערעסן פון די רעאַקציאָנערסטע קרייזן פון דער בורזשואַזיע, אַז דער פאַשיזם זאָל איבערנעמען די אַנטוישטע מאַסן, ווען זיי פאַרלאָזן די אַלטע פּאַרטייען. אָבער ער זוכט צו מאַכן אַן איינדרוק אויף די מאַסן

דורך זיינע שאַרפע אָנפאַלן אויף די בורזשואַזע רעגירונ־גען, דורך זיין פיינטלעכער באַציאונג צו די אַלטע פּאַרטייען פון דער בורזשואַזיע.

דער פאַשיזם שטייגט איבער מיט זיין ציניזם און ליג־נערישקייט אַלע אַנדערע פאַרשיידענע פאָרמען פון בורזשואַ־זער רעאַקציע, און פּאַסט־צו זיין דעמאַגאָגיע צו די נאַציאָ־נאַלע באַזונדערקייטן פון יעדן לאַנד און אפילו צו די באַ־זונדערקייטן פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע שיכטן אין איין און דעם זעלבן לאַנד. און די מאַסן פונ׳ם קליינביר־גערטום, אפילו א טייל פון די אַרבעטער, וועלכע זיינען דער־פירט געוואָרן ביז פאַרצווייפלונג דורך נויט, אַרבעטלאָזיג־קייט און אומזיכערקייט פון זייער עקזיסטענץ, פאַלן קרבנות פון דער סאָציאַלער און שאָוויניסטישער דעמאַגאָגיע פונ׳ם פאַשיזם.

דער פאַשיזם קומט צו דער מאַכט ווי די פּאַרטיי פון אָנגריף געגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פונ׳ם פּראָ־לעטאַריאַט, געגן די אויפגעברויזטע פאָלקס־מאַסן, אָבער ער שטעלט אַרויס זיין קומען צו דער מאַכט ווי א „רעוואָלוציאָ־נערע״ באַוועגונג געגן דער בורזשואַזיע, אין נאָמען פון דער „גאַנצער נאַציע״ און פאַר דער „רעטונג פון דער נאַציע״. לאָמיר זיך דערמאָנען מוסאָליני׳ס „מאַרש״ אויף רוים, פּיל־סודסקי׳ס „מאַרש״ אויף וואַרשע, היטלער׳ס נאַציאָנאַל־סאָ־ציאַליסטישע „רעוואָלוציע״ אין דייטשלאַנד און אַז. וו.

אָבער וואָס פאַר א מאַסקעס דער פאַשיזם זאָל אויף זיך ניט אָנטאָן, אין וועלכע פאָרמען ער זאָל ניט אַרויסטרעטן, מיט וועלכע מיטלען ער זאָל ניט האָבן געקומען צו דער מאַכט,—

פאַשיזם — דאָס איז אַ גרוייזאַמע אַטאַקע פון קאַפּיטאַל אויף די האַרעפּאַשנע מאַסן.

פאַשיזם — דאָס איז אומגעצאַמטער שאָוויניזם און פאַרכאַפּערישע מלחמה.

פאַשיזם—דאָס איז ווילדע רעאַקציע און קאָנטער־רע־וואָלוציע.

פאַשיזם—דאָס איז דער ערגסטער שונא פונ׳ם אַר־בעטער־קלאַס און פון אַלע האָרעפּאַשניקעס!

וואָס ברענגט דער פאַשיזם די מאַסן?

דער פאַשיזם האָט צוגעזאָגט די ארבעטער „א גערעכטן ארבעט־לוין", אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָט ער גע־בראַכט נאָך א נידעריגערן, רעטלערישן לעבנס־סטאַנדאַרד. ער האָט צוגעזאָגט ארבעט פאַר די ארבעטלאָזע, אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָט ער געבראַכט נאָך גרעסערע הונגער־ליידן, שקלאַפּישע צוואַנג ־ ארבעט. אין דער ווירקלעכ־קייט פאַרוואַנדלט ער די ארבעטער און ארבעטלאָזע אין רעכטלאָזע פאַריער (שקלאַפּן) פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, צעשמעטערט ער די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען (טרעיד־יוניאָנס), נעמט ער אָפּ דאָס רעכט אויף סטרייקן און ארבעטער־פּרעסע, פאַרטרייבט ער זיי מיט גוואַלד אין פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, צערויבט ער די פאָנדן פון זייער סאָציאַלער פאַרזיכערונג, און די פאַבריקן און זאַוואָדן פאַר־וואַנדלט ער אין קאַזאַרמעס, וואו עס הערשט דער צעיושע־טער טעראָר פון די קאַפּיטאַליסטן.

דער פאַשיזם האָט צוגעזאָגט דער ארבעטנדיגער יוגנט צו עפענען פאַר איר א ברייטן וועג אין דער גלענצנדיגער צוקונפט. אין דער ווירקלעכקייט האָט ער געבראַכט דערצו, אז מאַסן יוגנטלעכע ארבעטער זיינען ארויסגעוואָרפן גע־וואָרן פון די פאַבריקן, און געשאַפן ארבעט־קעמפּס און אומ־אויפהערלעכע מיליטערישע מושטירונגען פאַר דער אימפּע־ריאַליסטישער מלחמה.

דער פאַשיזם האָט צוגעזאָגט די אָנגעשטעלטע, די קליינע באַאַמטע, דער אינטעליגענץ צו פאַרזיכערן זייער עקזיסטענץ, פאַרניכטן די הערשאַפט פון די טראָסטן און די ספּעקולאַציעס פונ'ם באַנק־קאַפּיטאַל. אין דער ווירקלעכ־קייט האָט ער זיי געבראַכט נאָך גרעסערע ניט־זיכערקייט מיט'ן מאָרגנדיגן טאָג, און וואַרפט זיי אונטער אונטער דער נייער ביוראָקראַטיע פון זיינע סאַמע געהאָרכזאַמע נאָכ־שלעפּער, באַשאַפט אַן אומדערטרעגלעכע דיקטאַטור פון טראָסטן, פאַרזייט אין א אומגעהויערער מאָס קאָרופּציע און פאַנאַנדערפאַלונג.

דער פאַשיזם האָט צוגעזאָגט דעם רואינירטן, פאַראָרימטן פויערטום צו ליקווידירן דעם יאָך פון זיינע חובות, אָפּשאַפן

רענט און אפילו אָפּנעמען די ערד ביי די פּריצים אָן באַצאָלט און אָפּגעבן זי די ערדלאָזע און רואינירטע פּויערים. אין דערווירקלעכקייט אָבער ברייננגט ער אויסגעוויינלעכע פאַרשקלאַפונג פונ'ם אַרבעטנדיגן פּויערטום אונטער'ן יאָך פון די טראָסטס און פונ'ם פאַשיסטישן רעגירונג-אַפּאַראַט און דערפירט ביז דער העכסטער שטופע די עקספּלואַטאַציע פון די ברייטע מאַסן פונ'ם פּויערטום מצד די גרויסע גוט-באַזיצער, בענק און פּראָצענטניקעס.

„דייטשלאַנד וועט זיין אַ פּויעריש לאַנד, אָדער זי וועט אינגאַנצן ניט זיין", — האָט היטלער פייערלעך דערקלערט. און וואָס האָבן די פּויערים באַקומען אין דייטשלאַנד אונטער היטלער'ן? אַ מאַראַטאָריום, וועלכער איז שוין אָפּגעשאַפן געוואָרן? אָדער אַ געזעץ וועגן ירש'ענען דעם פּויערשן הויף, וואָס פירט דערצו, אַז מיליאָנען פּויערשע זין און טעכטער ווערן ארויסגעשטויסן פון די דערפער און ווערן פאַרוואַנדלט אין פּאַופּערס (אָרעמעלייט)? די באַטראַקעס (פּאַרם-הענט) ווערן פאַרוואַנדלט אין האַלב-שקלאַפן, ביי וועמען עס ווערט צוגענומען אפילו דאָס רעכט פריי זיך צו באַוועגן פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערן. דאָס אַרבעטנדיגע פּויערטום ווערט באַרויבט פון דער מעגלעכקייט צו פאַרקויפן אויפ'ן מאַרק די פּראָדוקטן פון זיין ווירטשאַפט.

און אין פּוילן?

„דער פּוילישער פּויער, — שרייבט די פּוילישע צייטונג „טשאַס", — באַנוצט זיך מיט מיטלען, וואָס זיינען אָנגעווענדעט געוואָרן נאָך אין מיטל-אַלטער; ער היט אָפּ דאָס פייער אין אויוון און אַנטלייט דאָס זיין שכן, שוועבעלעך טיילט ער איין אויף עטלעכע טיילן, איינער אַנטלייט דעם צווייטן קויטיגע מידלענעם (זייפשוים), ער קאָכט אויס הערינג-פּעסלעך, כדי צו באַקומען געזאַלצן וואַסער. דאָס איז ניט קיין לעגענדע, נאָר די ווירקלעכע לאַגע אין דאָרף. יעדער איינער קאָן זיך אין דעם איבערצייגן".

און דאָס, חברים, שרייבן ניט קיין קאָמוניסטן, נאָר אַ פּוילישע רעאַקציאָנערע צייטונג!

אָבער דאָס איז נאָך ווייט ניט אַלץ.

אין די קאָנצענטראַציע-לאַגערן פון דעם פאַשיסטישן

דייטשלאַנד, אין די קעלערן פון דער געשטאַפּאָ (נאַצישע
געהיים־פּאָליציי), אין די פּוילישע תּפיסות, אין דער בול-
גאַרישער און פינלענדישער אָכראַנקע, און **דער בעלגראַדער**
„גלאַוניאַטשע" (תּפיסה פון געהיים - פּאָליציי), אין דער
רומענישער „סיגוראַנצע", אויף די איטאַליענישע אינזלען,
ווערן די בעסטע זין פון'ם אַרבעטער־קלאַס, פון די רעוואָ־
לוציאָנערע פּויערים, קעמפער פאַר אַ שיינער צוקונפט פון
דער מענטשהייט, געפּייניגט אויף אַזאַ עקלהאַפטן אופן,
אַז אין פאַרגלייך מיט זיי ווערן בלאַס די סאַמע נידער־
טרעכטיגע מיטלען פון דער צאַרישער אָכראַנקע. דער מער־
דערישער דייטשישער פאַשיזם פאַרוואַנדלט מענער אין אַ
בלוטיגן הויפן פלייש אין דער אָנוועזנהייט פון זייערע
פרויען, צו די מוטערס שיקט ער אין פּאָסט־פּאַקעטן דאָס
אַש פון זייערע דערמאָרדעטע זין. סטעריליזאַציע איז
פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָליטישן קאַמף־מיטל. די
אַנטי־פאַשיסטן וואָס זיינען פאַרשפּאַרט אין די אינקוויזי־
ציע־קאַמערן, שפּריצט מען מיט גוואַלד אריין גיפטיגע פלי־
סיגקייטן, מען צעברעכט זיי די הענט, מען שטעכט זיי
אויס די אויגן, מען הענגט זיי אונטער, מען פּאָמפּעט זיי
אָן מיט וואַסער, מען שניידט אויס אויף זייער לעבעדיגן
קערפּער די פאַשיסטישע סוואַסטיקאַ.

פאַר מיר ליגט דער סטאַטיסטישער באַריכט פונם מאָפּר
— אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון הילף פאַר די קעמ־
פער פון דער רעוואָלוציע — וועגן דערמאָרדעטע, פאַר־
וואונדעטע, אַרעסטירטע, צעקאַליעטשעטע און פאַרפּייניג־
טע אין דייטשלאַנד, פּוילן, איטאַליע, עסטרייך, בולגאַריע,
יוגאָסלאַוויע. בלויז אין איין דייטשלאַנד זיינען זינט די
נאַציס זיינען געקומען צו דער מאַכט דערמאָרדעט געוואָרן
איבער 4,200, אַרעסטירט געוואָרן — 317,800, פאַרוואונ-
דעט און געפּייניגט געוואָרן — 218,600 אַנטי־פאַשיסטישע
אַרבעטער, פּויערים, אָנגעשטעלטע, אינטעליגענטן, קאָמו־
ניסטן, סאָציאַל - דעמאָקראַטן, מיטגלידער פון קריסטלעכע
אָפּאָזיציע-אָרגאַניזאַציעס. אין עסטרייך האָט די „קריסט־
לעכע" פאַשיסטישע רעגירונג, זינט די פעברואַר־שלאַכטן
פאַראַיאָרן, דערמאָרדעט 1,900, פאַרוואונדעט און צעקריי־
פּעלט 10,000, אַרעסטירט 40,000 רעוואָלוציאָנערע אַרבע־

טער. און אָט דאָס, חברים, איז נאָך ניט קיין פולער צעטל.

עס איז מיר שווער צו געפינען די ווערטער כדי אויסצודריקן דעם צאָרן וואָס כאַפּט אונז אַרום ביים געדאַנק וועגן די אינקוויזיציעס, וואָס עס לעבן איצט איבער די אַרבעטנדיגע אין אַ ריי פאַשיסטישע לענדער. די ציפערן און פאַקטן, וואָס מיר ברענגען, שפּיגלען ניט אָפּ אַפילו אַ הונדערט חלק פונםווירקלעכן בילד פון יענער עקספּלואַטאַציע און פון יענע פּייניגונגען פונם ווייס־גוואַרדייאישן טעראָר, מיט וועלכן עס איז פול דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פונם אַרבעטער־קלאַס אין פאַרשיידענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. קיין שום ביכער וועלן ניט געבן קיין קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן די אַלע בעסטיאַלישקייטן איבער די אַרבעטער, וואָס מען קאָן גאָרניט אויסרעכענען.

מיט טיפער אויפרעגונג און מיט האַס צו די פאַשיסטישע הענקער בויגן מיר די פאָנען פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל פאַר דעם אומפאַרגעסלעכן אָנדענק פון דזשאַן שער, פּיטע שולצע, לוטגענס — אין דייטשלאַנד, קאָלאָמאַן וואַליש און מיניכרייטער — אין עסטרייך, שאַלאַי און פירסט — אין אונגאַרן, קאָפּאַרדזשיעף, לוטיבראָדסקי און וואָיקאָוו — אין בולגאַריע, פאַר'ן אָנדענק פון טויזנטער און טויזנטער קאָמוניסטישע, סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און ניט-פּאַרטייאישע אַרבעטער און פויערים, פאָרשטייער פון דער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ, וועלכע האָבן אוועקגעגעבן זייער לעבן אין קאַמף מיט'ן פאַשיזם.

פון אָט דער טריבונע באַגריסן מיר דעם פירער פונם דייטשן פּראָלעטאַריאַט און דעם ערן־פּאָרזיצער פון אונזער קאָנגרעס — דעם חבר טעלמאַן (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, אַלע אין זאַל שטייען אויף). מיר באַגריסן די חברים ראַקאָשי, גראַמשי (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, אַלע אין זאַל שטייען אויף), אַנטיקאַינען, יאָנקאָ פּאַנאָוו.

מיר באַגריסן דעם פירער פון די שפּאַנישע סאָציאַליסטן קאַוואַליערא, וועמען די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן האָבן אַריינגעזעצט אין טורמע, טאָם מוני'ן, וועלכער שמאַכט שוין 18 יאָר אין טורמע, און טויזנטער אַנדערע געפאַנגענע פון קאַפּיטאַל און פאַשיזם (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן), און מיר זאָגן זיי:

„ברידער־אין־קאַמף, ברידער־אין־געווער, איר זייט ניט פאַרגעסן געוואָרן. מיר זיינען מיט אייך. יעדע שעה פון אונ־זער לעבן, יעדן טראָפּן פון אונזער בלוט וועלן מיר אוועק־געבן פאַר אייער באפרייאונג און פאַר דער באפרייאונג פון אַלע אַרבעטנדיגע פונ'ם שענדלעכן פאַשיסטישן רעזשים" (שטורמדיגע אַפּלאָדיסמענטן, אַלע אין זאַל שטייען אויף).

חברים, לענין האָט אונז נאָך געוואָרנט, אַז דער בור־זשואַזיע קאָן זיך איינגעבן ארויפצואווארפן זיך מיט שרעק־לעכן טעראָר אויף די ארבעטנדיגע און געבן אין משך פון די אָדער יענע קורצער צייט־פּעריאָדן א ווידערשטאנד די וואקסנדיגע כחות פון דער רעוואָלוציע, אָבער אַז זי וועט זיך סיי ווי ניט ראַטעווען פון אונטערגאַנג.

„דאָס לעבן,—האָט לענין געשריבן, — וועט זיך טאָן זיינס. זאָל די בורזשואַזיע ווילדעווען, בושעווען ביז משוגעת, איבערזאַלצן, באַגיין נארישקייטן, פון פאַראויס נוקם זיין זיך אין די באָלשעוויקעס און סטאַרען זיך צו דערשלאָגן (אין אינדיע, אין אונגאַרן, אין דייטשלאַנד און אַז. וו.) נאָך הונדערטער טויזנטער מאָרגנדיגע אָדער נעכטיגע באָלשעוויקעס: ווען זי האַנדלט אַזוי, טוט זי, ווי עס האָבן געטאָן אַלע קלאַסן, וועלכע זיינען פון דער געשיכטע פאַר'משפט געוואָרן צום אונטערגאַנג. קאָמוניסטן דאַרפן וויסן, אַז, אין יעדן פאַל, די צוקונפט געהערט צו זיי, און דעריבער קאָנען מיר (און דאַרפן) פאַראייניגן די גרעסטע לײַדנשאַפט אין דעם גרויסן רע־וואָלוציאָנערן קאַמף מיט דער סאַמע קאַלטבלוטיגער און ניכטערער אָפּשאַצונג פון דער ווילדער צעיושעטקייט פון דער בורזשואַזיע". (לענין, באַנד 25, ז. 236).

יאָ, אויב מיר און דער פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט וועלן גיין פעסט אויפ'ן וועג, וואָס לענין און סטאַלין האָבן פאַר אונז אָנגעצייכנט, וועט די בורזשואַזיע אומקומען, ניט געקוקט אויף קיין שום זאַך (אַפּלאָדיסמענטן).

איז דער זיג פון פאַשיזם אומפאַרמיידלעך?

פאַרוואָס און אויף וועלכן אופן האָט דער פאַשיזם גע־קענט זיגן?

דער פאַשיזם — דער ערגסטער שונא פונם אַרבעטער־קלאַס און פון אַרבעטנדיגע; דער פאַשיזם — דער שונא פון נײַן־צענטל פון דעם דײַטשן פאָלק, פון נײַן־צענטל פונם עסטרײַכישן פאָלק, פון נײַן־צענטל פון אַנדערע פעלקער פון די פאַשיסטישע לענדער — ווי אַזוי, אויף וועלכן אופן האָט אָט־דער ערגסטער שונא געקענט זיגן?

דער פאַשיזם האָט געקאָנט קומען צו דער מאַכט צום אַלעם ערשטן דערפאַר, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס, אַ דאַנק דער פּאָליטיק פון דער קלאַסן־מיטאַרבעטערשאַפט מיט דער בורזשואַזיע, וואָס עס האָבן געפירט די פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן צעשפּליטערט, פּאָליטיש און אָרגאַניזאַציאָנעל אַנטוואָפנט אין אָנגעזיכט פון דער אָנגרײַפנדיגער בורזשואַזיע. די קאָמוניסטישע פּאַרטייען ווידער, זײַנען געווען ניט שטאַרק גענוג, אַז זיי זאָלן קאָנען אָן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און געגן איר ווילן אויפהויבן די מאַסן און פירן זיי אין אַנטשיידענעם קאַמף געגן פאַשיזם.

און ווירקלעך! זאָלן די מיליאָנען סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער, וועלכע לעבן איצט איבער צוזאַמען מיט זייערע קאָמוניסטישע ברידער די שווידערלעכקייטן פון פאַשיסטישער באַרבאַריי, זאָלן זיי ערנסט אַ טראַכט טאָן: ווען דער עסטרײַכישער און דײַטשער פּראָלעטאַריאַט וואָלט אין 1918, ווען עס איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין דײַטשלאַנד און עסטרײַך, ניט נאָכגעפאָלגט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירערשאַפט פון אָטאָ באַוער, פרידריך אַדלער און רענער אין עסטרײַך, עבערט און שײַדעמאַן אין דײַטשלאַנד, נאָר ווען ער וואָלט געגאַנגען אויפן וועג פון די רוסישע באָלשעוויקעס, אויפן וועג פון לענינ׳ען און סטאַלינ׳ען, וואָלט איצט ניט געווען קיין פאַשיזם, ניט אין עסטרײַך, ניט אין דײַטשלאַנד, ניט אין איטאַליען און אונגאַרן, ניט אין פּוילן, ניט אויף די באַלקאַנען. ניט די בורזשואַזיע, נאָר דער אַרבעטער־קלאַס וואָלט שוין לאַנג געווען דער באַלעבאָס פון דער לאַגע אין אייראָפּע. (אַפּלאָדיסמענטן).

לאָמיר נעמען צום בײַשפּיל די עסטרײַכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. די רעוואָלוציע פון יאָר 1918 האָט זי אויפגעהויבן אויף אַן אומגעהויערער הייך. זי האָט געהאַט די

מאַכט אין די הענט, זי האָט געהאַט שטאַרקע פּאָזיציעס אין דער אַרמיי, אין דעם רעגירונגס־אַפּאַראַט. אָנשפּאַרנדיג זיך אויף אָט די פּאָזיציעס, האָט זי געקענט מיטן וואָרצל ארויסרייסן און פאַרניכטן דעם אויפשפּראָצנדיגן פאַשיזם. אָבער זי האָט אָן ווידערשטאַנד אַוועקגעגעבן איין פּאָזיציע פונם אַרבעטער־קלאַס נאָך דער צווייטער. זי האָט דערלויבט דער בורזשואַזיע צו באַפעסטיגן איר מאַכט, אָפּשאַפן די קאָנסטיטוציע, אָפריינֿיגן דעם רעגירונגס־אַפּאַראַט, די אַרמיי און די פּאָליציי פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פונקציאָנערן, צונעמען דאָס געווער ביי די אַרבעטער. זי האָט דערלויבט די פאַשיסטישע באַנדיטן אומבאַשטראָפטערהייט צו דערמאָרדן סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער, זי האָט אָנגענומען די באַדינגונגען פון דעם היטענבערגער אָפּמאַך, וועלכער האָט געעפנט פאַר די פאַשיסטישע עלעמענטן דעם צוטריט צו די פאַבריקן. אין דער זעלבער צייט האָבן די פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צעטומלט די אַרבעטער מיט דער לינצער פּראָגראַם, וואו עס איז פאָראויסגעזען געוועזן די אַלטערנאַטיווע מעגלעכקייט פון באוואָפנטן אויפשטאַנד געגן דער בורזשואַזיע און דאָס איינשטעלן די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור. דערביי האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַרזיכערט די אַרבעטער, אַז די פּאַרטיי וועט ענטפערן מיט אַ רוף צו אַן אַלגעמיינעם סטרייק און צו אַ באוואָפנטן קאַמף, אויב די הערשנדיגע קלאַסן וועלן אָנווענדן גוואַלד־מיטלען געגן אַרבעטער־קלאַס. פּונקט ווי די גאַנצע פּאָליטיק פון צוגרייטן דעם פאַשיסטישן אָנגריף אויפן אַרבעטער־קלאַס וואָלט ניט געווען איין קייט פון גוואַלד־טאַטן איבער אים — גוואַלד־טאַטן וואָס זיינען צוגעדעקט געוואָרן מיט קאָנסטיטוציאָנעלע פאָרמען! אַפילו ערב און אין דער צייט פון די פעברואַר־שלאַכטן, האָט די פירערשאַפט פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דערלאָזט, אַז דער העלדיש־קעמפנדיגער שוץ־בונד זאָל זיין אָפּגעריסן פון די ברייטע מאַסן און האָט פאַראורטיילט דעם עסטרייכישן פּראָלעטאַריאַט צו אַ ניִדערלאַגע.

איז דען דער זיג פון פאַשיזם אין דייטשלאַנד געווען אומפאַרמיידלעך? ניין, דער דייטשער אַרבעטער־קלאַס האָט אים געקאָנט פאַרמיידן.

אָבער צוליב דעם האָט ער זיך געדאַרפט דערשלאָגן עס זאָל געשאַפן ווערן אַ פאַראייניגטער אַנטי־פאַשיסטישער פּראָלעטאַרישער פראָנט, האָט ער געדאַרפט צווינגען די פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אָפּצושטעלן דעם אָנגריף אויף קאָמוניסטן און אָנצונעמען די פיל־מאָליגע פאָרשלאַגן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי וועגן פאַראייניגטער אַקציע געגן פאַשיזם.

מיטן אָנקומען פונם פאַשיזם און מיט דער שטופנווייזער ליקווידאַציע פון די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע פרייהייטן דורך דער בורזשואַזיע, האָט דער אַרבעטער־קלאַס ניט געטאָרט זיך צופרידנשטעלן מיט די ווערטערלעכע רעזאָלוציעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, נאָר ענטפערן מיט אַ ווירקלעכן מאַסן־קאַמף, וואָס וואָלט שווער געמאַכט פאַר דער דייטשער בורזשואַזיע צו פאַרווירקלעכן אירע פאַשיסטישע פּלענער. דער אַרבעטער־קלאַס האָט ניט געטאָרט דערלאָזן, אַז די רעגירונג פון בראַון און סעווערינג זאָל פאַרבאָטן דעם בונד פון די רויטע פראָנט־קעמפער, נאָר ער האָט געדאַרפט איינשטעלן צווישן אים און צווישן דעם כמעט מיליאָניגן רייכסבאַנער (סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, האַלב־מיליטערישע מאַסן־אָרגאַניזאַציע) אַ קאַמפּס־בונד און צווינגען בראַונ'ען און סעווערינג'ען צו באַוואָפענען ביידע אָרגאַניזאַציעס פאַר אַ ווידערשטאַנד געגן די פאַשיסטישע באַנדעס און כדי זיי צו צעשמעטערן.

דער אַרבעטער־קלאַס האָט געדאַרפט צווינגען די פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע זיינען געשטאַנען אָן דער שפיץ פון דער רעגירונג אין פרייסן, אָנצונעמען שוץ־מיטלען געגן פאַשיזם, אַרעסטירן די פאַשיסטישע פירער, צומאַכן זייער פרעסע, קאָנפיסקירן זייערע געלט־מיטלען און די מיטלען פון די קאַפּיטאַליסטן, וועלכע האָבן מיט סובסידיעס געשטיצט די פאַשיסטישע באַוועגונג, אויפלייזן די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, צונעמען ביי זיי דאָס געווער א. אַז. וו.

ווייטער האָט ער זיך געדאַרפט דערשלאָגן דערצו, אַז אַלע פאָרמען פון סאָציאַלער הילף זאָלן אויפגעשטעלט און אויסגעברייטערט ווערן, אַז עס זאָל איינגעשטעלט ווערן אַ מאָראַטאָריום און קריזיס־הילף פאַר פויערים, וועלכע זיינען

רואינירט געוואָרן פון די קריזיסן, אויפן חשבון פון שטייערן אויף די בענק און טראַסטן, און אויף אַזאַ אופן פאַרזיכערן זיך די שטיצע מצד דעם האַרעפּאַשנעם פּויערטום. דאָס איז ניט געטאָן געוואָרן צוליב דער שולד פון דער סאָציאַל־דע־מאָקראַטיע אין דייטשלאַנד, און דעריבער האָט דער פאַשיזם געקענט זיגן.

צי האָבן די בורזשואַזיע און די פּריצים אומפאַרמייד־לעך געמוזט זיגן אין שפּאַניע — אין אַ לאַנד וואו די כחות פון פּראָלעטאַרישן אויפשטאַנד זיינען אַזוי גינסטיק קאָמ־בינירט מיטן פּויערים־קריג?

די שפּאַנישע סאָציאַליסטן זיינען געווען אין דער רע־גירונג זינט די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע. האָבן זיי איינגעשטעלט אַ קאַמפּס־בונד צווישן די אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציעס פון אַלע פּאָליטישע ריכטונגען, איינגעשלאָסן קאָמו־ניסטן און אַנאַרכיסטן, און האָבן זיי פאַראייניקט דעם אַרבע־טער־קלאַס אין אַן איינהייטלעכער טרעיד־יוניאָן אָרגאַניזאַ־ציע? האָבן זיי געפאָדערט, אַז עס זאָלן קאָנפיסקירט ווערן אַלע ערדן פון די פּריצים, קלויסטערס און מאָנאַסטירן צום גונסטן פון די פּויערים, כדי איבערצוגעווינען זיי אויף דער זייט פון דער רעוואָלוציע? האָבן זיי געפּרוּווט קעמפן פאַר דער נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג פון די קאַטאַלאָ־ניער, פון די באַסקן, פאַר דער באַפרייאונג פון מאַראָקאָ? האָבן זיי אָפּגערייניקט די אַרמיי פון מאָנאַרכיסטישע און פאַ־שיסטישע עלעמענטן, צוגרייטנדיק איר איבערגאַנג אַף דער זייט פון די אַרבעטער און פּויערים? האָבן זיי אויפגעלייזט די פאַרהאַסטע „ציווילע גוואַרדיע" — דער הענקער פון אַלע פאָלקס־באַוועגונגען? האָבן זיי דערלאַנגט אַ קלאַפּ דער פאַ־שיסטישער פּאַרטיי פון גיל ראָבליעס, דער מאַכט פון דער קאַטוילישער קירך? ניין, זיי האָבן דאָס אַלץ ניט געטאָן. זיי האָבן צוריקגעוואָרפן די פיל־מאָליגע פאָרשלאָגן פון די קאָמוניסטן וועגן פאַראייניגטער אַקציע געגן דעם אָנגריף פון דער בורזשואַז־פּריצישער רעאַקציע און פאַשיזם, זיי האָבן דורכגעפירט וואַל־געזעצן וועלכע האָבן דערלויבט דער רע־אַקציע קריגן אַ מערהייט אין קאָרטעס (פאַרלאַמענט), געזע־צען וועלכע באַשטראָפן די פאָלקס־באַוועגונגען, געזעצן לויט וועלכע מען פאַר'משפט איצט די העלדישע קוילן־גרעבער פון

אסטוריע. זיי האָבן מיט די הענט פון דער „ציווילער גוואַר־דיע" דערשאָסן פּויערים, וואָס האָבן געקעמפט פאַר ערד, און אז. וו.

אזוי, חברים, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דעזאָר־גאַניזירנדיג און שפּאַלטנדיג די רייען פונם אַרבעטער־קלאַס, אויסגעפּלאַסטערט פאַרן פאַשיזם דעם וועג צו דער מאַכט סיי אין דייטשלאַנד, סיי אין עסטרייך, סיי אין שפּאַניע.

חברים, דער פאַשיזם האָט געוויזן אויך צוליב דעם, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אָפּ־געריסן פון זיינע נאַטירלעכע שותפים. דער פאַשיזם האָט געזיגט דערפאַר, וואָס אים איז געלונגען מיטצורייסן נאָך זיך גרויסע מאַסן פּויערים, אַ דאַנק דעם וואָס די סאָציאַל־דע־מאָקראַטיע האָט אין נאָמען פונם אַרבעטער־קלאַס דורכגע־פירט אין עצם אַן אַנטי־פּויערשע פּאָליטיק. דער פּויער האָט געזען ביי דער מאַכט אַ ריי סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רעגירונ־גען, וועלכע האָבן אין זיינע אויגן פאַרקערפּערט מיט זיך די מאַכט פונם אַרבעטער־קלאַס, נאָר קיין איינע פון זיי האָט ניט געליייזט די פּויערשע נויט, קיין איינע פון זיי האָט דעם פּויערטום ניט געגעבן קיין ערד. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דייטשלאַנד האָט ניט אָנגערירט די פּריצים; זי האָט זיך געשטעלט געגן די סטרייקס פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַר־בעטער. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז די לאַנד־ווירשאַפטלעכע אַרבעטער אין דייטשלאַנד האָבן נאָך לאַנג איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט פאַרלאָזן די רע־פאָרמיסטישע טרעיד־יוניאָנס און זיינען אין די מערסטע פאַ־לען אַריבערגעגאַנגען צום „שטאַלהעלם" און צו די נאַציאָ־נאַל־סאָציאַליסטן.

דער פאַשיזם האָט געזיגט אויך דערפאַר, וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן אַריינדרינגען אין די רייען פון דער יוגנט, בשעת די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אָפּגעריסן די אַרבעטער־יוגנט פונם קלאַסן־קאַמף און דער רעוואָלוציאָנע־רער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט פאַנאַנדערגעוויקלט צווישן דער אַרבעטער־יוגנט די נויטיגע דערציאונג־אַרבעט און האָט ניט געשיינקט גענוג אויפמערקזאַמקייט דעם קאַמף פאַר די ספּעציפישע אינטערעסן און נויטן פון דער יוגנט. דער פאַשיזם האָט אויפגעכאַפּט דעם באַזונדער שאַרפן באַגער נאָך קאַמף־

אקטיוויטעט, וואָס געפינט זיך ביי דער יוגנט, און ער האָט אריינגעצויגן אַ באַדייטנדיגן טייל אירן אין זיינע שטורם־אַפּטיילונגען. דער נייער דור פון דער מענערשער און פרויען יוגנט איז ניט דורכגעגאנגען די שווידערלעכקייטן פון דער מלחמה. ער טראָגט אויף זיינע פּלייצעס די גאַנצע שווערקייט פונם עקאָנאָמישן קריזיס, אַרבעטלאָזיגקייט און פאַנאַנדערפאַלונג פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטיע. ניט זעענדיג קיין אויסזיכטן אויף דער צוקונפט, האָבן זיך באַדייטנדיגע שיכטן פון דער יוגנט אַרויסגעוויזן צו זיין באַזונדערס אויפנאַם־פיאיג פאַר דער פאַשיסטישער דעמאַגאָגיע, וועלכע מאָלט פאַר זיי אַ גאָלדענע צוקונפט נאָכן זיג פון פאַשיזם.

אין פאַרבינדונג דערמיט קאָנען מיר אויך ניט פאַרבייגיין אַ ריי טעות'ן פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, — טעות'ן, וועלכע האָבן טאָרמאַזירט (אָפּגעהאַלטן) אונזער קאַמף געגן פאַשיזם.

אין אונזערע רייען האָט געהערשט אַ ניט־דערלאָזבאַרע אונטערשאַצונג פון דער פאַשיסטישער געפאַר, וועלכע איז נאָך ביז איצט ניט אומעטום באַזייטיגט. עס זיינען געווען אַזעלכע איינשטעלונגען אין אונזערע פּאַרטייען, אַז „דייטשלאַנד איז ניט איטאַליע" — אין דעם זינען, אַז דער פאַשיזם האָט געקאָנט, הייסט עס, זיגן אין איטאַליע, נאָר ער קאָן ניט זיגן אין דייטשלאַנד, דערפאַר ווייל דייטשלאַנד איז אַן אינדוסטריעל הויך־אַנטוויקלט לאַנד, הויך־קולטורעל לאַנד, אַ לאַנד וואָס האָט געהאַט אַ 40־יאָריגע טראַדיציע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. אָדער אַזעלכע איינשטעלונגען, וועלכע זיינען נאָך אויך איצט פאַראַן, אַז אין די לענדער פון דער „קלאַסישער" בורזשואַזער דעמאָקראַטיע איז ניטאָ קיין באָדן פאַרן פאַשיזם. אַזעלכע איינשטעלונגען האָבן געקאָנט און קאָנען העלפן אָפּשוואַכן די וואַכזאַמקייט בנוגע דער פאַשיסטישער געפאַר און מאַכן שווערער די מאָביליזאַציע פונם פּראָלעטאַריאַט אינם קאַמף געגן פאַשיזם.

מען קאָן ברייגען אויך ניט ווייניג ביישפּילן דערפון, ווי אַזוי קאָמוניסטן זיינען פון דער פאַשיסטישער איבערקערעניש געטראָפן געוואָרן אומדערוואַרט. דערמאָנט זיך אָן בולגאַריע, וואו די פירערשאַפט פון אונזער פּאַרטיי האָט

פאַרנומען אַ „נעיטראַלע", און אין עצם אַן אָפּאָרטוניסטישע שטעלונג צו דער איבערקערעניש פון 29טן יוני 1923. דערמאָנט זיך אָן פּוילן וואו אין מאַי 1926 האָט די פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ניט ריכטיג אָפּגעשאַצט די טרייב־קרעפטן פון דער פּוילישער רעוואָלוציע און ניט געקאָנט דערזען דעם פאַשיסטישן כאַראַקטער פון פּילסודסקי'ס איבערקערעניש און זיך נאָכגעשלעפט אין עק פון די געשעענישן. דערמאָנט זיך אָן פינלאַנד, וואו אונזער פּאַרטיי איז אַרויסגעגאַנגען פון אַ ניט־ריכטיגער פאָרשטעלונג וועגן אַ לאַנגזאַמער, שטופּנווייזער פּאַשיזאַציע און האָט פאַרזען די פּאַשיסטישע איבערקערעניש, וועלכע איז צוגעגרייט געוואָרן פון דער אָנפירנדיגער גרופּע פון דער בורזשואַזיע און וועלכע האָט געטראָפן די פּאַרטיי און דעם אַרבעטער ־ קלאַס אומגעריכט.

ווען דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם איז שוין געוואָרן אַ דראָענדיגע מאַסן־באַוועגונג אין דייטשלאַנד, האָבן אַזעלכע חברים ווי האַינץ נוימאַן, פאַר וועמען ברינינג'ס רעגירונג איז שוין געוועז די רעגירונג פון דער פּאַשיסטישער דיקטאַטור, דערקלערט וואויל־יונגעריש: „אויב די היטלערישע „דריטע אימפּעריע" וועט ווען עס איז אָנקומען, וועט דאָס זיין בלויז אויף אַנדערהאַלבן מעטער אונטער דער ערד, און איבער איר — די זיגרייכע אַרבעטער־מאַכט".

אונזערע חברים אין דייטשלאַנד האָבן אַ לאַנגע צייט זיך ניט גערעכנט מיט'ן פאַרלעצטן נאַציאָנאַלן געפיל און צאָרן פון די מאַסן געגן ווערסאַיל, האָבן זיך מיט ביטול באַציוגן צו די וואַקלענישן פונם פויערטום און פונם קליינבירגערטום, האָבן פאַרשפּעטיגט מיט דער פּראָגראַם פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, און ווען זיי האָבן זי יע אַרויסגעשטעלט, האָבן זיי ניט באַוויזן צו אָנווענדן איר צו די קאָנקרעטע פאָדערונגען און צום ניוואָ (צושטאַנד) פון די מאַסן, האָבן ניט באַוויזן אַפילו ברייט צו פּאָפּולאַריזירן זי צווישן די מאַסן.

אין אַ ריי לענדער האָט מען פאַרביטן די נויטיגע אויסשפּרייטונג פונם מאַסן־קאַמף געגן פאַשיזם אויף אַ פרוכטלאָזן פּלפּול וועגן דעם כאַראַקטער פון פאַשיזם „אין אַלגע־

מיין" און אויף סעקטאַנטישער שמאָלקייט אין פּרט פון אוועקשטעלן און לייזן די אַקטועלע פּאָליטישע אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי.

חברים, מיר רעדן וועגן די אורזאַכן פונ'ם זיג פון פאַשיזם, מיר ווייזן אָן אויף דער היסטאָרישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַר דער נידערלאַגע פונ'ם אַרבעטער־קלאַס, מיר מערקן אָן אויך אונזערע אייגענע טעות'ן אינ'ם קאַמף מיט'ן פאַשיזם—ניט גלאַט צוליב דעם, ווייל מיר ווילן זיך גריבלען אין פאַרגאַנגענהייט. מיר זיינען ניט קיין פון־לעבן־אָפּגעריסענע היסטאָריקער—מיר, די קעמפערישע טוער פונ'ם אַרבעטער־קלאַס, מוזן ענטפערן אויף דער פראַגע, וועלכע מאַטערט מיליאָנען אַרבעטער: צי קאָן מען—און מיט וועלכע מיטלען קאָן מען—פאַרמיידן דעם זיג פון פאַשיזם? און מיר ענטפערן אַט די מיליאָנען אַרבעטער: יע, חברים, מען קאָן פאַרשטעלן דעם פאַשיזם דעם וועג. דאָס איז פולשטענדיג מעגלעך. דאָס הענגט אָפּ פון אונז אַליין—פון די אַרבעטער, פויערים, פון אַלע אַרבעטנדיגע!

דאָס פאַרמיידן דעם זיג פון פאַשיזם הענגט אָפּ, צום אַלעם ערשטן, פון דער קאַמפּס־טעטיגקייט פונ'ם אַרבעטער־קלאַס גופא, פון דער פאַראייניגונג פון זיינע כחות אין איין איינהייטלעכער קאַמפּס־אַרמיי געגן דעם אָנגריף פון קאַפּיטאַל און פאַשיזם. אַ פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט געשאַפן ביי זיך קאַמף־איינינקייט, וואָלט געקענט פּאַראַליזירן די ווירקונג פונ'ם פאַשיזם אויפ'ן פויערטום, אויפ'ן שטאָטישן קליינבירגערטום, אויף דער יוגנט און אינטעליגענץ, ער וואָלט געקענט איין טייל זייערן נייטראַליזירן און אַ צווייטן טייל—אַריבערציען אויף זיין זייט.

צווייטנס, הענגט דאָס אָפּ פון דער אָנוועזנהייט פון אַ שטאַרקער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, וואָס פירט ווי געהעריג אָן מיט'ן קאַמף פון די אַרבעטנדיגע געגן פאַשיזם. אַ פּאַרטיי, וועלכע רופט כסדר די אַרבעטער אָפּצוטרעטן פאַר'ן פאַשיזם און דערלויבט דער פאַשיסטישער בורזשואַזיע צו באַפעסטיגן אירע פּאָזיציעס—אַזאַ פּאַרטיי וועט אומפאַרמיידלעך דערפירן די אַרבעטער צו אַ נידערלאַגע.

דריטנס, הענגט דאָס אָפּ פון דער ריכטיגער פּאָליטיק

פון דעם ארבעטער־קלאס בנוגע דעם פויערטום און די קליינבירגערלעכע מאסן פון דער שטאט. די דאזיגע מאסן דארף מען נעמען ווי זיי זיינען, און ניט ווי מיר וואלטן זיי געוואלט זען. בלויז אינ'ם פראצעס פון קאמף וועלן זיי אויסלעבן זייערע צווייפלען און וואקלענישן, בלויז ביי א געדולדיגער באציאונג צו זייערע אומפארמיידלעכע וואקלענישן און בלויז מיט דער פאליטישער הילף פון דעם פראלעטאריאט וועלן זיי זיך קענען אויפהויבן אויף א העכערער שטופע פון רעוואלוציאנערן באוואוסטזיין און אקטיוויטעט.

פערטנס, הענגט דאס אפ פון דער וואכזאמקייט פון דער צייטמעסיגער האנדלונג פונ'ם רעוואלוציאנערן פראלעטאריאט. ניט דערלויבן דעם פאשיזם צו כאפן דיך אומדערווארטעט, ניט אוועקגעבן אים די איניציאטיוו, דערלאנגען אים אנטשיידנדיגע קלעפ, ווען ער האט נאך ניט באוויזן אננעמען זיך מיט כח, ניט דערלאזן אים באפעסטיגן זיך, געבן אים א ווידערשטאנד אויף יעדן שריט וואו ער באווייזט זיך, ניט דערלאזן אים געווינען נייע פאזיציעס, ווי דאס האט געפרואווט מיט דערפאלג טאן דער פראנצויזישער פראלעטאריאט. (אפלאדיסמענטן).

אט דאס זיינען די וויכטיגסטע באדינגונגען אויף ניט צו דערלאזן דעם וואוקס פון פאשיזם און זיין קומען צו דער מאכט.

פאשיזם — א צעיושעטע, אבער ניט קיין פעסטע מאכט

די פאשיסטישע דיקטאטור פון דער בורזשואזיע—דאס איז א צעיושעטע מאכט, אבער ניט קיין פעסטע.

אין וואס באשטייען די הויפט־אורזאכן פון דער ניט־פעסטקייט פון דער פאשיסטישער דיקטאטור?

דער פאשיזם, וועלכער האט זיך גענומען בייקומען די געגנזאצן און ווידערשפרוכן אין דעם לאגער פון דער בורזשואזיע, פארשארפט נאך מער אט די געגנזאצן. דער פאשיזם סטארעט זיך איינצושטעלן זיין פאליטישן מאנאפאל, פארניכטנדיג דערביי מיט גוואלד אנדערע פאליטישע פארטייען. אבער די עקזיסטענץ פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם, די עקזיסטענץ פון פארשיידענע קלאסן און די פאר־

שאַרפונג פון קלאַסן־ווידערשפּרוכן פירן אומפאַרמיידלעך צו
דער אויפטרייסלונג און צום אויפרייס פונ׳ם פּאָליטישן מאָ־
נאָפּאָל פונם פאַשיזם. דאָס איז ניט א סאָוועטן־לאַנד, וואו די
דיקטאַטור פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט ווערט אויך פאַרווירקלעכט
דורך אן איינהייטלעכער פּאַרטיי, און וואו אָט די פּאָליטישע
מאָנאָפּאָליע ענטפערט אויף די אינטערעסן פון די מיליאָנען
אַרבעטנדיגע און שטיצט זיך אַלץ מער און מער אויף דער
בויאונג פון א קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט. אין א פאַשיסטישן
לאַנד קאָן די פּאַרטיי פון פאַשיסטן ניט אויפהאַלטן אויף
לאַנג איר מאָנאָפּאָל, ווייל זי איז ניט אימשטאַנד צו שטעלן
זיך די אויפגאַבע פון פאַרניכטן די קלאַסן און די קלאַסן־
ווידערשפּרוכן. זי פאַרניכטעט די לעגאַלע עקזיסטענץ פון
בורזשואַזע פּאַרטייען, אָבער א גאַנצע ריי פון זיי האַלט ווײ־
טער אָן אן אומלעגאַלע עקזיסטענץ, און די קאָמוניסטישע
פּאַרטיי גייט אויך פאָראויס אונטער אומלעגאַלע באַדינגונ־
גען, זי ווערט פאַרהאַרטעוועט און זי פירט אָן מיט׳ן קאַמף
פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט געגן דער פאַשיסטישער דיקטאַטור.
אַזוי אַרום מוז דער פאַשיסטישער מאָנאָפּאָל פון דעם פאַ־
שיזם אויפגעריסן ווערן אונטער די קלעפּ פון די קלאַסן־
ווידערשפּרוכן.

אן אַנדער אורזאַך פון דער ניט־פעסטקייט פון דער פאַ־
שיסטישער דיקטאַטור איז דאָס, וואָס דער קאָנטראַסט צווי־
שען דער אַנטי־קאַפּיטאַליסטישער דעמאַגאָגיע פונ׳ם פאַשיזם
און צווישן דער פּאָליטיק פון דער סאַמע רויבערישער באַ־
רייכערונג פון דער מאָנאָפּאָליסטישער בורזשואַזיע, מאַכט
גרינגער אויפצודעקן דעם קלאַסן־כאַראַקטער פונ׳ם פאַשיזם
און פירט צו דער אויפטרייסלונג און פאַרשמעלערונג פון זיין
מאַסן־באַזע.

ווייטער, דער זיג פון פאַשיזם רופט אַרויס טיפן האַס
און צאָרן פון די מאַסן, העלפט־מיט זיי זאָלן ווערן רעוואָ־
לוציאָניזירט און גיט אַ מעכטיגן שטויס דעם פאַראייניגטן
פראָנט פון פּראָלעטאַריאַט געגן פאַשיזם.

פירנדיג אַ פּאָליטיק פון עקאָנאָמישן נאַציאָנאַליזם (אווי־
טאַרקיע) און פאַרכאַפּנדיג אַלץ גרעסערע טיילן פונ׳ם איינ־
קונפט פון פאָלק פאַר דער צוגרייטונג פון מלחמה, רייסט
דער פאַשיזם אונטער די ווירטשאַפט פון לאַנד און פאַר־

שאַרפט דעם עקאָנאָמישן קריג צווישן די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. די קאָנפליקטן, וואָס קומען פאָר אינעווייניג אין די רייען פון דער בורזשואַזיע, גיט ער צו אַ כאַראַקטער פון שאַרפע און אָפטע בלוטיגע צוזאַמענשטויסן, און דאָס רייסט אונטער די שטאַנדהאַפטיגקייט פון דער פאַשיסטישער רע־גירונגס־מאַכט אין די אויגן פון׳ם פאָלק. אַ מאַכט, וועלכע דערמאָרדעט אירע אייגענע אָנהענגער, ווי דאָס איז געווען פאַראַיאָרן, דעם 30טן יוני, אין דייטשלאַנד, אַ פאַשיסטישע מאַכט, געגן וועלכער עס קעמפּט מיט געווער אין די הענט אַן אַנדער טייל פון דער פאַשיסטישער בורזשואַזיע (דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער „פּוטש" אין עסטרייך, די שאַר־פע אַרויסטרעטונגען פון באַזונדערע פאַשיסטישע גרופּן געגן דער פאַשיסטישער רעגירונג אין פּוילן, בולגאַריע, פינלאַנד און אַנדערע לענדער), — אַזאַ לאַנד קאָן לאַנג ניט האָבן קיין אויטאָריטעט אין די אויגן פון די ברייטע קליינבירגער־לעכע מאַסן.

דער אַרבעטער־קלאַס דאַרף קענען אויסנוצן די ווידער־שפּרוכן און קאָנפליקטן אין דעם לאַגער פון דער בורזשואַ־זיע, אָבער ער טאָר זיך ניט שפּייזן מיט אילוזיעס, אַז דער פאַשיזם וועט כלומרשט זיך אַליין אויסשעפּן. דער פאַשיזם וועט ניט פאַלן אויטאָמאַטיש (פון זיך אַליין). בלויז די רע־וואָלוציאָנערע אַקטיוויטעט פונם אַרבעטער־קלאַס וועט מיט־העלפן עס זאָלן אויסגענוצט ווערן די קאָנפליקטן וואָס קומען אומפאַרמיידלעך פאָר אינם לאַגער פון דער בורזשואַזיע, כדי צו אונטערגראָבן די פאַשיסטישע דיקטאַטור און זי אַרונ־טערוואַרפן. ווען דער פאַשיזם פאַרניכטעט די רעשטלעך פון בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, ווען ער פירט איין אָפענע גע־וואַלט־הערשאַפט אין דער רעגירונגס־סיסטעם, רייסט ער אַרונטער די דעמאָקראַטישע אילוזיעס און די אויטאָריטעט פון געזעצלעכקייט אין די אויגן פון די האָרעפּאַשנע מאַסן. דאָס קומט באַזונדערס פאָר אין אַזעלכע לענדער, ווי עסטרייך און שפּאַניע צום ביישפּיל, וואו די אַרבעטער זיינען אַרויס־געטראָטן מיט געווער אין די הענט געגן דעם פאַשיזם. אין עסטרייך האָט דער העלדישער קאַמף פונם שוץ־בונד און פון די קאָמוניסטן, ניט געקוקט אויף דער נידערלאַגע, צע־טרייסלט פון סאַמע אָנהויב די פעסטקייט פון דער פאַשיס־

טישער דיקטאטור. אין שפּאַניע איז דער בורזשואַזיע ניט געלונגען אָנצוטאָן אַ פאַשיסטישן שלאָס אויפ'ן מויל פון די אַרבעטנדיגע. די באַוואָפנטע קאַמפן אין עסטרייך און אין שפּאַניע האָבן געבראַכט דערצו, אַז אַלע ברייטערע מאַסן פונם אַרבעטער-קלאַס אָנערקענען די נויטיגקייט פון רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף.

בלויז אַזעלכע מאָנסטעהאַפטע פיליסטערן (באַלעבעסלעך), בלויז אַזעלכע לאַקייען פון דער בורזשואַזיע ווי דער עלטסטער טעאָרעטיקער פונ'ם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, קאַרל קאַוטסקי, האָבן געקאָנט אויפוואַרפן די אַרבעטער, אַז מען האָט ניט געדאַרפט זיך נעמען פאַר'ן געווער אין עסטרייך און אין שפּאַניע. ווי אַזוי וואָלט איצט די אַרבעטער־באַוועגונג אין עסטרייך און אין שפּאַניע אויסגעקוקט, ווען דער אַרבעטער־קלאַס פון אָט־די לענדער וואָלט געפירט געוואָרן לויט די פאַררעטערישע עצות פון די קאַוטסקים? דער אַרבעטער־קלאַס וואָלט דאַן איבערגעלעבט אַ טיפע דעמאָראַליזאַציע אין זיינע אייגענע רייען.

„די פעלקער, — זאָגט לענין, — גייען דורך די שול פון בירגער־קריג ניט אומזיסט. דאָס איז אַ שווערע שול, און איר פולער קורס אַנטהאַלט אומפאַרמיידלעך די זיגן פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע, די צעווילדעווקייט פון צעבושעוועטע רעאַקציאָנערן, דעם בלוטיגן חשבון, וואָס די אַלטע מאַכט פירט אונטער מיט די בונטאַרן און אַז. וו. אָבער בלויז ווילדע פעדאַנטן און מומיעס, וואָס זיינען שוין אַרונטער פון זינען, קאָנען וויינען דערויף וואָס די פעלקער טרעטן אַריין אין אָט־דער פיינלעכער שול. אָט די שול לערנט די אונטערדריקטע קלאַסן צו פירן בירגער־קריג, זי לערנט וועגן זיגרייכער רעוואָלוציע, זי קאָנצענטרירט אין די מאַסן פון די הייַנטיגע שקלאַפן אָט־די שנאָה, וואָס שקלאַפן, דערשלאָגענע, טעמפּע, אומוויסנדיגע, האַלטן אין זיך אייביג פאַרבאָרגן, און זי פירט צו די גרעסטע היסטאָרישע העלדן־טאַטן אָט־די שקלאַפן, וועלכע האָבן אָנערקענט די שאַנד פון זייער שקלאַפעריי".

דער זיג פונם פאַשיזם אין דייטשלאַנד האָט מיט זיך, ווי באַקאַנט, געבראַכט אַ נייע כוואַליע פון פאַשיסטישן אָנגריף,

וועלכע האָט אין עסטרייך געפירט צו דער דאָלפוס־פּראָוואָקאַציע, אין שפּאַניע — צו נייע אָנגריפן פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע אויף די רעוואָלוציאָנערע דעראָבערונגען פון די מאַסן, אין פּוילן — צו דער פאַשיסטישער רעפאָרמע פון דער קאָנסטיטוציע, און אין פראַנקרייך האָט זי אין פעברואַר 1934 דערמוטיגט די באַוואָפנטע פאַשיסטן־אָפּטיילונגען צו פּרובירן מאַכן אַ רעגירונגס־איבערקערעניש. אָבער אָט־דער זיג און די צעיושעטקייט פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור האָבן אַלס ענטפער אַרויסגערופן די באַוועגונג פונם פאַראייניגטן פּראָלעטאַרישן פראָנט געגן פאַשיזם אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. דער רייכסטאַג־פייער, וועלכער איז געווען אַ סיגנאַל פאַר אַן אַלגעמיינעם אָנגריף פון פאַשיזם אויפן אַרבעטער־קלאַס, דאָס פאַרכאַפּן און ראַבירן די פּראָפ־פאַראיינען (יוניאָנס) און אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, די געשרייען פון די פאַרפּייניגטע אַנטי־פאַשיסטן, וואָס טראָגן זיך פון די קעלערס, פאַשיסטישע קאַזאַרמעס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווייזן די מאַסן באַשיינפּערלעך צו וואָס עס האָט דערפירט די רעאַקציאָנערע ברעכערישע ראָל פון די פירער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס האָבן אָפּגעוואָרפן די פאָרשלאַגן פון די קאָמוניסטן פאַר אַ פאַראייניגטן קאַמף געגן דעם אָנגרייפנדיגן פאַשיזם. דאָס אַלץ איבערצייגט די מאַסן, אַז עס איז נויטיג צו פאַראייניגן אַלע כוחות פונ׳ם אַרבעטער־קלאַס כדי דעם פאַשיזם אַרונטערצוּוואַרפן.

היטלער׳ס זיג האָט אויך געגעבן אַן אַנטשיידנדיגן שטויס פאָראויס די באַוועגונג צו שאַפן אַ פאַראייניגטן פראָנט פונם אַרבעטער־קלאַס געגן פאַשיזם אין פראַנקרייך. היטלער׳ס זיג האָט ניט נאָר אויפגעוועקט ביי די אַרבעטער די שרעק פאַרן גורל פון די דייטשע אַרבעטער, האָט ניט נאָר אָנגעצונדן דעם האַס צו די הענקער פון זייערע דייטשע קלאַסן־ברידער, נאָר האָט אויך באַפעסטיגט אין זיי די אַנטשלאָסנקייט אין קיין פאַל ניט צו דערלאָזן ביי זיך אין לאַנד דאָס זעלבע, וואָס איז געשען מיטן אַרבעטער־קלאַס אין דייטשלאַנד.

דער מעכטיגער דראַנג צום פאַראייניגטן פראָנט, וואָס קומט איצט פאָר אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, באַווייזט אַז דאָס וואָס די נידערלאַגע האָט געלערנט איז ניט

אַוועק אין נִיוועץ. דער אַרבעטער־קלאַס הויבט אָן צו האַנדלען אויף אַ נייעם אופן. די איניציאַטיווע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ביים אָרגאַניזירן דעם פּאַראייניגטן פראָנט און די העכסטע זעלבסט־אָפּפערונג פון די קאָמוניסטן און רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער אין קאַמף געגן פאַשיזם, האָבן געבראַכט מיט זיך דעם אויסערגעוויינלעכן אויפשטייג פון דער אויטאָריטעט פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אין דער זעלבער צייט אַנטוויקלט זיך אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אַ טיפער קריזיס. דער סיגנאַל פאַר דעם קריזיס איז געווען דער באַנקראָט פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער קאָנען זיך נאָך קלאָרער איבערצייגן אין דעם, אַז דאָס פאַשיסטישע דייטשלאַנד מיט אַלע זיינע גרוילטאַטן און באַרבאַרישקייטן איז אין לעצטן סך־הכל דער רעזולטאַט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאָליטיק פון קלאַסן־מיטאַרבעטערשאַפט מיט דער בורזשואַזיע. פאַר די דאָזיגע מאַסן ווערט אַלץ קלאָרער, אַז דער וועג, אויף וועלכן די פירער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָבן זיי געפירט, טאָר ניט ווידערהאָלט ווערן. אין לאַגער פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזאַ אידעאָלאָגישע צעמישעניש, ווי איצט. אין אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען קומט פאָר אַ דיפערענציאַציע. אין זייערע רייען פאָרמירן זיך אַרויס צוויי הויפּט־לאַגערן: זייט־ביי־זייט מיטן עקזיסטירנדיגן לאַגער פון די רעאַקציאָנערע עלעמענטן, וועלכע באַמיען זיך אויף פאַרשיידענע אופנים אָנצוהאַלטן דעם בלאָק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע מיט דער בורזשואַזיע און וועלכע וואַרפן אָפּ מיט צאָרן דעם פאַראייניגטן פראָנט מיט די קאָמוניסטן, הויבט זיך אָן פאָרמירן דער לאַגער פון רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, וועלכע צווייפלען אין דער ריכטיגקייט פון דער פּאָליטיק פון קלאַסן־מיטאַרבעטערשאַפט מיט דער בורזשואַזיע, וועלכע זיינען פאַר דעם אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ פאַראייניגטער פראָנט מיט די קאָמוניסטן און וועלכע הויבן אָן אַלץ מער און מער אַריבערגיין אויף דער פּאָזיציע פון רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף.

דער פאַשיזם, וועלכער איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון דעם באַרג־אַראָפּ גאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיס־טעם, ווירקט, אין זיין לעצטן סך־הכּל, ווי אַ פאַקטאָר פון איר ווייטערדיקן פאַנאַנדערפאַל. דער פאַשיזם, וועלכער האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו באַגראָבן דעם מאַרקסיזם, די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פונם אַרבעטער־קלאַס, פירט אַזוי אַרום אַליין, אַלס רעזולטאַט פון דער דיאַלעקטיק פון לעבן און פון אַרבעטער־קאַמף, צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון יענע כחות, וועלכע וועלן ווערן זיינע באַגרעבער, די באַגרעבער פון קאַפּיטאַליזם.
(אַפּלאָדיסמענטן.)

2.

פֿאַראייניגטער פראָנט פון אַרבעטער-קלאַס געגן פֿאַשיזם

חברים! מיליאָנען אַרבעטער און אַרבעטנדיגע מענטשען אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער שטעלן די פראַגע: ווי אַזוי זאָל מען שטערן דעם פֿאַשיזם צו קומען צו דער מאַכט און ווי אַזוי זאָל מען אַראָפּוואַרפן דעם זיגרייכן פֿאַשיזם?

דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל ענטפערט:

דאָס ערשטע, וואָס דאַרף געטאָן ווערן, פון וואָס מען דאַרף אָנהויבן, איז שאַפן אַ פֿאַראייניגטן פראָנט, איינשטעלן פֿאַראייניגטע אַקציע פון די אַרבעטער אויף יעדער פֿאַבריק, אין יעדער געגנט, אין יעדן לאַנד, איבער דער גאַנצער וועלט. פֿאַראייניגטע אַקציע פון דעם פּראָלעטאַריאַט אויף אַ נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב — דאָס איז דאָס מעכטיגע געווער, וואָס וועט מאַכן דעם אַרבעטער-קלאַס פֿייאיג ניט בלויז צו פֿאַרטיידיגן זיך דערפֿאָלגרייך, נאָר אויך דורכפירן אַ דערפֿאָלגרייכע קאָנטער-אַטאַקע געגן דעם פֿאַשיזם, געגן דעם קלאַסן-שונא.

די באַדייטונג פון פֿאַראייניגטן פראָנט

איז עס דען ניט קלאָר, אַז די בשותּפות'דיגע האַנדלונגען פון די אָנהענגער פון די פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס פון די צוויי אינטערנאַציאָנאַלן — דעם קאָמוניסטישן און צווייטן אינטערנאַציאָנאַל — וואָלטן גרינגער געמאַכט די מאַסן צוריקצושלײַדערן די פֿאַשיסטישע אַטאַקע און וואָלטן פֿאַרגרעסערט די פּאָליטישע וואָג פון דעם גאַנצן אַרבעטער-קלאַס?

די בשותּפות'דיגע האַנדלונגען פון די פּאַרטייען אין ביידע אינטערנאַציאָנאַלן וואָלטן אָבער געהאַט אַ ווירקונג ניט בלויז אויף זייערע איצטיגע אָנהענגער, אויף די קאָמוניסטן און סאָציאַל-דעמאָקראַטן; זיי וואָלטן געהאַט אַ מעכ-

טיגע ווירקונג אויף די רייען פון די קאַטוילישע, אנאַרכיס־טישע און ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער, אַפילו אויף יע־נע, וואָס זיינען צייטווייליג געוואָרן קרבנות פון דער פאַשיסטישער דעמאַגאָגיע.

נאָך מער: אַ מעכטיגער פאַראייניגטער פראָנט פון דעם פּראָלעטאַריאַט וואָלט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף אַלע אַנדערע שיכטן פון דעם האָרעפּאַשנעם פאָלק, אויף דעם פּויערטום, אויף דעם שטאָטישן קליינבירגערטום, אויף דער אינטעליגענץ. אַ פאַראייניגטער פראָנט וואָלט די וואַקלענדיגע שיכטן געגעבן גלויבן אין דער מאַכט פון דעם אַרבעטער קלאַס.

נאָר דאָס איז נאָך אויך ניט אַלץ. דער פּראָלעטאַריאַט פון די אימפּעריאַליסטישע לענדער האָט שותּפים ניט בלויז צווישן די אַרבעטנדיגע שיכטן פון זיין אייגן לאַנד, נאָר אויך אין די אונטערדריקטע נאַציעס פון די קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע לענדער. אויף וויפיל דער פּראָלע־טאַריאַט איז צעשפּאָלטן אויף אַ נאַציאָנאַלן און אינטערנאַ־ציאָנאַלן מאַסשטאַב, אויף וויפיל איין טייל פון דעם פּראָלע־טאַריאַט שטיצט די פּאָליטיק פון קאָאָפּעראַציע מיט דער בורזשואַזיע, ספּעציעל — איר אונטערדריקערישן רעזשים אין די קאָלאָניעס און האַלב־קאָלאָניעס, — אויף אַזוי פיל שטויסט דאָס אָפּ פון דעם אַרבעטער קלאַס די אונטערדריקטע פעלקער פון די קאָלאָניעס און האַלב־קאָלאָניעס און שוואַכט אָפּ דעם אַלוועלטלעכן אַנטי־אימפּעריאַליסטישן פראָנט. יע־דער טראָט אויפן וועג צו פאַראייניגטער אַקציע, וואָס איז געצילט צו שטיצן דעם באַפרייאונגס־קאַמף פון די קאָלאָ־ניאַלע פעלקער מצד דעם פּראָלעטאַריאַט פון די אימפּעריאַ־ליסטישע היים־לענדער, מיינט — פאַרוואַנדלען די קאָלאָניעס און האַלב־קאָלאָניעס אין איינעם פון די וויכטיגסטע רעזערוון פאַר דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט.

אויב מיר וועלן דערביי האָבן אין זינען, אַז די אינטער־נאַציאָנאַלע איינהייטלעכע אַקציע פון דעם פּראָלעטאַריאַט שטיצט זיך אויף דער כסדר־וואַקסנדיגער מאַכט פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה, דעם לאַנד פון סאָציאַליזם — דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, — וועלן מיר זען וואָסערע ברייטע פּער־ספּעקטיוון עס עפנט די פאַרווירקלעכונג פון דעם פאַראייניג־

טען פראַנט אויף אַ נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן מאַס־שטאַב.

איינשטעלן איינהייטלעכע אַקציע פון אַלע טיילן פון דעם אַרבעטער קלאַס, אָפּגעזען פון זייער פאַרבינדונג מיט דער אָדער יענער פּאַרטיי אָדער אָרגאַניזאַציע, איז נויטיג נאָך איידער די מערהייט פון דעם אַרבעטער קלאַס איז פאַראייניגט פאַר דעם קאַמף אומצואוואַרפן דעם קאַפּי־טאַליזם און פאַר דעם זיג פון דער פּראָלעטאַרישער רע־וואָלוציע.

איז מעגלעך צו פאַרווירקלעכן אַזאַ איינהייטלעכע אַק־ציע פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין באַזונדערע לענדער און אי־בער דער גאַנצער וועלט? יע, ס'איז מעגלעך. און ס'איז מעגלעך טאַקע באַלד. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָ־נאַל שטעלט ניט קיינע באַדינגונגען פאַר אַזאַ איינהייטלעכער אַקציע, חוץ איין עלעמענטאַרער באַדינגונג, וואָס איז אָננעמ־באַר פאַר אַלע אַרבעטער: אַז די איינהייטלעכע אַקציע זאָל זיין געווענדט געגן פאַשיזם, געגן דער אָפענסיווע פון קאַפּיטאַל, געגן דער מלחמה־געפאַר, געגן דעם קלאַ־סען־שונא. אָט דאָס איז אונזער באַדינגונג.

די הויפּט־אַרגומענטן פון די געגנער פון אַ פאַראייניגטן פראַנט

וואָס קאָנען געגן דעם זאָגן און וואָס זאָגן די געגנער פון אַ פאַראייניגטן פראַנט?

„פאַר די קאָמוניסטן איז דער לאָזונג פון דעם פאַראיי־ניגטן פראַנט בלויז אַ מאַנעווורע", זאָגן זיי. אָבער אויב דאָס איז אַ מאַנעווורע, ענטפערן מיר, איז — פאַרוואָס זאָלט איר ניט אויפדעקן די „קאָמוניסטישע מאַנעווורע" דורך אייער אָרענטלעכן אָנטייל אין דעם פאַראייניגטן פראַנט? מיר דערקלערן אָפן: מיר ווילן איינהייטלעכע אַקציע פון דעם אַרבעטער קלאַס צוליב דעם, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל גע־שטאַרקט ווערן אין זיין קאַמף געגן דער בורזשואַזיע; צוליב דעם, אַז בעת ער פאַרטיידיגט היינט זיינע טאָג־טעגלעכע אינ־טערעסן געגן דעם אָנגרייפנדיגן קאַפּיטאַל, געגן פאַשיזם, זאָל

ער זיין בכח מאָרגן צו שאַפן די פאַרבאַדינגונגען פאַר זיין ענדגילטיגער באפרייאונג.

„די קאָמוניסטן פאַלן אָן אויף אונז", זאָגן אַנדערע. אָבער, הערט אויס, מיר האָבן שוין ניט איינמאָל דערקלערט, אַז מיר וועלן אויף קיינעם ניט אָנפאַלן — ניט אויף פּער־זאָנען, ניט אויף אָרגאַניזאַציעס און ניט אויף פּאַרטייען, וואָס שטייען פאַר דעם פאַראייניגטן פראָנט פון דעם אַרבע־טער קלאַס געגן דעם קלאַסן־שונא. אָבער צו דער זעלביגער צייט זיינען מיר מחויב — אין די אינטערעסן פון דעם פּראָ־לעטאַריאַט — צו קריטיקירן יענע פּערזאָנען, יענע אָרגאַני־זאַציעס און פּאַרטייען, וואָס שטערן דער איינהייט פון אַק־ציע פון דעם אַרבעטער קלאַס.

„מיר קאָנען ניט שליסן קיין פאַראייניגטן פראָנט מיט די קאָמוניסטן, ווייל זיי האָבן אַן אַנדער פּראָגראַם", זאָגן נאָך אַנדערע. אָבער איר באַהויפּטעט דאָך, אַז אייער פּראָגראַם אונטערשיידט זיך פון די פּראָגראַמען פון די בורזשואַזע פּאַרטייען, און דאָך האָט דאָס אייך ניט געשטערט און שטערט אייך ניט אריינצוטרעטן אין אַ קאָאַליציע מיט די דאָזיגע פּאַרטייען.

„בורזשואַז - דעמאָקראַטישע פּאַרטייען זיינען בעסערע שותפים געגן פאַשיזם ווי די קאָמוניסטן", — זאָגן די געגנער פון אַ פאַראייניגטן פראָנט און די פּאַרטיידיגער פון אַ קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע. אָבער וואָס דערציילט די דערפאַרונג פון דייטשלאַנד? די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן דאָך געגרינדעט אַ בלאָק מיט אָט־די „בעסערע" שות־פים. און וואָס זיינען די רעזולטאַטן?

„אויב מיר וועלן איינשטעלן אַ פאַראייניגטן פראָנט מיט די קאָמוניסטן, וועלן די קליינבירגער זיך דערשרעקן פאַר דער „רויטער געפאַר" און וועלן אריבערלויפן צו די פאַשיס־טען", — הערן מיר ניט זעלטן. אָבער — איז דען דער פאַר־אייניגטער פראָנט אַ געפאַר פאַר די פּויערים, די קליינע הענד־לער, די האַנט־ווערקער, די אַרבעטנדיגע אינטעליגענטן? ניין, דער פאַראייניגטער פראָנט דראָעט דער גרויס־בורזשואַזיע, די פינאַנץ־מאַגנאַטן, די יונקערס און אַנדערע עקספּלואַטאַ־טאָרס, וואָס זייער רעזשים ברייגנט חורבן פאַר די אַלע שיכטן.

„די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז פאַר דעמאָקראַטיע, די קאָמוניסטן אָבער זיינען פאַר א דיקטאַטור; דעריבער קאָנען מיר מיט די קאָמוניסטן ניט שאַפן קיין פאַראייניגטן פראָנט", זאָגן א ריי פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אָבער — צי שלאָגן מיר דען אייך פאַר איצט א פאַראייניגטן פראָנט אויף צו פראָקלאַמירן די דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט? דערוויל שלאָגן מיר דאָך ניט פאַר אַזאַ זאַך.

„זאָלן די קאָמוניסטן אָנערקענען דעמאָקראַטיע, ארויס־טרעטן פאַר איר פאַרטיידיגונג, וועלן מיר דעמאָלט זיין גרייט צו שליסן א פאַראייניגטן פראָנט". דערויף ענטפערן מיר: מיר זיינען אָנהענגער פון דער סאָוועטישער דעמאָקראַטיע, פון דעמאָקראַטיע פאַר די אַרבעטנדיגע — די סאַמע אויס־געהאַלטענע־דעמאָקראַטיע אין דער וועלט. מיר פאַרטיידיגן אָבער און וועלן פאַרטיידיגן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער יעדן טראָט פון בורזשואַזע דעמאָקראַטישע פרייהייטן, אויף וועלכע עס וועט זיך פאַרמעסטן דער פאַשיזם און די בור־זשואַזע רעאַקציע, ווייל דאָס ווערט דיקטירט דורך די אינטע־רעסן פונ'ם קלאַסן־קאַמף פון דעם פראָלעטאַריאַט".

„אָבער די קליינינקע קאָמוניסטישע פּאַרטייען וועלן גאָרנישט ניט צוגעבן מיט זייער איינטייל אין דעם פאַראיי־ניגטן פראָנט, וואָס ווערט פאַרווירקלעכט דורך דער לעיבאָר־פּאַרטיי", זאָגן, צום ביישפּיל, די פירער פון דער לעיבאָר פּאַרטיי אין ענגלאַנד. אָבער דערמאָנט זיך, אַז דאָס זעלביגע האָבן געזאָגט די עסטרייכישע סאָציאַל דעמאָקראַטישע פי־רער בנוגע דער קליינער עסטרייכישער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי. וואָס־זשע האָבן די געשעעניש באַוויזן? נישט די עסטרייכישע סאָציאַל דעמאָקראַטיע מיט אָטאָ באַוער'ן און רענער'ן אָן דער שפּיץ איז געווען גערעכט, נאָר די קליינינ־קע עסטרייכישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט באַצייטנס אָנגעוויזן אויף דער פאַשיסטישער געפאַר אין עסטרייך, גערופן די אַרבעטער צום קאַמף. די גאַנצע דערפאַרונג פון דער אַר־בעטער באַוועגונג האָט דאָך באַוויזן, אַז די קאָמוניסטן, אפילו ווען זיי זיינען פאַרהעלטניסמעסיג קליין אין צאָל, זייּ־נען זיי דער מאָטאָר פון דער קאַמפס־טעטיגקייט פון דעם פראָלעטאַריאַט. חוץ דעם, טאָר מען ניט פאַרגעסן, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון עסטרייך אָדער ענגלאַנד זיינען

ניט בלויז די צענדליגער טויזנטער ארבעטער, וואָס זיינען אָנהענגער פון די דאָזיגע פּארטייען, נאָר דאָס זיינען טיילן פון אַן אַלוועלטלעכער קאָמוניסטישער באַוועגונג, דאָס זיינען סעקציעס פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זיין פירענדע פּארטיי איז שוין די פּארטיי פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער הערשט אויף אַ זעקסטל חלק פון דער ערד.

„אָבער דער פאַראייניגטער פראָנט האָט ניט געשטערט די פאַשיסטן צו זיגן אין דער סאַאַר געגנט", טענה'ן די געג־נער פון פאַראייניגטן פראָנט. אַ מאָדנע לאָגיק ביי די דאָ־זיגע מענטשן! זיי וועלן פריער טאָן אַלצדינג אויף צו פאַר־זיכערן דעם זיג פאַרן פאַשיזם און דערנאָך וועלן זיי זיך רייצן, אַז דער פאַראייניגטער פראָנט, אין וועלכן זיי זיינען אַריין אין דעם סאַמע לעצטן מאָמענט, האָט ניט געבראַכט קיין זיג פאַר די אַרבעטער.

„אויב מיר וואָלטן געגרינדעט אַ פאַראייניגטן פראָנט מיט די קאָמוניסטן, וואָלטן מיר געמוזט אַרויס פון דער קאָאַלי־ציע, און אין דער רעגירונג וואָלטן אַריין רעאַקציאָנערע און פאַשיסטישע פּאַרטייען", זאָגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער, וואָס זיצן אין די רעגירונגען פון פאַרשיידענע לענ־דער. גוט. איז די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געווען אין אַ קאָאַליציע־רעגירונג? געווען. איז די עסטרייכישע סאָצי־אַל־דעמאָקראַטיע געווען אין אַ קאָאַליציע־רעגירונג? אויך געווען. זיינען די שפּאַנישע סאָציאַליסטן געווען אין איין רעגירונג מיט דער בורזשואַזיע? יאָ, אויך זיי זיינען געווען. האָט עס געשטערט אין יענע לענדער דעם פאַשיזם צו מאַכן אַן איבערפאַל אויפן פּראָלעטאַריאַט? ניין, ס'האָט נישט געשטערט. איז, הייסט עס, קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער אייגטייל פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מיניסטאָרן אין דער בורזשואַזער רעגירונג איז ניט קיין שוץ־וואַנט געגן פאַשיזם.

„די קאָמוניסטן האַנדלען דיקטאַטאָריש. זיי ווילן אונז אַלצדינג פאָרשרייבן און דיקטירן". ניין, מיר שרייבן גאָר־נישט ניט פאָר און מיר דיקטירן גאָרנישט. מיר טראָגן בלויז אַריין אונזערע פאָרשלאָגן, און מיר זיינען איבערצייגט, אַז ס'איז אין די אינטערעסן פון אַרבעטנדיגן פאָלק זיי צו פאַר־

ווירקלעכן. דאָס איז ניט בלויז דאָס רעכט, ס'איז די פּליכט פון אַלע די, וואָס טרעטן ארויס אין נאָמען פון די אַרבעטער. איר האָט מורא פאַר דער „דיקטאַטור" פון די קאָמוניסטן? איז לאָמיר געמיינשאַפטלעך פאַרברייטערן פאַר די אַרבעטער אַלע פאַרשלאָגן, אייערע און אונזערע, לאָמיר זיי געמיינשאַפטלעך דיסקוטירן מיט די אַרבעטער און זיך אייניגן אויף יענע פאַרשלאָגן, וואָס זיינען די ניצלעכסטע פאַר דער זאַך פון אַרבעטער קלאַס.

הכלל, די אַלע אַרגומענטן געגן דעם פאַראייניגטן פראָנט האַלטן ניט אויס קיין קריטיק. גיכער זיינען דאָס תירוצים פון רעאַקציאָנערע פירער פון דער סאָציאַל - דעמאָקראַטיע, וואָס ווילן בעסער זייער פאַראייניגטן פראָנט מיט דער בור־זשואַזיע, איידער אַ פאַראייניגטן פראָנט פון דעם פּראָלע־טאַריאַט.

ניין, אָט־די תירוצים וועלן ניט גיין! דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אָנגעליטן פון די רעזול־טאַטן פון אַ צעשפּאָלטענער אַרבעטער באַוועגונג און ווערט אַלץ מער איבערצייגט אין דעם, אַז אַ פאַראייניגטער פראָנט, איינהייטלעכע אַקציע פון דעם פּראָלעטאַריאַט אויף אַ נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב איז נויטיג און פולשטענדיג מעגלעך.

אינהאַלט און פאָרם פון פאַראייניגטן פראָנט

וואָס איז און וואָס דאַרף זיין דער הויפּט־אינהאַלט פון דעם פאַראייניגטן פראָנט אין דעם איצטיגן פעריאָד? די פאַרטיידיגונג פון די באַלדיגע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסן פון דעם אַרבעטער קלאַס, די פאַרטיידיגונג געגן פאַשיזם דאַרף זיין דער אויסגאַנג־פּונקט און דער הויפּט־אינהאַלט פון אַ פאַראייניגטן פראָנט אין אַלע קאַפּיטאַליס־טישע לענדער.

מיר טאָרן זיך ניט באַגרעניצן בלויז מיט הוילע אויפ־רופן צום קאַמף פאַר דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, נאָר מיר דאַרפן געפינען און אַרויסרוקן אַזעלכע לאָזונגען און פאָר־מען פון קאַמף, וואָס זאָלן אַרויספליסן פון די לעבנס־באַ־

דערפּעניש פון די מאַסן, פון זייער קאַמפּס־פעיאיגקייט אויף דער געגעבענער שטופע פון אנטוויקלונג.

מיר דאַרפן אַנווייזן די מאַסן, וואָס זיי זאָלן טאָן היינט כדי צו פאַרטיידיגן זיך פון קאַפּיטאַליסטישער רויבעריי און פאַשיסטישן באַרבאַריזם.

מיר דאַרפן זוכן איינשטעלן דעם ברייטסטן פאַראייניג־טען פראָנט מיט דער הילף פון געמיינשאַפטלעכע אַקציעס פון אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשיידענע ריכטונגען פאַר דער פאַרטיידיגונג פון די לעבנס־אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן.

דאָס מיינט, ערשטנס, געמיינשאַפטלעכער קאַמף אויף אַריבערצואוואַרפן די רעזולטאַטן פון דעם קריזיס אויף די פּלייצעס פון די הערשענדע קלאַסן, אויף די פּלייצעס פון די קאַפּיטאַליסטן, די פּריצים, — מיט איין וואָרט, די גבירים.

צווייטנס, — געמיינשאַפטלעכער קאַמף געגן אַלע פאָר־מען פון פאַשיסטישן אַנגריף, פאַר דער פאַרטיידיגונג פון די געווינסן און רעכט פון די אַרבעטנדיגע, געגן ליקווידירן די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע פרייהייטן.

דריטנס, — געמיינשאַפטלעכער קאַמף געגן דער שטיי־גענדער געפאַר פון אימפּעריאַליסטישער מלחמה, — אַזאַ קאַמף וואָס זאָל שטערן די צוגרייטונג פון אַזאַ מלחמה.

מיר דאַרפן כסדר צוגרייטן דעם אַרבעטער קלאַס צו אַ שנעלער ענדערונג אין די פאָרמען און מעטאָדן פון קאַמף לויט די געענדערטע אומשטענדן. אין דער מאָס ווי עס וואַקסט די אַרבעטער באַוועגונג און עס ווערט שטאַרקער די איינהייט פון דעם אַרבעטער־קלאַס, דאַרפן מיר גיין ווײַ־טער — צוגרייטן דעם איבערגאַנג פון פאַרטיידיגונג צו אַנ־גריף אויפ׳ן קאַפּיטאַל, זיך אָריענטירנדיג אויף דעם ציל צו אָרגאַניזירן אַ פּאָליטישן מאַסן־סטרייק. די באַדינגונג פאַר אַזאַ סטרייק מוז דורכאויס זיין — דער אנטייל פון די וויכטיגע טרעיד־יוניאָנס אין יעדן געגעבענעם לאַנד אין אַזאַ סטרייק.

די קאָמוניסטן קאָנען, פאַרשטייט זיך, ניט און דאַרפן ניט אויף קיין איין מינוט זיך אָפּזאָגן פון זעלבסטשטענדי־גער אַרבעט אויפ׳ן געביט פון קאָמוניסטישער אויפקלע־

רונג, אָרגאַניזאַציע און מאָביליזאַציע פון די מאַסן. אָבער
אין די אינטערעסן פון זיכערן פאַר די אַרבעטער דעם וועג
צו פאַראייניגטע אַקציעס איז נויטיג גלייכצייטיג צו זוכן
שליסן סיי קורצוויילִיגע און סיי לענגערע אָפּמאַכן וועגן גע־
מיינשאַפטלעכע אַרויסטרעטונגען מיט סאָציאַל־דעמאָ־
קראַטישע פּאַרטייען, רעפאָרמיסטישע טרעיד־יוניאָנס
און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטנדיגע מענטשן
געגן די קלאַסן־שונאים פון פּראָלעטאַריאַט. די הויפּט
אויפמערקזאַמקייט דערביי דאַרף געשיינקט ווערן
דער אַנטוויקלונג פון מאַסן־אַרויסטרעטונגען אויף די
ערטער, דורכגעפירט פון די אונטערשטע אָרגאַניזאַצי־
עס דורך לאָקאַלע אָפּמאַכן.

בעת מיר וועלן לאָיאַל נאָכקומען די באַדינגונגען פון
אַלע אָפּמאַכן, וואָס מיר האָבן מיט זיי געשלאָסן, וועלן מיר
אומדערבאַרעמדיג אויפדעקן יעדן סאַבאָטאַזש מצד די פּער־
זאָנען און אָרגאַניזאַציעס, וואָס באַטייליגן זיך אין דעם פאַר־
אייניגטן פראָנט. אויף יעדן פאַרזוך אַראָפּצורייסן די אָפּ־
מאַכן — און אַזעלכע פאַרזוכן וועלן מעגלעך געמאַכט ווע־
רען — וועלן מיר ענטפערן מיט אן אַפּיל צו די מאַסן, פאָר־
זעצנדיג אומדערמידלעך דעם קאַמף ווידער איינצו־
שטעלן די צעשטערטע איינהייט פון אַקציע.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די קאָנקרעטע פאַרווירקלעכונג
פון דעם פאַראייניגטן פראָנט אין פאַרשיידענע לענדער וועט
אָנגיין אויף פאַרשיידענע אופנים, וועט אָננעמען פאַרשיי־
דענע פאָרמען, אָפּהענגיג פון דעם צושטאַנד און כאַראַקטער
פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, פון זייער פּאָליטישער שטו־
פע, פון דער קאָנקרעטער לאַגע אין יעדן לאַנד, פון די גע־
שעענישן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער באַוועגונג,
און אַז. וו.

עס קאָנען, צום ביישפּיל, זיין אַזוינע פאָרמען: געמיינ־
שאַפטלעכע אַקציעס פון אַרבעטער פון פאַל צו פאַל איבער
קאָנקרעטע אויפגאַבן, צוליב באַזונדערע פאָדערונגען אָדער
אויף דעם באָדן פון געמיינשאַפטלעכער פּלאַטפאָרם;
(קאָאָרדינירטע) אַקציעס אויף באַזונדערע פאַבריקן אָדער
צווייגן פון פּראָדוקציע; פאַרשטענדיגונגען וועגן גע־
מיינשאַפטלעכער אַקציע אין א געוויסער געגנט, אין א גע־

וויסן לאַנד אָדער אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב; איינגעשטימטע געמיינשאַפטלעכע האַנדלונגען אויפ׳ן געביט פון אָרגאַניזירן דעם עקאָנאָמישן קאַמף פון די אַרבעטער, דורכפירן פּאָליטישע מאַסן־אַקציעס, אָרגאַניזירן געמיינשאַפטלעכע זעלבסט־שוץ געגן פאַשיסטישע איבערפאַלן; איינגעשטימטע אַקציע אויפ׳ן געביט פון העלפן אַרעסטירטע און זייער׳ע פאַמיליעס, אויפ׳ן געביט פון קאַמף געגן סאָציאַלער רעאַקציע; געמיינשאַפטלעכע אַקציע צו פאַרטיידיגן די אינטערעסן פון דער יוגנט און די פרויען; אויפ׳ן געביט פון קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, קולטור, ספּאָרט א. אַז. וו.

עס וואָלט ניט געווען גענוג צו באַפרידיגן זיך בלויז מיט שליסן אַן אָפּמאַך וועגן געמיינשאַפטלעכע אַקציעס און שאַפען א קאָנטאַקט־קאָמיסיע פון די פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וואָס באַטייליגן זיך אין דעם פאַראייניגטן פראָנט — ענלעך צו די, וואָס מיר האָבן, צום ביישפּיל, אין פראַנקרייך. דאָס איז בלויז דער ערשטער טראָט. אַן אָפּמאַך—דאָס איז א באַהילפיג מיטל צו פאַרווירקלעכן געמיינשאַפטלעכע אַקציעס, אָבער דאָס פאַר זיך אַליין איז ניט קיין פאַראייניגטער פראָנט. א קאָנטאַקט־קאָמיסיע צווישן די פירערשאַפטן פון די קאָמוניסטישע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז נויטיג אויף צו פאַרגרינגערן די דורכפירונג פון די געמיינשאַפטלעכע אַקציעס, אָבער אין זיך גופא איז דאָס נאָך ווייט ניט גענוג אויף ווירקלעך פאַנאַנדערצואוויקלען דעם פאַראייניגטן פראָנט און אַריינציען די ברייטסטע מאַסן אין דעם קאַמף געגן פאַשיזם.

די קאָמוניסטן און אַלע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער דאַרפען זוכן שאַפן אויסדערוויילטע אויסער־פּאַרטייאישע סעקפערשאַפטן פון דעם פאַראייניגטן פראָנט (אין די לענדער פון פאַשיסטישער דיקטאַטור דאַרפן זיי באַשטימט ווערן פון די אויטאָריטעטע אנטיילנעמער אין דער פאַראייניגטער־פראָנט באַוועגונג) אויף די פאַבריקן, צווישן די אַרבעטלאָזע, אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, צווישן די שטאָטישע קליינבירגער און אין די דערפער. בלויז אַזוינע אָרגאַנען וועלן קאָנען אַרומכאַפן מיט דעם פאַראייניגטן פראָנט אויך די ריזיגע מאַסן ניט־אָרגאַניזירטע האָרעפּאַשניקעס, וועלן קאָנען העל־

פען אנטוויקלען די איניציאַטיווע פון די מאַסן אין דעם קאַמף געגן דעם אַנגריף פון קאַפּיטאַל, געגן פאַשיזם און רעאַקציע; און אויף דעם דאָזיגן באָדן—העלפן שאַפן דעם נויטיגן ברייטן אַרבעטער־אַקטיוו פון דעם פאַראייניג־טען פראָנט, שאַפן הונדערטער און טויזנטער פּאַרטיילאָזע באָלשעוויקעס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

געמיינשאַפטלעכע אַקציעס פון אָרגאַניזירטע אַרבע־טער — דאָס איז דער אָנהויב, דער פונדאַמענט. מיר דאַרפן אָבער ניט אַרויסלאָזן פון אויג דעם פאַקט, אַז די ניט־אָרגאַ־ניזירטע מאַסן זיינען די גרויסע מערהייט פון די אַרבעטער. אַזוי איז אין פראַנקרייך פאַראַן בלויז אַרום א מיליאָן אָר־גאַניזירטע אַרבעטער—קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן און טרעיד־יוניאָן מיטגלידער פון פאַרשיידענע ריכטונגען; די גאַנצע צאָל אַרבעטער באַטרעפט אָבער דאָרט אַרום עלף מיליאָן. אין ענגלאַנד זיינען אין די טרעיד־יוניאָנס און פּאַרטייען פון אַלע ריכטונגען פאַראַן אַרום פינף מיליאָן אַרבעטער, בעת אין לאַנד זיינען דאָ אַרום פערצן מיליאָן. אין אַמעריקע זיי־נען פון די 38 מיליאָן אַרבעטער בלויז אַרום פינף מיליאָן אָרגאַניזירט. אומגעפער אַזאַ פּראָפּאָרציע געפינען מיר אין אַנדערע לענדער. אין די „נאָרמאַלע" צייטן שטייט אָט־די מאַסע אויסער דעם פּאָליטישן לעבן. איצט אָבער הויבט זיך אָן אָט־די ריזיגע מאַסע אַלץ מער באַוועגן, ווערט אַריינגע־צויגן אין פּאָליטישן לעבן, טרעט אַרוים אויף דער פּאָליטי־שער אַרענע.

די גרינדונג פון אויסער־פּאַרטייאישע קלאַסן־אָרגאַנען איז די בעסטע פאָרם פאַר דורכפירן, אויסברייטערן און באַ־פעסטיגן דעם פאַראייניגטן פראָנט אין די סאַמע טיפענישן פון די ברייטע מאַסן. די דאָזיגע אָרגאַנען וועלן אויך זיין די בעסטע שוץ געגן אַלע פאַרזוכן פון די געגנער פון דעם פאַראייניגטן פראָנט צו צעשטערן די דערגרייכטע אַקציע־איינהייט פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

וועגן אַנטי־פאַשיסטישן פאָלקס־פראָנט

אויף דעם געביט צו מאָביליזירן די אַרבעטנדיגע מאַסן צום קאַמף געגן פאַשיזם איז באַזונדערס וויכטיג די אויפגאַ־

בע פון גרינדן א ברייטן אנטי־פאשיסטישן פאלקס־פראנט
אפן פונדאמענט פון פראלעטארישן פאראייניגטן פראנט. דער
דערפאלג פון דעם גאנצן קאמף פון פראלעטאריאט איז ענג
צוזאמענגעבונדן מיט דער גרינדונג פון א קעמפערישן בונד
פון דעם פראלעטאריאט מיט דעם הארעפאשנעם פויערטום
און מיט דער הויפט־מאסע פון דעם שטאטישן קליינבירגער־
טום, וואס שטעלן מיט זיך פאר די מערהייט פון דער בא־
פעלקערונג אפילו אין די אינדוסטריעל־אנטוויקלטע לענדער.

דער פאשיזם, וואס זוכט צו געווינען די דאזיגע מאסן
אויף זיין זייט, פרואווט אין זיין אגיטאציע אנטקעגנשטעלן
די ארבעטנדיגע מאסן פון שטאט און דארף—דעם רעוואלו־
ציאנערן פראלעטאריאט, סטראשען דעם קליינבירגער מיט
דער סטראשידלע פון דער „רויטער געפאר”. מיר דארפן אויס־
דרייען דעם שארף פון דעם געווער און ווייזן די הארעפאש־
נע פויערים, די האנטווערקער און דער ארבעטנדיגער אינ־
טעליגענץ פון וואנען עס דראעט זיי ווירקלעך א געפאר,
ווייזן זיי קאנקרעט ווער עס ווארפט ארויף אויף דעם
פויערטום דעם יאך פון שטייערן און שולדן, ווער עס
קוועטשט ארויס פון זיי הויט־שינדערישע פראצענטן, ווער
עס יאגט אראפ דעם פויער און זיין פאמיליע פון זיין שטיקל
ערד און פאראורטיילט אים צו ארבעטלאזיגקייט און דלות.
קאנקרעט דערקלערן, מיט געדולד און עקשנות קלאר מאכן
ווער עס רואינירט דעם באלמעלאכע, דעם האנטווערקער מיט
שטייערן, מיט צינזן, מיט הויכער רענט און מיט קאנקורענץ,
וואס ער קאן זי ניט אויסהאלטן ; ווער עס ווארפט ארויס
אויפ׳ן גאס און לאזט אן ארבעט די ברייטע מאסן פון דער
ארבעטנדיגער אינטעליגענץ.

נאר דאס איז נאך ניט גענוג.

דאס וויכטיגסטע, דאס אנטשיידנדיגסטע פאר דער גרינ־
דונג פון אן אנטי־פאשיסטישן פאלקס־פראנט איז — דער
אנטשלאסענער ארויסטריט פון דעם רעוואלוציאנערן
פראלעטאריאט צו פארטיידיגן די פאדערונגען פון די דא־
זיגע שיכטן און באזונדערס — פונם הארעפאשנעם פויער־
טום, פאדערונגען וואס גייען אויף דער ליניע פון די פונ־
דאמענטאלע אינטערעסן פון דעם פראלעטאריאט, אזוי אז
אין דעם פראצעס פון קאמף זאלן די פאדערונגען פון דעם

ארבעטער־קלאס פארבונדן ווערן מיט די פאדערונגען פון די דאזיגע שיכטן.

ביים שאפן אן אנטי־פאשיסטישן פאלקס־פראנט האט א גרויסע באדייטונג דער ריכטיגער צוגאנג צו יענע ארגאניזאציעס און פארטייען, אין וועלכע עס גייען אריין אין א באדייטנדיגער צאל די הארעפאשנע פויערים און די הויפט־מאסן פון דעם שטאטישן קליינבירגערטום.

אין די קאפיטאליסטישע לענדער איז די מערהייט פון די דאזיגע פארטייען און ארגאניזאציעס, סיי פאליטישע און סיי עקאנאמישע, נאך דערווייל אונטער דעם איינפלוס פון דער בורזשואזיע און גייט איר נאך. דער סאציאלער באשטאנד פון די דאזיגע פארטייען און ארגאניזאציעס איז ניט איינהייטלעך. אין זיי זיינען פאראן גרויסע קולאקעס צוזאמען מיט לאנדלאזע פויערים, גרויסע געשעפטסלייט צוזאמען מיט קליינע קרעמער, אבער די פירערשאפט אין זיי געהערט צו די אגענטן פון גרויס־קאפיטאל. דאס פארפליכטעט אונז צוצוגיין אויף א דיפערענצירטן אופן צו די דאזיגע ארגאניזאציעס (א פארשיידענער צוגאנג צו די פארשיידענע עלעמענטן—איבערזעצער), האבנדיג אין זינען, אז די מאסע מיטגלידער איז אין דער ווירקלעכקייט ניט באקאנט מיט דער פאליטישער פיזיאנאמיע פון דער פירערשאפט. אין באשטימטע אומשטענדן קאנען מיר און דארפן אנווענדן אונזערע באמיאונגען אף צוציען די דאזיגע פארטייען און ארגאניזאציעס—ניט געקוקט אף זייער בורזשואזער פירערשאפט —אדער טיילן פון זיי אויף דער זייט פון דעם אנטי־פאשיסטישן פאלקס־פראנט. אזוי, צום ביישפיל, האלט עס איצט אין פראנקרייך מיט דער ראדיקאלער פארטיי, אין אמעריקע —מיט די פארשיידענע פארמער־אגאניזאציעס, אין פוילן— מיט דער „סטראניטסטווא לידאווע”, אין יוגאסלאוויע—מיט דער קראאטישער פויערים־פארטיי, אין בולגאריע — מיט דער אגראַרישער ליגע, אין גריכנלאנד — מיט די אגראריער, און אזוי ווייטער. אבער אפגעזען פון דעם, צי עס זיינען פאראן אויסזיכטן ארייננצוציען אזוינע פארטייען און ארגאניזאציעס אין דעם פאלקס־פראנט, דארף אונזער טאקטיק אונטער אלע אומשטענדן זיין געווענדעט אויף ארייננציען די קליינע פויערים, די באלמעלאכעס און האנטווערקער,

וואָס גייען אריין אין די דאָזיגע פּארטייען און אָרגאַניזאַ־
ציעס, אין דעם אַנטי־פאַשיסטישן פאָלקס־פראָנט.

איר זעט, הייסט עס, אז דאָ דאַרף מען איבער דער גאַנ־
צער ליניע מאַכן א סוף צו דער באַציאונג, וואָס מערקט
זיך אין דער פּראַקטיק ביי אונז, א באַציאונג פון איגנאָרירן,
אַוועקמאַכן מיט דער האַנט די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס
און פּאַרטייען פון פּויערים, באַלמעלאָכעס און שטאָטישע
קליינבירגערלעכע מאַסן.

צענטראַלע פראַגן פון פאַראייניגטן פראָנט אין באַזונדערע לענדער

אין יעדן לאַנד זיינען פאַראַן ברענענדיגע צענטראַלע
פראַגן, וואָס רודערן אויף אין דעם איצטיגן מאָמענט די גאָר
ברייטע מאַסן, און ארום וועלכע עס דאַרף אַנטוויקלט ווערן
דער קאַמף פאַר דער גרינדונג פון א פאַראייניגטן פראָנט.
ריכטיג אָנטאַפּן די דאָזיגע צענטראַלע פראַגן מיינט—פאַרזי־
כערן און פאַרשנעלערן די גרינדונג פון דעם פאַראייניגטן
פראָנט.

א) די פאַראייניגטע שטאַטן

לאָמיר נעמען, צום ביישפּיל, אַזא וויכטיג לאַנד פון דער
קאַפּיטאַליסטישער וועלט ווי די פאַראייניגטע שטאַטן. דער
קריזיס האָט דאָ געלאָזט אין באַוועגונג מיליאָנען מאַסן. עס
האָט צוזאַמענגעבראָכן די פּראָגראַם פון געזונט־מאַכן דעם
קאַפּיטאַליזם. גרויסע מאַסן הויבן אָן אַוועקגיין פון די בור־
זשואַזע פּאַרטייען און געפינען זיך איצט אויפ׳ן שייד־וועג.

דער ארויסשפּראָצנדיגער אַמעריקאַנער פאַשיזם פּרואווט
קירעווען די אַנטוויקלונג און אומצופרידנהייט פון די דאָזיגע
מאַסן אין רעאַקציאָנערע, פאַשיסטישע ריכטונגען.

דערביי דריקט זיך אויס די אייגנאַרטיגע אַנטוויקלונג
פון דעם אַמעריקאַנעם פאַשיזם אין דעם, וואָס אויף דער
איצטיגער סטאַדיע טרעט ער ארויס הויפּטזעכלעך אונטער׳ן
אָנשטעל פון געגנערשאַפט צום פאַשיזם אלס א „ניט־אַמערי־
קאַנישע" שטרעמונג, וואָס איז אימפּאָרטירט פון אויסלאַנד.
אין קאָנטראַסט צום דייטשן פאַשיזם, וואָס איז ארויסגע־

טראָטן מיט אנטי־קאָנסטיטוציע לאָזונגען, פּרוּווט דער אַמעריקאַנער פאַשיזם ארויסטרעטן אין דער ראָל פון קעמפער פאַר דער קאָנסטיטוציע און פאַר „אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע". דער אַמעריקאַנער פאַשיזם איז נאָך ניט קיין דירעקטע געפערלעכע קראַפט. נאָר אויב אים וועט זיך איינגעבן אריינדרינגען אין די ברייטע מאַסן, וואָס זיינען אנטוישט אין די אַלטע בורזשואזע פּאַרטייען, קאָן ער ווערן אַן ערנסטע געפאַר אין זייער אַ קורצער צייט.

און וואָס וואָלט געמיינט אַ זיג פון פאַשיזם אין אַמעריקע? פאַר די אַרבעטנדיגע מאַסן וואָלט דאָס געמיינט, פאַרשטייט זיך, אַן אומגעצוימטע פאַרשטאַרקונג פון דעם עקספּלואַטאַציע־רעזשים און אַ צעשמעטערטע אַרבעטער באַוועגונג. און וואָס פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלע באַדייטונג וואָלט געהאַט אַ דער זיג פון פאַשיזם אין אַמעריקע? די פאַראייניגטע שטאַטן, ווי באַוואוסט, איז ניט אונגאַרן אָדער פינלאַנד, אָדער בולגאַריע, צי לאַטוויע. אַ זיג פון פאַשיזם אין די פאַראייניגטע שטאַטן וואָלט וועזנטלעך געענדערט די גאַנצע אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע.

קאָן דען אין די דאָזיגע אומשטענדן דער אַמעריקאַנער פּראָלעטאַריאַט זיך באַפרידיגן מיט אָרגאַניזירן בלויז זיין איינענעם באַוואוסטזיניגן קלאַסן־אַוואַנגאַרד, וואָס איז גרייט צו גיין אויף דעם רעוואָלוציאָנערן וועג? ניין.

ס'איז גאַנץ קלאָר, אַז די אינטערעסן פון דעם אַמעריקאַנישן פּראָלעטאַריאַט פאָדערן, אַז ער זאָל וואָס שנעלער אָפּצאַמען זיך פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען. ער דאַרף געפינען די וועגן און די צוגענגלעכע פאָרמען אויף ניט צו דערלאָזן באַצייטנס, אַז דער פאַשיזם זאָל אויסכאַפּן די אומצופרידענע ברייטע מאַסן. און דאָ דאַרף מען זאָגן: די באַשאַפונג פון אַ ברייטער מאַסן־פּאַרטיי פון אַרבעטנדיגע מענטשן, פון אַ „לעיבאָר - פאַרמער פּאַרטיי" וואָלט געקאָנט זיין די געהעריגע פאָרם אין די אַמעריקאַנער באַדינגונגען. **אַזאַ פּאַרטיי וואָלט געווען אַ ספּעציפישע פאָרם פון מאַסאָוון פאָלקס פראָנט אין אַמעריקע,** וועלכער וואָלט זיך געקאָנט אנטקעגן שטעלן די פּאַרטייען פון די טראָסטס און באַנקען און אויך דעם וואַקסנדיגן פאַשיזם. אַזאַ פּאַר־

טיי וועט, פּאַרשטייט זיך, זיין ניט קיין סאָציאַליסטישע און ניט קיין קאָמוניסטישע. נאָר זי דאַרף זיין אַן אַנטי־פּאַשיסטישע און טאָר ניט זיין אַן אַנטי־קאָמוניסטישע. די פּראָגראַם פון דער דאָזיגער פּאַרטיי דאַרף זיין געווענדט געגן די באַנקן, די טראָסטס און די מאָנאָפּאָליעס, געגן די הויפּט שונאים פון פאָלק, וואָס ספּעקולירן אויף זיין חורבן. אַזאַ פּאַרטיי קאָן דורכפירן איר אויפגאַבע נאָר דעמאָלט, ווען זי וועט פּאַרטיידיגן די דרינגענדע פאָדערונגען פון דעם אַרבעטער־קלאַס, קעמפן פּאַר אמת'ער סאָציאַלער געזעצגעבונג, פּאַר אַרבעטלאָזיגקייט־אינשורענס; ווען זי וועט קעמפן פּאַר די ווייסע און שוואַרצע שער־קראָפּערס און זייער באַפרייאונג פון דער לאַסט פון חובות; ווען זי וועט קעמפן פּאַר אַנולירן די חובות פון די פּאַרמער; ווען זי וועט קעמפן פּאַר דער גלייכבאַרעכטיגונג פון די נעגערן, פּאַר דער פּאַרטיידיגונג פון די רעכט פון די מלחמה־וועטעראַנען, פּאַר דער פּאַרטיידיגונג פון די אינטערעסן פון די פּאַרטרעטער פון די פרייע פּראָפעסיעס, קליינע הענדלער און באַלמעלאָכעס. און אַזוי ווייטער.

עס פּאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ פּאַרטיי וועט קעמפן פּאַר דערוויילן אירע פּאַרטרעטער אין די לאָקאַלע אַדמיניסטראַציעס, אין די געזעצגעבענדע קערפּערשאַפטן פון די באַזונדערע סטעיטס און אין קאָנגרעס.

אונזערע חברים אין אַמעריקע האָבן ריכטיג געהאַנדלט, ווען זיי האָבן אַרויסגעוויזן איניציאַטיווע אין דעם געביט פון שאַפן אַזאַ פּאַרטיי. זיי דאַרפן אָבער ערשט אָננעמען ווירקזאַמע מיטלען, אַז די גרינדונג פון אַזאַ פּאַרטיי זאָל ווערן די זאַך פון די מאַסן גופא. די פראַגע וועגן אָרגאַניזירן אַ „לעיבאָר פּאַרמער פּאַרטיי" און וועגן דער פּראָגראַם פון אַזאַ פּאַרטיי דאַרף פּאַרהאַנדלט ווערן אויף מאַסאָווע פאָלקספּאַרזאַמלונגען. מיר דאַרפן אַנטוויקלען די ברייטסטע באַוועגונג פּאַר דער גרינדונג פון אַזאַ פּאַרטיי און פּאַרנעמען אין איר אַ פירנדיגן אָרט. פּאַר קיין פּאַל טאָר ניט דערלאָזט ווערן, אַז די איניציאַטיווע פון גרינדן אַזאַ פּאַרטיי זאָל אַריבערגיין אין די הענט פון יענע עלעמענטן, וואָס ווילן אויסנוצען די אומצופרידנהייט פון די מאַסן, וואָס זיינען אַנטוישט אין ביידע בורזשואַזע פּאַרטייען, דער דעמאָקראַטישער און

דער רעפּובליקאַנער, אויף צו שאַפן אַ „דריטע" פּאַרטיי אין אַמעריקע ווי אַ פּאַרטיי אָן אַנטי־קאָמוניסטישע, אַ פּאַרטיי, וואָס איז געווענדעט געגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

ב) ענגלאַנד

אין ענגלאַנד איז מאָזלי'ס פּאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע צייטווייליג צוריקגעטראָטן אין הינטערגרונט אַלס רעזולטאַט פון די מאַסן־אַרויסטריטן פון די ענגלישע אַרבעטער. מיר טאָרן אָבער ניט פאַרמאַכן די אויגן אויף דעם פאַקט, אַז די אַזוי־גערופענע „נאַציאָנאַלע רעגירונג" פירט דורך די רעאַקציאָנערע שריט געגן דעם אַרבעטער קלאַס וואָס מיט זייער הילף ווערן אין ענגלאַנד געשאַפן באַדינגונגען, וועלכע מאַכן פאַר דער בורזשואַזיע גרינגער, אין פאַל פון נויט, אַריבער־צוגיין צו אַ פּאַשיסטישן רעזשים. קעמפן געגן דער פּאַשיס־טישער געפאַר אין ענגלאַנד אין דעם געגעבענעם מאָמענט הייסט קעמפן קודם כל געגן דער „נאַציאָנאַלער רעגירונג", געגן אירע רעאַקציאָנערע שריט, געגן דעם אַנגריף פון קאַ־פּיטאַל און פאַר דער פאַרטיידיגונג פון די פאָדערונגען פון די אַרבעטלאָזע, געגן פאַרקלענערן דעם אַרבעט־לוין, פאַר אָפּ־שאַפן אַלע געזעצן, וואָס מיט זייער הילף דריקט אַרונטער די ענגלישע בורזשואַזיע דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פון די מאַסן.

אָבער דער שטייגנדער האַס פון דעם אַרבעטער קלאַס געגן דער „נאַציאָנאַלער רעגירונג" פאַראייניקט אַלץ ברייטע־רע מאַסן אונטערן לאָזונג פון שאַפן אין ענגלאַנד אַ נייע לעיבאָר־רעגירונג. קאָנען די קאָמוניסטן איגנאָרירן די דאָזיגע שטימונג פון די ברייטע מאַסן, וואָס האָבן נאָך ניט אָנגעוואָרן זייער גלויבן אין דער לעיבאָר רעגירונג? ניין, חברים. מיר דאַרפן געפינען אַ וועג צו די דאָזיגע מאַסן. מיר זאָגן זיי אָפן, ווי דאָס האָט געטאָן דער 13טער צוזאַמענפאַר פון דער ענגלישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַז מיר קאָמו־ניסטן זיינען אָנהענגער פון אַ סאָוועטן־מאַכט, ווי די איינ־ציגע מאַכט, וואָס איז פייאיג צו באַפרייען די אַרבעטער פון דעם קאַפּיטאַליסטישן יאָך. אָבער איר ווילט אַ לעיבאָר רע־גירונג? גוט. מיר האָבן געקעמפט און מיר קעמפן האַנט אין האַנט מיט אייך צוזאַמען פאַר דער מפּלה פון דער „נאַ־

ציאָנאַלער רעגירונג". מיר זיינען גרייט צו שטיצן אייער קאַמף פאַר דער גרינדונג פון אַ נייער לעיבאָר רעגירונג, ניט געקוקט דערויף וואָסביידע פריערדיגע לעיבאָר רעגירונגען האָבן ניט דורכגעפירט די צוזאָגן, וואָס די לעיבאָר פאַרטיי האָט געגעבן דעם אַרבעטער קלאַס. מיר דערוואַרטן ניט פון דער דאָזיגער רעגירונג, אַז זי זאָל פאַרווירקלעכן סאָציאַליסטישע צילן. אָבער אין נאָמען פון מיליאָנען אַרבעטער שטעלן מיר אַרויס די פאָדערונג צו פאַרטיידיגן די דרינגענדע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסן פון דעם אַרבעטער קלאַס און אַלע אַרבעטנדיגע מענטשן. לאָמיר צוזאַמען באַטראַכטן אַ געמיינשאַפטלעכע פּראָגראַם פון אַזוינע פאָדערונגען און פאַרווירקלעכן אָט די איינהייט פון אַקציע, וואָס איז נויטיג פאַרן פּראָלעטאַריאַט, אַז ער זאָל קאָנען צוריקשליידערן די רעאַקציאָנערע אַטאַקע פון דער „נאַציאָנאַלער רעגירונג", די אַטאַקע פון קאַפּיטאַל און פאַשיזם, די צוגרייטונג פון אַ נייער מלחמה. די ענגלישע חברים זיינען אויף דעם דאָזיגן באַזיס גרייט צוזאַמען מיט די אָרגאַניזאַציעס פון דער לעיבאָר פאַרטיי אַרויסטרעטן אין די קומענדיגע פּאַרלאַמענט־וואַלן געגן דער „נאַציאָנאַלער רעגירונג" און אויך געגן לאָיד דזשאָרדזש'ן, וועלכער פּרואווט אַף זיין שטייגער אוועקשלעפּן די אַרבעטער מאַסן מיט זיך געגן די אינטערעסן פון אַרבעטער קלאַס און אין די אינטערעסן פון דער ענגלישער בורזשואַזיע.

אַזאַ פּאָזיציע פון די ענגלישע קאָמוניסטן איז אַ ריכטיגע. זי מאַכט פאַר זיי גרינגער צו שאַפן אַ פאַראייניגטן פראָנט פון קאַמף, וואָס זאָל אַריינעמען די מיליאָנען מאַסן פון די ענגלישע טרעיד יוניאָנס און פון דער לעיבאָר פאַרטיי.

בלייבנדיג שטענדיג אין די ערשטע רייען פון דעם קעמפענדיגן פּראָלעטאַריאַט; אָנווייזנדיג די מאַסן אויף דעם איינציג ריכטיגן וועג — דעם וועג פון קאַמף פאַר דער רעוואָלוציאָנערער שטירצונג פון דער בורזשואַזער הערשאַפט און דער גרינדונג פון אַ סאָוועטן־מאַכט, טאָרן די קאָמוניסטן ניט, בעת זיי באַשטימען זייערע אַקטועלע פּאָליטישע אויפגאַבן, פרואוון אַריבערשפּרינגען איבער יענע נויטיגע שטופן פון אַ מאַסן־באַוועגונג, וואָס אין דעם פּראָצעס פון דער דאָזיגער באַוועגונג באַפרייען זיך די מאַסן פון זייערע אילוזיעס

דורך זייער אייגענער דערפארונג און גייען אריבער אויף דער זייט פון קאמוניזם.

ג) פראנקרייך

פראנקרייך, ווי באוואוסט, איז דאס לאנד, וואו דער ארבעטער קלאס גיט א ביישפיל דעם גאנצן אינטערנאציאנא־לען פראלעטאריאט ווי אזוי מען דארף קעמפן געגן פאשיזם. די פראנצויזישע קאמוניסטישע פארטיי ווייזט אלע סעקציעס פון קאמינטערן א ביישפיל דערפון, ווי אזוי מען דארף דורכ־פירן די טאקטיק פון דעם פאראייניגטן פראנט; די סאציא־ליסטישע ארבעטער ווייזן א ביישפיל דערפון, וואס עס דארפן איצט טאן די סאציאל־דעמאקראטישע ארבעטער פון אנדערע קאפיטאליסטישע לענדער אין דעם קאמף געגן פאשיזם. די באדייטונג פון דער האלב־מיליאניגער אנטי ־ פאשיסטישער דעמאנסטראציע אין פאריז דעם 14טן יולי און פון די פילע דעמאנסטראציעס אין אנדערע פראנצויזישע שטעט איז אומ־געהויער גרויס. דאס איז נית בלויז א באוועגונג פון א פאראייניגטן ארבעטער פראנט, ס'איז דער אנהויב פון א ברייטן פאלקס־פראנט געגן פאשיזם אין פראנקרייך.

די דאזיגע באוועגונג פאר דעם פאראייניגטן פראנט שטארקט דעם גלויבן פון ארבעטער קלאס אין זיינע כחות, באפעסטיגט אין אים דעם באוואוסטזיין פון זיין פירענדער ראל בנוגע דעם פויערטום, דעם קליינבירגערטום פון שטאט, דער אינטעליגענץ; די דאזיגע באוועגונג שפרייט אויס דעם איינפלוס פון דער קאמוניסטישער פארטיי צווישן די ארבע־טער מאסן און ממילא מאכט דאס דעם פראלעטאריאט שטארקער אין דעם קאמף געגן פאשיזם. די באוועגונג מא־ביליזירט באצייטנס די וואכזאמקייט פון די מאסן בנוגע דער פאשיסטישער געפאר. און זי וועט דינען ווי אן אנשטעקנ־דיגער ביישפיל פאר דער אנטוויקלונג פון דעם אנטי־פאשיס־טישן קאמף אין אנדערע קאפיטאליסטישע לענדער, וועט האבן א דערמוטיגענדע ווירקונג אויף דעם פראלעטאריאט פון דייטשלאנד, וואס איז צוגעדריקט פון דער פאשיסטישער דיקטאטור.

דער זיג איז זיכער א גרויסער. אבער ער אנטשיידעט

נאָך ניט דעם אויסגאַנג פון דעם אַנטי־פאַשיסטישן קאַמף. די גרויסע מערהייט פון דעם פראַנצויזישן פאָלק איז אָן ספק געגן פאַשיזם. אָבער די בורזשואַזיע מיט דער הילף פון איר באַוואָפנטער מאַכט קאָן פאַרגוואַלטיגן דעם ווילן פון פעלקער. די פאַשיסטישע באַוועגונג זעצט פאָר איר אַנטוויקלונג גאַנץ פריי מיט דער אַקטיווער שטיצע פון דעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל, דעם בורזשואַזן מלוכה־אַפּאַראַט, דעם גענעראַל שטאַב פון דער פראַנצויזישער אַרמיי און דער פעסטונג פון יעדער רעאַקציע — דער קאַטוילישער קירך. די שטאַרקסטע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע, דער „קאַמפּס־קרייץ" פאַרמאָגט איצט 350 טויזנט באַוואָפנטע מענטשן, וואָס זייער צענטראַלע קראַפט איז די מחנה פון 60 טויזנט רעזערוואָפיצירן. זי האָט שטאַרקע פּאָזיציעס אין דער פּאָליציי, אין דער זשאַנדאַרמעריע, אין דער אַרמיי און אַוויאַציע, אין דעם גאַנצן מלוכה־אַפּאַראַט. די לעצטע מוניציפּאַלע וואַלן ווייזן, אַז אין פראַנקרייך וואַקסן ניט בלויז די רעוואָלוציאָנערע כחות, נאָר אויך די כחות פון פאַשיזם. אויב דעם פאַשיזם וועט זיך איינגעבן ברייט אַריינדרינגען אין דעם פּויערטום און קריגן די שטיצע פון איין טייל פון דער אַרמיי און די נייטראַליטעט פון אַ צווייטער, וועלן די פראַנצויזישע אַרבעטנדיגע מאַסן ניט קאָנען שטערן דעם פאַשיזם צו קומען צו דער מאַכט. פאַרגעסט ניט, חברים, די אָרגאַניזאַציאָנעלע שוואַכקייטן פון דער פראַנצויזישער אַרבעטער באַוועגונג, וואָס דאָס מאַכט גרינגער דעם דערפאָלג פון דעם פאַשיסטישען אָנגריף. עס איז ניטאָ קיין גרונד פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס און פאַר דער גאַנצער אַנטי־פאַשיסטישער פראַנקרייך זיך צו באַרואיגן מיט די דערגרייכטע רעזולטאַטן.

וואָס פאַר אויפגאַבן שטייען פאַר דעם פראַנצויזישן אַרבעטער קלאַס?

ערשטנס, דערשלאָגן זיך צו אַ פאַראייניגטן פראָנט ניט בלויז אויפן פּאָליטישן געביט, נאָר אויך אויפן עקאָנאָמישן כדי צו אָרגאַניזירן דעם קאַמף געגן דעם אָנגריף פון קאַפּיטאַל, כדי מיט דעם מאַסן־דרוק צו ברעכן דעם ווידערשטאַנד געגן פאַראייניגטן פראָנט מצד דער אויבערשטער פירערשאַפט פון דער רעפאָרמיסטישער אַרבעטס־קאָנפעדעראַציע.

צווייטנס, צו פאַרווירקלעכן די טרעיד־יוניאָן איינִיג־

קיט פון פראנקרייך; פאראייניגטע טרעיד יוניאָנס אויפן באָדן פון קלאסנקאמף.

דריטנס, אריינציען אין דער אַנטי־פאשיסטישער באַוועגונג די ברייטע פויערשע מאסן, די מאסן פון קליינביר־גערטום און אָפּגעבן אַ באַזונדער אָרט די דרינגענדע פאָדע־רונגען פון די דאָזיגע מאסן אין דער פראָגראם פון דעם אַנ־טי־פאשיסטישן פאָלקס־פראָנט.

פערטנס, אָרגאניזאציאָנעל פארפעסטיגן און אויסברייי־טערן נאָך ווייטער די פאנאנדערגעוויקלטע אַנטי־פאשיסטישע באַוועגונג דורך שאפן מאסנהאפטע אויסער־פארטייאישע אויסדערוויילטע אָרגאנען פון אַנטי־פאשיסטישן פאָלקס־פראָנט, ברייטער פון די פארטייען און אָרגאניזאציעס פון ארבעטער, וואָס עקזיסטירן איצט אין פראנקרייך.

פינפטנס, דורך מאסן דרוק אויסווירקן, אַז עס זאָלן פאַ־נאנדערגעלאָזט און אַנטוואפנט ווערן די פאשיסטישע אָרגאַ־ניזאציעס, ווי אָרגאניזאציעס פון פארשווערער געגן דער רע־פובליק און היטלער־אַגענטן אין פראנקרייך.

זעקסטנס, אָפּרייניגן דעם מלוכה־אפאראט, די ארמיי, פאָליציי פון די פארשווערער וואָס גרייטן צו אַ פאשיסטישע איבערקערעניש.

זיבעטנס, פאנאנדערוויקלען דעם קאמף געגן די אָנפּי־רער פון די רעאַקציאָנערע קליקעס אין דער קאטוילישער קירך, ווי איינעם פון די וויכטיגסטע שטיץ־פונקטן פון דעם פראנצויזישן פאשיזם.

אַכטנס, פארבינדן די ארמיי מיט דער אַנטי־פאשיסטי־שער באַוועגונג דורך גרינדן אין אירע רייען קאָמיטעטן צו פארטיידיגן די רעפובליק און די קאָנסטיטוציע געגן די, וואָס זוכן אויסצונוצן די ארמיי פאר אַן אַנטי־קאָנסטיטוציאָנעלער מלוכה־איבערקערעניש; ניט דערלויבן די רעאַקציאָנערע כחות פון פראנקרייך ארונטערריסן דעם פראנצויזיש־סאָוועַ־טישן אָפּמאַך, וואָס פארטיידיגט די זאַך פון פרידן געגן דעם אָנגריף פון דייטשן פאשיזם.

און אויב אין פראנקרייך וועט די אַנטי־פאשיסטישע באַוועגונג ברייגען צו דער גרינדונג פון אַ רעגירונג, וואָס וועט פארווירקלעכן אַן אמת'ן קאמף — ניט אין ווערטער, נאָר אין מעשים, — געגן פראנצויזישן פאשיזם, — וועט

דורכפירן די פראָגראַם פון דעם אַנטי־פאַשיסטישן פאָלקס־פראָנט, וועלן די קאָמוניסטן, בלייבנדיק שונאים פון יעדער בורזשואַזער רעגירונג און אַנהענגער פון סאָוועטן ־ מאַכט, דאָך זיין גרייט צו שטיצן אַזאַ רעגירונג פּנים אל פּנים מיט דער שטייגנדער פאַשיסטישער געפאַר (אַפּלאָדיסמענטן).

פאַראייניגטער פראָנט און פאַשיסטישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס

חברים! דער קאַמף פאַר דער גרינדונג פון אַ פאַראייניגטן פראָנט אין די לענדער, וואו די פאַשיסטן זיינען אין מאַכט, איז אפשר די וויכטיגסטע פּראָבלעם, וואָס שטייט דאָ פאַר אונז. דאָרט ווערט דער דאָזיגער קאַמף, פאַרשטייט זיך, געפירט אונטער אַ סך שווערערע באַדינגונגען ווי אין די לענדער מיט אַ לעגאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָך זיינען אין די פאַשיסטישע לענדער פאַראַן אַלע פאַר־באַדינגונגען פאַר דער פאַנאַנדערוויקלונג פון אַווירקלעכן אַנטי־פאַשיס־טישן פאָלקס־פראָנט אין דעם קאַמף געגן פאַשיסטישער דיק־טאַטור, ווייל די סאָציאַל דעמאָקראַטישע, קאַטוילישע און אַנדערע אַרבעטער פון דייטשלאַנד, צום ביישפּיל, קאָנען מער דירעקט באַגרייפן די נויטווענדיגקייט פון אַ פאַראייניגטן קאַמף צוזאַמען מיט די קאָמוניסטן געגן דער פאַשיסטישער דיקטאַטור. די ברייטע שיכטן פון דעם קליינבירגערטום און פויערטום, וואָס האָבן שוין פאַרזוכט די ביטערע פרוכט פון דער פאַשיסטישער הערשאַפט, ווערן אַלץ מער אומצופרידן און אַנטוישט, און דאָס מאַכט גרינגער זיי אַריינצוציען אין אַן אַנטי־פאַשיסטישן פאָלקס־פראָנט.

די הויפּט־אויפגאַבע אין די פאַשיסטישע לענדער, באַזונ־דערס אין דייטשלאַנד און איטאַליע, וואו דער פאַשיזם האָט באַוויזן צו קריגן אַ מאַסן־באַזע און האָט מיט גוואַלד אריינ־געטריבן די אַרבעטער און אַנדערע אַרבעטנדיגע עלעמענטן אין זיינע אָרגאַניזאַציעס, באַשטייט אין דעם פייאיגן קאָמבי־נירן דעם קאַמף געגן דער פאַשיסטישער דיקטאַטור פון דרויסען מיט דעם אונטערגראָבן די דיקטאַטור פון אינווייניג אין די פאַשיסטישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס און אָרגאַנען. עס איז נויטיג דורכצושטודירן, באַהערשן און אַנווענדן, לויט די

קאָנקרעטע באַדינגונגען פון יענע לענדער, ספּעציעלע מעטאָדען און צוגאַנגען, וואָס קאָנען העלפן וואָס־שנעלער צו צעשטערן די מאַסן־באַזע פון דעם פאַשיזם און צוגרייטן די שטירצונג פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור. מען דאַרף דאָס דורכשטודירן, באַהערשן און אָנווענדן, און ניט בלויז שרייען — „ארונטער מיט היטלער׳ן! ארונטער מיט מוסאָליני׳ן!". יע, דורכשטודירן, באַהערשן און אָנווענדן.

דאָס איז אַ שווערע און קאָמפּליצירטע אויפגאַבע. נאָך שווערער דערפאַר, וואָס אונזער דערפאַרונג פון דערפאָלגרייכען קאַמף געגן פאַשיסטישער דיקטאַטור איז זייער באַגרעניצט. אונזערע איטאַליענישע חברים, צום ביישפּיל, קעמפן שוין 13 יאָר אונטער די באַדינגונגען פון פאַשיסטישער דיקטאַטור. זיי האָט זיך אָבער נאָך ניט איינגעגעבן פאַנאַנדערצואוויקלען אַ ווירקלעכן מאַסן־קאַמף געגן פאַשיזם, און דעריבער האָבן זיי, צום באַדויערן, ווייניג געהאָלפן דורך פּאָזיטיווער דערפאַרונג אויף דעם דאָזיגן געביט די אַנדערע קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון די פאַשיסטישע לענדער.

די דייטשע און איטאַליענישע קאָמוניסטן און די קאָמוניסטן פון אַנדערע פאַשיסטישע לענדער, און אויך די יונגנטלעכע קאָמוניסטן האָבן באַוויזן וואונדער פון העלדישקייט, האָבן געבראַכט און ברענגען יעדן טאָג ריזיגע קרבנות. פאַר די דאָזיגע העלדישקייטן און קרבנות בויגן מיר אַלע דעם קאָפּ, אָבער העלדישקייטן אַליין איז ניט גענוג (אַפּלאַדיסמענטען). ס׳איז נויטיג צו באַהעפטן די דאָזיגע העלדישקייטן מיט טאָג־טעגלעכער ארבעט צווישן די מאַסן, מיט אַזאַ קאָנקרעטן קאַמף געגן פאַשיזם, וואָס זאָל ברענגען מער ממשותדיגע רעזולטאַטן. אין אונזער קאַמף געגן דער פאַשיסטישער דיקטאַטור איז באַזונדערס געפערלעך אָנצונעמען דאָס געווינשטע, פאַר דעם ווירקלעכן. מ׳דאַרף ארויסגיין פון די פאַקטן, פון דער ווירקלעכער, קאָנקרעטער לאַגע.

און ווי איז איצט די ווירקלעכקייט אין דייטשלאַנד, צום ביישפּיל?

אין די מאַסן וואַקסט די אומצופרידנקייט און אַנטוישונג מיט דער פּאָליטיק פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור. דאָס נעמט אַפילו אָן די פאָרם פון טיילווייזע סטרייקס און אַנדערע ארויסטרעטונגען. ניט געקוקט אויף אַלע זיינע באַמי־

אונגען האָט זיך דעם פאַשיזם ניט איינגעגעבן צו געווינען אויף זיין זייט די הויפּט־מאַסן פון די אַרבעטער, ער ווערט אָן און וועט אַלץ מער אָנווערן זיינע פריערדיגע אָנהענגער. מיר דאַרפן זיך אָבער דאָך אָפּגעבן אַ חשבון אין דעם, אַז די אַרבעטער, וואָס זיינען איבערצייגט אין דער מעגלעכקייט אומצואוואַרפן די פאַשיסטישע דיקטאַטור און זיינען שוין היינט גרייט אַקטיוו צו קעמפן דערפאַר, זיינען נאָך דערווייל אין דער מינדערהייט — דאָס זיינען מיר, די קאָמוניסטן און דער רעוואָלוציאָנערער טייל פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער. די מערהייט אַרבעטנדיגע האָט נאָך דערווייל ניט באַנומען די רעאַלע און קאָנקרעטע מעגלעכקייטן און וועגן צו אַראָפּוואַרפן די דאָזיגע דיקטאַטור און איז נאָך אין אַ שטימונג פון אויסוואַרטן. דאָס דאַרף מען האָבן אינזינען, ווען מיר צייכענען אָן אונזערע אויפגאַבן אין דעם קאַמף געגן פאַשיזם אין דייטשלאַנד און ווען מיר זוכן, דערלערנען און ווענדן אָן ספּעציעלע צוגאַנגען צום פאַנאַנדערטרייסלען און אַראָפּוואַרפן די פאַשיסטישע דיקטאַטור אין דייטשלאַנד.

כדי צו דערלאַנגען אַ שטאַרקן קלאַפּ דער פאַשיסטישער דיקטאַטור דאַרפן מיר וויסן, וואו איר שוואַכסטער פונקט איז. וואו איז די „אַכילעס'פּיאַטע" פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור? אין איר סאָציאַלער באַזע. די לעצטע איז זייער פאַרשיידנאַרטיג. זי כאַפּט אַרום פאַרשיידענע קלאַסן און שיכטן פון דער געזעלשאַפט. דער פאַשיזם האָט זיך דערקלערט פאַר דעם איינציגן פאַרטרעטער פון אַלע קלאַסן און שיכטן פון דער באַפעלקערונג — דעם פאַבריקאַנט און דעם אַרבעטער, דעם מיליאָנער און דעם אַרבעטלאָזן, דעם יונקער און דעם קליינעם פּויער, דעם גרויס־קאַפּיטאַליסט און דעם באַלמעלאָכע. ער מאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער פאַרטייריגט די אינטערעסן פון די אַלע שיכטן, די אינטערעסן פון דער נאַציע. אָבער זייענדיג אַ דיקטאַטור פון דער גרויס־בורזשואַזיע, מוז דער פאַשיזם אומפאַרמיידלעך קומען אין קאָנפליקט מיט זיין סאָציאַלער מאַסן־באַזע, נאָך מער דערפאַר, וואָס גראָד אונטערן פאַשיזם ווייזן זיך אַרויס באַזונדער שאַרף די קלאַסן־געגנזאַצן צווישן דער באַנדע פינאַנץ־מאַגנאַטן און דער גרויסער מערהייט פון פאָלק.

צו פירן די מאַסן צו אַן אַנטשיידנדיגן קאַמף פאַר דער שטירצונג פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור קאָנען מיר בלויז דורך אריינציען די אַרבעטער — וועלכע זיינען מיט גוואַלד אריינגעטריבן געוואָרן אָדער דורך זייער אומבאַוואוסטזיין אריינגעטראָטן אין די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, — אין די סאַמע עלעמענטאַרע באַוועגונגען פאַר דער פאַרטיידי־גונג פון זייערע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע אינ־טערעסן. גראָד דערפאַר דאַרפן די קאָמוניסטן אַרבעטן אין די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס, ווי די בעסטע פאַרטיידיגער פון די טאָג־טעגלעכע אינטערעסן פון די מאַסן מיטגלידער, האָ־בענדיג אין זינען, אַז וואָס אָפטער די אַרבעטער אין די דאָ־זיגע אָרגאַניזאַציעס הויבן אָן פאָדערן זייערע רעכט און פאַר־טיידיגן זייערע אינטערעסן, אַלץ אומפאַרמיידלעכער מוזן זיי זיך צוזאַמענשטויסן מיט דער פאַשיסטישער דיקטאַטור.

אויף דעם באָדן פון פאַרטיידיגן די דרינגענדע, אין דער ערשטער ריי — די סאַמע עלעמענטאַרע אינטערעסן פון די האַרעפּאַשנע מאַסן פון שטאָט און דאָרף איז פאַרהעלטנים־מעסיג גרינגער צו געפינען אַ געמיינשאַפטלעכע שפּראַך ניט בלויז מיט די באַוואוסטזיניגע אַנטי־פאַשיסטן, נאָר אויך מיט יענע האַרעפּאַשניקעס, וואָס זיינען נאָך אָנהענגער פון דעם פאַשיזם, נאָר זיינען אַנטוישט און אומצופרידן מיט זיין פּאָליטיק, מיט די וואָס בורטשען און זוכן אַ געלעגנהייט אויסצודריקן זייער אומצופרידנהייט. מיר דאַרפן זיך בכלל אָפּגעבן אַ חשבון אין דעם, וואָס אונזער גאַנצע טאַקטיק אין די לענדער פון פאַשיסטישער דיקטאַטור דאַרף טראָגן אַזאַ כאַראַקטער, אַז זי זאָל פון זיך ניט אָפּשטויסן די רענק־ענד־פאַיל אָנהענגער פון פאַשיזם, ניט אַריינוואַרפן זיי אויפ׳ס ניי אין די אָרעמס פון פאַשיזם; נאָר זי זאָל טיפער מאַכן דעם אָפּגרונט צווישן דעם פאַשיסטישן „אויבן" און דער מאַ־סע אַנטוישטע אָנהענגער פון פאַשיזם אין די האַרעפּאַשנע שיכטן.

מען דאַרף זיך ניט פילן אין אַ פאַרלעגנהייט, חברים, אויב די מענטשן, וואָס ווערן מאָביליזירט אַרום די דאָזיגע טאָג־טעגלעכע אינטערעסן, באַטראַכטן זיך אָדער פאַר גלייכ־גילטיגע צו פּאָליטיק, אָדער אפילו פאַר אָנהענגער פון פאַ־שיזם. פאַר אונז איז וויכטיג זיי אַריינציען אין אַ באַווע־

גונג, וואָס כאָטש אין אָנהויב גייט זי נאָך ניט אָפּן אונטער לאָזונגען פון קאַמף געגן פאַשיזם, איז זי אָבער אביעקטיוו שוין אַן אַנטי־פאַשיסטישע באַוועגונג, וואָס שטעלט די מאַסן אין געגנזאַץ צו דער פאַשיסטישער דיקטאַטור.

די דערפאַרונג לערנט אונז, אַז ס׳איז שעדלעך און ניט ריכטיג די מיינונג, אַז אין די לענדער פון פאַשיסטישער דיקטאַטור איז בכלל אוממעגלעך אַרויסצוטרעטן לעגאַל אָדער האַלב - לעגאַל. צו באַשטיין אויף אַזאַ שטאַנדפּונקט הייסט — אַריינפאַלן אין פאַסיווקייט, זיך אָפּזאָגן פון ווירקלעכער מאַסן־אַרבעט בכלל. אמת, ס׳איז אַ שווערע און קאָמפּליצירטע אויפגאַבע צו געפינען אונטער די באַדינגונגען פון פאַשיסטישער דיקטאַטור פאָרמען און מעטאָדן פון לעגאַלע און האַלב־לעגאַלע אַרויסטרעטונגען. נאָר ווי אין אַ סך אַנדערע פראַגן, ווייזט דעם וועג דאָס לעבן אַליין און די איניציאַטיווע פון די מאַסן גופא, וואָס האָבן שוין געוויזן אַ ריי ביישפּילן, וועלכע מיר דאַרפן פאַראַלגעמיינען, אָנווענדן אָרגאַניזאַציאָנעל און צוועקמעסיג. ס׳איז נויטיג מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט צו מאַכן אַ סוף צו דער אונטערשאַצונג פון אַרבעט אין די פאַשיסטישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. סיי אין איטאַליע און סיי אין דייטשלאַנד און אַ ריי אַנדערע פאַשיסטישע לענדער האָבן אונזערע חברים באַרעכטיגט זייער פאַסיווקייט און אָפּטמאָל — זייער דירעקטן אָפּזאָגן זיך פון אַרבעט אין די פאַשיסטישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס דורך באַטראַכטן די אַרבעט אויף די פאַבריקן אין געגנזאַץ צו דער אַרבעט אין די פאַשיסטישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. אין דער ווירקלעכקייט אָבער האָט גראָד אָט־די סכעמאַטישע געגנזעצונג געבראַכט דערצו, אַז די אַרבעט זאָל געפירט ווערן זייער שוואַך און צומאָל אינגאַנצן ניט געפירט ווערן ניט אין די פאַשיסטישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס און ניט אַף די פאַבריקן.

פאַר די קאָמוניסטן אין די פאַשיסטישע לענדער איז אָבער באַזונדער וויכטיג צו זיין אומעטום, וואו עס זיינען דאָ מאַסן. דער פאַשיזם האָט ביי די אַרבעטער צוגענומען זייערע אייגענע לעגאַלע אָרגאַניזאַציעס. ער האָט זיי אָנגעבונדן פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, און דאָרט געפינען זיך מאַסן דורך צוואַנג אָדער טיילווייז פרייוויליג. די דאָזיגע מאַסן־

ארגאניזאציעס פון דעם פאשיזם קאנען און דארפן ווערן אונזער לעגאל אדער האלב־לעגאל פעלד פאר אקציע, וואו מיר זאלן קאנען פארקערן מיט די מאסן. זיי קאנען און דארפן ווערן פאר אונז דער לעגאלער אדער האלב־לעגאלער אויסגאנג־פונקט פאר דער פארטיידיגונג פון די טאג־טעגלעכע אינטערעסן פון די מאסן. כדי אויסצונוצן די דאזיגע מעגלעכקייטן דארפן די קאמוניסטן זוכן צו קריגן אויסדערוויילטע פאסטן אין די פאשיסטישע מאסן־ארגאניזאציעס מיטן צוועק צו פארבינדן זיך מיט די מאסן, זיך באפרייענדיג איין מאל פאר אלעמאל פון דעם פאראורטייל, אז אזא מין טעטיגקייט איז כלומרשט ניט פאסיג און אומווירדיג פאר א רעוואלוציאנערן ארבעטער.

אין דייטשלאנד, צום ביישפיל, עקזיסטירט א סיסטעם פון אזוי־גערופענע „פאבריק־באפולמעכטיגטע". אבער וואו שטייט עס געשריבן, אז מיר דארפן אין די דאזיגע ארגאניזאציעס געבן די פאשיסטן א מאנאפאליע? קאנען מיר דען ניט פרואוון אויף די פאבריקן פאראייניגן די קאמוניסטישע, סאציאל־דעמאקראטישע, קאטוילישע און אנדערע אנטי־פאשיסטישע ארבעטער, כדי ביים שטימען פאר די צעטלעך פון די „באטריב־באפולמעכטיגטע" זאלן זיי אויסשטרייכן די אפענע אגענטן פון דעם אונטערנעמער און ארייננשרייבן אף די צעטלעך אנדערע קאנדידאטן, וואס האבן דעם צוטרוי פון די ארבעטער? די דערפארונג האט שוין געוויזן, אז דאס איז מעגלעך.

באווייזט אונז דען ניט די דערפארונג, אז ס'איז אויך מעגלעך צוזאמען מיט די סאציאל־דעמאקראטישע און אנדערע אומצופרידענע ארבעטער פאדערן פון די פאבריק־באפולמעכטיגטע, אז זיי זאלן ווירקלעך פארטיידיגן די אינטערעסן פון די ארבעטער?

נעמט דעם „ארבעט־פראנט" אין דייטשלאנד אדער די פאשיסטישע יוניאנס אין איטאליע. קאן מען דען ניט פאדערן, אז די פונקציאנערן פון דעם „ארבעט־פראנט" זאלן דערוויילט און ניט באשטימט ווערן? קאן מען דען נישט באשטיין דערויף, אז די פירנדע ארגאנען פון די לאקאלע גרופן זאלן אפגעבן א חשבון פון זייער טעטיגקייט אויף די פארזאמלונגען פון די מיטגלידער פון די ארגאניזאציעס, זיך

ווענדן מיט די דאָזיגע פאָדערונגען, לויט אַ באַשלוס פון אַ גרופּע, צום אונטערנעמער, צום „באַשיצער פון ארבעט", צו די העכערע אָרגאַנען פון דעם „ארבעט־פראָנט" ? דאָס איז מעגלעך מיט דעם באַדינג, אַז די רעוואָלוציאָנערע ארבע־טער זאָלן ווירקלעך ארבעטן אין דעם „ארבעט־פראָנט" און זוכן דאָרט צו געווינען פּאָסטן.

ענלעכע מעטאָדן פון ארבעט זיינען מעגלעך און נויטיג אויך אין אנדערע פאַשיסטישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס — אין דעם בונד פון היטלער־יוגנט, אין די ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס, אין דער אָרגאַניזאַציע „קראַפט דורך פרייד", אין „דאָפּאָ לאַ־וואָראָ" אין איטאַליע, אין די קאָאָפּעראַטיוון, א. אַז. וו.

חברים, איר געדיינקט די אַלטע לעגענדע וועגן איינגע־מען די שטאָט טראָי. די שטאָט האָט זיך אָפּגעצאָמט פון דער אַטאַקירנדיגער ארמיי מיט פעסטע ווענט, און די אַטאַ־קירנדיגע ארמיי, וואָס האָט געבראַכט ניט ווייניג קרבנות, האָט ניט געקאָנט דערשלאָגן זיך צו קיין זיג ביז זי איז, מיט דער הילף פון דעם באַרימטן טראָיאַנער פערד, אריינגעדרונ־גען אינווייניג אין דעם סאַמע מיטן פון שונא.

מיר, רעוואָלוציאָנערע ארבעטער, דאַכט זיך מיר, דאַרפן זיך ניט קווינקלען אָנצוואַווענדן די זעלביגע טאַקטיק בנוגע אונזער פאַשיסטישן שונא, וואָס באַשיצט זיך פון פאָלק דורך דער לעבעדיגער וואַנט פון זיינע גאָרגל־שניידער.

דער וואָס פארשטייט ניט די נויטיגקייט אָנצוואָווענדן אַזאַ טאַקטיק בנוגע דעם פאַשיזם, דער וואָס רעכנט, אַז אַזאַ צוגאַנג איז „דערנידעריגענד", — יענער מעג זיך זיין אַ וואוילער חבר, ער איז אָבער — דערלויבט מיר צו זאָגן — אַ פּלוידערזאַק און ניט קיין רעוואָלוציאָנער; אַזאַ איינער וועט ניט קאָנען ברייגגען די מאַסן צום אראָפּוואַרפן די פאַשיס־טישע דיקטאַטור.

מאַסן־באַוועגונגען פון דעם פאַראייניגטן פראָנט, וואָס ווערן געבוירן אויסער און אינווייניג אין די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, אין דייטשלאַנד, איטאַליע און אנדערע לענ־דער, וואו דער פאַשיזם האָט אַ מאַסן־באַזע; וואָס שטיצט זיך אויף דער פאַרטיידיגונג פון די סאַמע עלעמענטאַרע באַ־דערפענישן, וואָס בייטן זייערע פאָרמען און לאָזונגען פון קאַמף לויט דער מאָס ווי דער דאָזיגער קאַמף וואַקסט אָן און

בריטערט זיך אוים — דאָס וועט זיין דער שטורעם־באַלקאָן, וואָס וועט צעשמעטערן די פעסטונג פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור, וואָס זעט איצט אוים אומבאַזיגבאַר.

דער פאַראייניגטער פראָנט אין די לענדער, וואו די סאָציאַל־דעמאָקראַטן זיינען איצט אין דער רעגירונג

דער קאַמף פאַר דער גרינדונג פון אַ פאַראייניגטן פראָנט שטעלט אַוועק אַ צווייטע זייער וויכטיגע פראַגע — וועגן דעם פאַראייניגטן פראָנט אין די לענדער, וואו ביי דער מאַכט שטייען סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רעגירונגען אָדער קאָאַליציע רעגירונגען מיט דעם אנטייל פון סאָציאַליסטן, ווי, צום ביי־שפּיל, אין דענמאַרק, נאָרוועגיע, שוועדן, טשעכאָסלאָוואַקיע און בעלגיע.

אונזער אבסאָלוט נעגאַטיווע שטעלונג צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רעגירונגען, וואָס זיינען רעגירונגען פון קאָ־אָפּעראַציע מיט דער בורזשואַזיע, איז באַקאַנט. אָבער ניט געקוקט דערויף באַטראַכטן מיר ניט די אָנוועזנהייט פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער רעגירונג אָדער פון אַ רעגירונגס־קאָאַליציע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי מיט בורזשואַזע פּאַרטייען ווי אַן אומבאַזיגבאַרע שטערונג פאַר דער גרינדונג פון אַ פאַראייניגטן פראָנט מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן איבער באַשטימטע פראַגן. מיר רעכענען, אַז אויך אין אַזאַ פאַל איז גאַנץ מעגלעך און נויטיג אַ פאַראיי־ניגטער פראָנט אויף צו פאַרטיידיגן די דרינגענדע אינטערעסן פון דעם האָרעפּאַשנעם פאָלק און פאַר דעם קאַמף געגן פאַ־שיזם. פאַרשטייט זיך, אַז אין די לענדער, וואו די פאַרטרע־טער פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען באַטייליגן זיך אין דער רעגירונג, ווייזט אַרוים די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירערשאַפט דעם שטאַרקסטן ווידערשטאַנד געגן אַ פּראָ־לעטאַרישן פאַראייניגטן פראָנט. דאָס איז גאַנץ פאַרשטענד־לעך: זיי ווילן דאָך ווייזן דער בורזשואַזיע, אַז גראָד זיי קאָנען בעסער און פלינקער פון אַלעמען האַלטן אין צוים די אומצופרידענע מאַסן און פאַרהיטן זיי פון קאָמוניסטישן איינפלוס. פונדעסטוועגן איז דער פאַקט, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מיניסטאָרן באַציען זיך נעגאַטיוו צום פּראָ־לעטאַרישן פאַראייניגטן פראָנט, בשום אופן ניט קיין בארעכ־

טיגונג פאַר אַזאַ לאַגע, ווען קאָמוניסטן טוען גאָרנישט ניט אויף צו שאַפן אַ פאַראייניגטן פראָנט פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

אונזערע חברים אין די סקאַנדינאַווישע לענדער גייען אָפּט אויפן וועג פון קלענסטן ווידערשטאַנד און באַגרעניצן זיך מיט פּראָפּאַגאַנדיסטישע אויפדעקונגען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער רעגירונג. דאָס איז אַ טעות. צום ביישפּיל, אין דענמאַרק זיצן שוין די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער צען יאָר אין דער רעגירונג. און די קאָמוניסטן ווידערהאָלן צען יאָר, טאָג איין, טאָג אויס, אַז דאָס איז אַ בורזשואַזע, קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג. מען דאַרף אָננעמען, אַז די דאָזיגע פּראָפּאַגאַנדע איז באַקאַנט די דענישע אַרבעטער. דאָס וואָס אַ באַדייטנדע מערהייט גיט נאָך אַלץ אירע שטימען פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער רעגירונגס־פּאַרטיי, ווייזט בלויז, אַז די פּראָפּאַגאַנדיסטישע אויפדעקונגען געגן דער רעגירונג מצד די קאָמוניסטן זיינען ניט גענוג. עס איז אָבער ניט קיין באַווייז, אַז די הונדערטער טויזנטער אַרבעטער זיינען צופרידן מיט אַלע רעגירונגס־שריט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מיניסטאָרן. ניין, זיי זיינען ניט צופרידן דערמיט, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רעגירונג, דורך איר אַזוי־גערופענעם „קריזיס־אָפּמאַך", גיט הילף די גרויסע קאַפּיטאַליסטן און פּריצים, און ניט די אַרבעטער און דער פּויערשער אָרעמשאַפט; זיי זיינען ניט צופרידן דערמיט, וואָס די רעגירונג האָט דורך איר דעקרעט פון יאַנואַר 1933 אַוועקגענומען ביי די אַרבעטער דאָס רעכט צו סטרייקן; זיי זיינען ניט צופרידן דערמיט, וואָס די רעגירונג האָט אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן איבער־באַוואָפענען די פּאָליציי און זי איינאָרדענען אין קאַזאַרמעס; דערמיט, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירערשאַפט פּלאַנט אַ געפערלעכע אַנטי־דעמאָקראַטישע וואַל־רעפאָרמע (מיט אַ באַדייטנדער פאַרקלענערונג פון דער צאָל דעפּוטאַטן). איך האָב קוים אַ טעות, חברים, אויב איך וועל באַהויפּטן, אַז 99 פּראָצענט פון די דענישע אַרבעטער היסן־ניט־גוט אַזוינע פּאָליטישע שריט מצד די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער און מיניסטאָרן.

קאָנען דען ניט די קאָמוניסטן רופן די יוניאָנס און די

סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס פון דענמאַרק צו באַ־טראַכטן די אָדער יענע פון די אַקטועלע פראַגן, אַרויסזאָגן זייער מיינונג און צוזאַמען אַרויסטרעטן פאַר אַ פאַראייניגטן פּראָלעטאַרישן פראָנט מיט דעם צוועק דורכצופירן די פאָדע־רונגען פון די אַרבעטער? פאַראיאָרן אין אָקטאָבער, ווען אונזערע דענישע חברים האָבן זיך געווענדט צו די יוניאָנס מיט אַ רוף אַרויסצוטרעטן געגן דער פאַרקלענערונג פון רע־ליף פאַר די אַרבעטלאָזע און פאַר דעמאָקראַטישע רעכט פון די יוניאָנס, האָבן אַרום הונדערט לאָקאַלע טרעיד־יוניאָן אָר־גאַניזאַציעס זיך אָנגעשלאָסן אין דעם פאַראייניגטן פראָנט.

אין שוועדן געפינט זיך צום דריטן מאָל ביי דער מאַכט אַ סאָציאַל דעמאָקראַטישע רעגירונג, אָבער די שוועדישע קאָ־מוניסטן האָבן אין דער ווירקלעכקייט זיך אָפּגעזאָגט אַ לאַנגע צייט אָנצואווענדן די טאַקטיק פון פאַראייניגטן פראָנט. פאַרוואָס? זיינען זיי דען געווען געגן אַ פאַראייניגטן פראָנט? ניין, פּרינציפּיעל זיינען זיי, פאַרשטייט זיך, געווען פאַר אַ פאַראייניגטן פראָנט אין אַלגעמיין, זיי האָבן אָבער ניט פאַרשטאַנען צוליב וועלכן מאָטיוו, איבער וועלכע פראַ־גן, פאַר דער פאַרטיידיגונג פון וועלכע פאָדערונגען מען וואָלט געקאָנט מיט דערפאָלג אויפבויען אַ פאַראייניגטן פראָנט; זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען אָן וואָס זיך צו פאַר־טשעפּען און ווי אַזוי זיך צו פאַרטשעפּען. עטלעכע חדשים פאַר דער גרינדונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער רעגי־רונג איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אַרויסגעטראָטן אין דער צייט פון דעם וואַל־קאַמף מיט אַ פּלאַטפאָרם, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ ריי אַזוינע פאָדערונגען, וואָס מ׳וואָלט זיי געקאָנט איינשליסן אין פּלאַטפאָרם פאַר אַ פאַראייניגטן פראָנט. צום ביישפּיל, די לאָזונגען — „געגן טאַריף״, „געגן מיליטאַריזאַציע״, „מאַכן אַ סוף מיט די אָפּשלעפּעניש אין דער פראַגע פון אַרבעטלאָזיגקייט־פאַרזיכערונג״, „באַזאָרגן די אַלטע לייט מיט אַ פּענסיע, וואָס זאָל קלעקן צום לעבן״, „ניט דערלאָזן די עקזיסטענץ פון אַזוינע אָרגאַניזאַציעס ווי „מונך־קאָרפּוס״ (אַ פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע), „נידער מיט דער קלאַסן־געזעצגעבונג געגן די יוניאָנס, וואָס די בורזשו־אַזע פּאַרטייען פאָדערן״.

איבער אַ מיליאָן האָרעפּאַשניקעס אין שוועדן האָבן אין

1932 געשטימט פאַר די דאָזיגע פאָדערונגען, וואָס די סאָציאַל - דעמאָקראַטיע האָט אַרויסגעשטעלט, און האָבן אין 1933 באַגריסט די גרינדונג פון אַ סאָציאַליסטישער רעגירונג אין דער האָפענונג, אַז איצט וועט קומען די פאַרווירקלעכונג פון די דאָזיגע פאָדערונגען. וואָס וואָלט געקאָנט זיין נאַטירלעכער אין אַזאַ סיטואַציע — און וואָס וואָלט אין אַ גרעסערער מאָס געקאָנט אַנטשפּרעכן די פאַרלאַנגען פון די אַרבעטער־מאַסן — ווי אַ ווענדונג פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי צו אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און טרעיד־יוניאָן אָרגאַניזאַציעס מיט אַ פאָרשלאָג צו אונטערנעמען געמיינשאַפטלעכע אַקציעס אויף דורכצופירן די דאָזיגע פאָדערונגען, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטיי האָט זיי אַרויסגעשטעלט?

ווען עס וואָלט זיך איינגעגעבן, אין די אינטערעסן פון דורכפירן אַזוינע פאָדערונגען פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן גופא ווירקלעך צו מאָביליזירן ברייטע מאַסן, צעמענטירן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און די קאָמוניסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין אַ פאַראייניגטן פראָנט, איז עס זיכער, אַז דער אַרבעטער קלאַס פון שוועדן וואָלט דערפון געוואונען. די שוועדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מיניסטאָרן וואָלטן, פאַרשטייט זיך, ניט שטאַרק געפרייט זיך דערמיט. ווייל אין אַזאַ פאַל וואָלט די רעגירונג געווען געצוואונגען צו באַפרידיגן כאָטש וועלכע עס איז פאָדערונגען. אָבער אין יעדן פאַל וואָלט זיך ניט באַקומען דאָס, וואָס ס'איז פאָרגעקומען איצט, ווען די רעגירונג האָט, אָנשטאָט אָפּשאַפן טאַריפן, גאָר געהעכערט געוויסע טאַריפן; ווען אנשטאָט באַגרעניצן דעם מיליטאַריזם האָט די רעגירונג פאַרגרעסערט דעם מיליטערישן בודזשעט, און אנשטאָט אָפּוואַרפן יעדע געזעצגעבונג, וואָס איז געריכטעט געגן די יוניאָנס האָט די רעגירונג אַליין אַריינגעבראַכט אין פאַרלאַמענט אַזאַ מין געזעץ־פּראָיעקט. אמת, אין פאַרבינדונג מיט דער לעצטער פראַגע האָט די שוועדישע קאָמוניסטישע פאַרטיי דורכגעפירט אַ גוטע מאַסן־קאַמפּאַניע אין דעם גייסט פון פּראָלעטאַרישן פאַראייניגטן פראָנט און האָט דערגרייכט דעם רעזולטאַט, אַז סוף כל סוף האָט אַפילו די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע אין פאַר־

לאָמענט זיך דערפילט געצוואונגען צו שטימען געגן דעם רעגירונגס־פּראָיעקט — און ער איז דערווייל דורכגעפאַלן.

די נאָרוועגישע קאָמוניסטן האָבן ריכטיג געהאַנדלט, ווען זיי האָבן דעם ערשטן מאַי גערופן די אָרגאַניזאַציעס פון דער אַרבעטער פּאַרטיי צו געמיינשאַפטלעכע דעמאָנסטראַציעס און אַרויסגעשטעלט אַ ריי פאָדערונגען, וועלכע האָבן אין עצם געשטימט מיט די פאָדערונגען פון דער וואַל־פּלאַטפאָרם פון דער נאָרוועגישער אַרבעטער פּאַרטיי. כאָטש דער דאָזיגער שריט אין דער ריכטונג פון אַ פאַראייניגטן פראָנט איז געווען שוואַך צוגעגרייט און די פירערשאַפט פון דער נאָרוועגישער אַרבעטער־פּאַרטיי איז געווען געגן אים, זיינען אין דרייסיג ערטער פאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס פון פאַראייניגטן פראָנט.

פריער האָבן אַ סך קאָמוניסטן מורא געהאַט, אַז פון זייער זייט וועט עס זיין אַן אויסדרוק פון אָפּאָרטוניזם, אויב זיי וועלן ניט אַרויסשטעלן געגן יעדער טיילווייזער פאָדערונג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אייגענע פאָדערונגען, וואָס זאָלן זיין צוויי מאָל אַזוי ראַדיקאַל. דאָס איז געווען אַ נאַאיווער טעות. אויב די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן אַרויסגעשטעלט, צום ביישפּיל, די פאָדערונג פונאַנדערצולאָזן די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, האָבן מיר ניט געדאַרפט צוגעבן „און פונאַנדערלאָזן די מלוכה־פּאָליציי" (ווייל די דאָזיגע פאָדערונג איז צוועקמעסיג אַרויסצושטעלן אין אַן אַנדער סיטואַציע), און מיר דאַרפן זאָגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער: מיר זיינען גרייט אָנצונעמען אָט־די פאָדערונגען פון אייער פּאַרטיי ווי די פאָדערונגען פון דעם פּראָלעטאַרישן פאַראייניגטן פראָנט און ביז צום סוף קעמפן פאַר זייער פאַרווירקלעכונג. לאָמיר צוזאַמען גיין צום קאַמף.

אין טשעכאָסלאָוואַקיע קאָן מען און מען דאַרף אויסנוצן פאַר דער גרינדונג פון דעם פאַראייניגטן פראָנט באַשטימטע פאָדערונגען, וואָס עס האָבן אַרויסגעשטעלט די טשעכישע און דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די רעפאָרמיסטישע יוניאָנס. ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאָדערט, צום ביישפּיל, צו באַזאָרגן די אַרבעטלאָזע מיט אַרבעט אָדער אָפּשאַפן — ווי זיי האָבן דאָס נאָך געפאָדערט אין 1927 — די געזעצן, וועלכע באַגרעניצן די זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון די מוניציפּאַליטעטן, דאַרף מען אויף די ערטער און אין יעדן

דיסטריקט קאָנקרעטיזירן די דאָזיגע פאָדערונגען און האַנט־
אין־האַנט מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס
קעמפן פאַר זייער ווירקלעכער דורכפירונג. אָדער ווען די
סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטייען שטורעמען „בכלל” נעגן
די טרעגער פון פאַשיזם אין דעם מלוכה־אַפּאַראַט, דאַרף
מען אין יעדן דיסטריקט אַרויסשלעפן אויף דער ליכטיגער
וועלט די קאָנקרעטע פאַשיסטישע פריידיגער און צוזאַמען
מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער אַרויסטרעטן פאַר
זייער באַזייטיגונג פון די מלוכה־אַנשטאַלטן.

אין בעלגיע זיינען די פירער פון דער סאָציאַליסטישער
פאַרטיי, מיט עמיל וואַנדערוועלדע'ן אָן דער שפּיץ, אַריינגע־
טראָטן אין אַ קאָאַליציע־רעגירונג. דעם דאָזיגן „דערפאָלג”
האָבן זיי געקראָגן אויף דעם באָדן פון אַ לאַנגער און ברייט־
טער קאַמפּאַניע פאַר צוויי הויפּט־פאָדערונגען : 1) אָפּשאַפן
די אויסעראָרדנטלעכע דעקרעטן און 2) דורכפירן דעם דע־
מאַן פּלאַן. די ערשטע פראַגע איז זייער אַ וויכטיגע. די
פריערדיגע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן 150 רעאַקציאָנערע
אויסעראָרדנטלעכע דעקרעטן, וואָס פאַלן ווי אַ שווערע לאַסט
אויף דעם אַרבעטנדיגן פאָלק. די דאָזיגע דעקרעטן האָבן
געזאָלט באַלד אָפּגעשאַפט ווערן. האָט אָבער די נייע רע־
גירונג אָפּגעשאַפט אַ סך פון אָט־די דעקרעטן ? זי האָט ניט
אָפּגעשאַפט קיין איינציגן, נאָר זי האָט בלויז עטוואָס מילדער
געמאַכט עטלעכע אויסנאַמס־געזעצן, כדי אַריינצוטראָגן אַ
מין „סימבאָלישע” איינצאָלונג אויף די גרויסע צוזאָגן פון
די סאָציאַליסטישע פירער פון בעלגיע (ענלעך צום „סימבאָ־
לישן דאָלאַר”, וואָס געוויסע אייראָפּייאישע מלוכות האָבן
פאָרגעשלאָגן אַמעריקע אָנשטאָט זייערע מיליאָנען מלחמה־
חובות).

וואָס איז שייך דער פאַרווירקלעכונג פון דעם ברייט־
רעקלאַמירטן דע־מאַן פּלאַן, האָט די זאַך אָנגענומען אַ כאַ־
ראַקטער, וואָס איז געווען גאָר אומדערוואַרטעט פאַר די
סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מאַסן : די סאָציאַליסטישע מיניס־
טאָרן האָבן דערקלערט, אַז מען דאַרף פריער בייקומען
דעם עקאָנאָמישן קריזיס און דורכפירן בלויז יענע טיילן
פון דעם דע־מאַן פּלאַן, וואָס פאַרבעסערן די לאַגע פון די
אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטן און באַנקן — און ערשט דער־

נאָך וועט מען קאָנען דורכפירן די מיטלען, וואָס זיינען גע־צילט צו פארלייכטערן די לאַגע פון די ארבעטער. אָבער ווי לאַנג דארפן די ארבעטערווארטן אויף זייער חלק „וואויל־זיין", וואָס דער דע־מאַן פּלאַן זאָגט צו? אויף די בעלגישע באַנקירן איז שוין אראָפּ אַן אמת'ער גאָלדענער רעגן. עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אנטוווערטונג פון דעם בעלגישן פראַנק אויף 28 פּראָצענט און דורך דער דאָזיגער מאַני־פּולאַציע האָבן די באַנקירן אראָפּגעלאָזט אין קעשענע פיר און א האַלב ביליאָן פראַנק אויפן חשבון פון די לוין־ארבעטער און די אָפּגעשפּאָרטע געלדער פון די קליינע מענ־טשען. אָבער ווי אזוי שטימט דאָס מיט דעם אינהאַלט פון דעם דע־מאַן פּלאַן? אויב מען זאָל גלויבן דעם בוכשטאַב פון דעם פּלאַן, זאָגט ער דאָך צו צו „פארפאָלגן די מאָנאָ־פּאָליסטישע מיסברויכונגען און ספּעקולאַנטישע מאַנעוו־רעס".

אויף דעם גרונד פון דעם דע־מאַן פּלאַן האָט די רע־גירונג באַשטימט א קאָמיסיע צו קאָנטראָלירן די באַנקען. די קאָמיסיע איז אָבער צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון באַנ־קירן, וואָס קאָנטראָלירן זיך איצט אַליין גאַנץ לוסטיג און צופרידן.

דער דע־מאַן פּלאַן זאָגט אויך צו א ריי אַנדערע גוטע זאַכן: „פארקירצן די ארבעט־צייט", „נאָרמאַליזירן דעם ארבעט־לוין", „אָרגאַניזירן אַן אַלץ־ארומנעמענדיגע סיסטעם פון סאָציאַלער זיכערונג", „מינימום ארבעט־לוין", נייע וואוינונגען, א. אז. וו. דאָס זיינען אַלץ פאָדערונגען, וואָס מיר קאָמוניסטן קאָנען שטיצן. מיר דארפן זיך ווענדן צו די ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון בעלגיע און זיי זאָגן: די קאַפּיטאַליסטן האָבן שוין געקראָגן גענוג און שוין אַפילו צו פיל. לאָמיר פאָדערן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מיניס־טאָרן זיי זאָלן דורכפירן די צוזאָגן, וואָס זיי האָבן געגעבן די ארבעטער. לאָמיר זיך פאראייניגן אין איין פראָנט פאר דער דערפאָלגרייכער פארטיידיגונג פון אונזערע אינטערעסן. מיניסטער וואַנדערוועלדע — מיר שטיצן די פאָדערונגען פון אייער פּלאַטפאָרמע פאר די ארבעטער; אָבער מיר דער־קלערן אָפן, אז אָט־די פאָדערונגען נעמען מיר ערנסט, מיר ווילן מעשים און ניט קיין פּוסטע רייד. דעריבער פאר־

איינינגן מיר הונדערטער טויזנטער ארבעטער צום קאמף פאר די דאזיגע פאדערונגען.

אזוי ארום וועלן די קאמוניסטן אין די לענדער מיט סאציאל־דעמאקראטישע רעגירונגען, דורך אויסנוצן די גע־העריגע באזונדערע פאדערונגען אין די פלאטפארמען פון די סאציאל־דעמאקראטן גופא און אין די צוזאגן פון די סא־ציאל־דעמאקראטישע מיניסטארן פאר די וואלן, ווי אן אויס־גאנג־פונקט פאר דער פארווירקלעכונג פון געמיינשאפטלעכע אקציעס מיט די סאציאל־דעמאקראטישע פארטייען און אר־גאניזאציעס, קאנען דערנאך גרינגער פאנאנדערוויקלען די קאמפאניע פאר דער גרינדונג פון א פאראייניגטן פראנט שוין אויף דעם באדן פון א ריי אנדערע פאדערונגען פון די מאסן אין קאמף געגן דעם אנגריף פון קאפיטאל, געגן פא־שיזם און דער מלחמה־געפאר.

ווייטער דארף מען האבן אין זינען, אז אויב געמיינ־שאפטלעכע אקציעס מיט סאציאל־דעמאקראטישע פארטייען און ארגאניזאציעס פאדערן בכלל פון די קאמוניסטן אן ערנסטע, באגרינדעטע קריטיק פון דעם סאציאל־דעמאקרא־טיזם, אלס אידעאלאגיע און פראקטיק פון קלאסן ־ קאאפע־ראציע מיט דער בורזשואזיע, און א כסדר'דיגע חבר'שע אויפקלערונג פון די סאציאל־דעמאקראטישע ארבעטער בנוגע דער פראגראם און די לאזונגען פון קאמוניזם, איז די דאזיגע אויפגאבע באזונדער וויכטיג אין דעם קאמף פאר דעם פאר־איינינגטן פראנט גראד אין די לענדער, וואו עס זיינען דא סאציאל־דעמאקראטישע רעגירונגען.

דער קאמף פאר טרייד־יוניאן איינינקייט

חברים, דער וויכטיגסטער עטאפ אין דער באפעסטי־גונג פון דעם פאראייניגטן פראנט דארף זיין די פארוויר־קלעכונג פון איינהייט אין די טרעיד־יוניאנס אויף א נאציא־נאלן און אינטערנאציאנאלן מאסשטאב.

ווי באוואוסט, איז די שפאלטערישע טאקטיק פון די רעפארמיסטישע פירער אנגעפירט געווארן מיט באזונדער שארפקייט אין די טרעיד יוניאנס. דאס איז אויך פארשטענד־לעך: דא האט זייער פאליטיק פון קלאסן ־ קאאפעראציע מיט דער בורזשואזיע געפונען איר פראקטישע אנווענדונג

דירעקט אויף דער פאבריק, אויפן חשבון פון די לעבנס־אינטערעסן פון די ארבעטער־מאסן. דאס האט, פארשטייט זיך, ארויסגערופן שארפע קריטיק און ווידערשטאנד געגן דער דאזיגער טאקטיק מצד די רעוואלוציאנערע ארבעטער אונטער דער פירערשאפט פון די קאמוניסטן. אט פארוואס עס האט זיך אויפן טרעיד־יוניאן געביט צעפלאקערט דער שטארקסטער קאמף צווישן קאמוניזם און רעפארמיזם.

וואס שווערער און קאמפליצירטער עס איז געווארן די לאגע פון דעם קאפיטאליזם, אלץ רעאקציאנערער איז געוועזן די פאליטיק פון די פירער פון די אמסטערדאמער יוניאנס און אלץ אגרעסיווער זיינען געווארן זייערע מיטלען געגן אלע אפאזיציאנעלע עלעמענטן אינווייניג אין די טרעיד יוניאנס. אפילו די גרינדונג פון דער פאשיסטישער דיקטאטור אין דייטשלאנד און די פארשטארקטע אטאקע פון קאפיטאל אין אלע קאפיטאליסטישע לענדער האבן ניט פארקלענערט די דאזיגע אגרעסיווקייט. איז עס דען ניט כאראקטעריסטיש, וואס בלויז אין 1933 ווערן אין ענגלאנד, האלאנד, בעלגיע, שוועדן ארויסגעגעבן די שענדלעכסטע צירקולארן, וואס זיינען געצילט אויף אויסשליסן די קאמוניסטן און רעוואלוציאנערע ארבעטער פון די טרעיד יוניאנס?

אין ענגלאנד איז אין 1933 דערשינען א צירקולאר, וואס פארווערט לאקאלע טרעיד־יוניאן ארגאניזאציעס אריינצוטרעטן אין אנטי־מיליטערישע און אנדערע רעוואלוציאנערע ארגאניזאציעס. דאס איז געווען א מין פארווארט צום באריכטן „שווארצן צירקולאר” פון דעם גענעראל־ראט פון טרעיד־יוניאנס, וואס האט דערקלערט אויסערן געזעץ יעדע טרעיד־יוניאן, וואס וועט צולאזן אין איר באשטאנד דעלעגאטן, וועלכע זיינען „אזוי אדער אנדערש פארבונדן מיט קאמוניסטישע ארגאניזאציעס”. וואס זאל מען שוין זאגן וועגן דער פירערשאפט פון די דייטשע טרעיד־יוניאנס, וואס האט אנגעווענדט אומדערהערטע רעפרעסיעס געגן די רעוואלוציאנערע עלעמענטן אין די יוניאנס!

אונזער טאקטיק דארף ארויסגיין ניט פון דער באנעמונג פון איינצלנע פירער פון די אמסטערדאמער יוניאנס, וואס פאר שוועריגקייטן פארן קלאסנקאמף אזא באנעמונג זאל ניט שאפן — נאר קודם כל פון דעם פאקט —

וואו עס געפינען זיך די ארבעטער־מאסן. און דא דארפן מיר אפן דערקלערן, אז די ארבעט אין די יוניאנס איז די סאמע אנגעוויטאגטע פראגע פון אלע קאמוניסטישע פאר־טייען. מיר דארפן זיך דערשלאגן צו אווירקלעכן איבער־בראך אין דער טרעיד־יוניאן ארבעט, אוועקשטעלנדיג זי אין דעם צענטער פון דער פראגע וועגן דעם קאמף פאר טרעיד־יוניאן איינינקייט.

„אין וואס באשטייט די קראפט פון דער סאציאל־דע־מאקראטיע אין מערב אייראפע?", האט ח' סטאלין גע־זאגט נאך צוריק מיט צען יאר. „אין דעם, וואס זי שטיצט זיך אויף די טרעיד יוניאנס.

„אין וואס באשטייט די שוואכקייט פון אונזערע קא־מוניסטישע פארטייען אין מערב אייראפע?

„אין דעם וואס זיי האבן זיך נאך ניט צונויפגעשלאסן, און אייניגע עלעמענטן אין די דאזיגע קאמוניסטישע פאר־טייען ווילן זיך ניט צונויפשליסן מיט די טרעיד־יוניאנס.

„דעריבער איז די גרונט אויפגאבע פון די קאמוניס־טישע מערב פארטייען אין דעם איצטיגן מאמענט — צו אנטוויקלען און דערפירן ביז צום סוף א קאמפאניע פאר איינינקייט אין דער טרעיד יוניאן באוועגונג, זען אז אלע קאמוניסטן זאלן אריינטרעטן אין די יוניאנס און פירן דארט א סיסטעמאטישע געדולדיגע ארבעט אויפן געביט פון פעסטער איינהייט פון דעם ארבעטער־קלאס געגן קא־פיטאל, און אזוי ארום דערגרייכן די לאגע, אז די קאמו־ניסטישע פארטייען זאלן זיך קאנען שטיצן אויף די טרעיד־יוניאנס". (סטאלין — „פראגע פון לעניניזם").

איז די דאזיגע אנווייזונג פון חבר סטאלין דורכגעפירט געווארן? ניין, חברים, ניט דורכגעפירט.

איגנארירנדיג דעם דראנג פון די ארבעטער צו די טרעיד יוניאנס און שטייענדיג פאר די שוועריגקייטן פון דער ארבעט אינוויינינג אין די אמסטערדאמער טרעיד יוניאנס, האבן א סך פון אונזערע חברים באשלאסן פארבייגיין די דאזיגע קאמפליצירטע פראבלעם. זיי האבן כסדר גערעדט וועגן דעם ארגאניזאציאנעלן קריזיס פון די אמסטערדאמער טרעיד יוניאנס וועגן דעם, אז ארבעטער אנטלויפן פון די יוניאנס; און זיי האבן פארזען, אז נאך א געוויסער פאר־

קלענערונג פון דער צאָל מיטגלידער אין די יוניאָנס צום אָנהויב פון דעם עקאָנאָמישן קריזיס, האָבן די יוניאָנס ווי־דער אָנגעהויבן וואַקסן. די אייגנאַרטיגקייט פון דער טרעיד יוניאָן באַוועגונג האָט זיך אויסגעדריקט גראָד אין דעם, וואָס דער אננריף פון דער בורזשואַזיע אויף די רעכט פון די יו־ניאָנס, דער פאַרזוך אין אַ ריי לענדער צו אוניפיצירן (שטעלן אונטער מלוכה־קאָנטראָל) די טרעיד יוניאָנס (פּוילן, אונ־גאַרן, א. אַז. וו.), באַשרענקן די סאָציאַלע זיכערונג, באַרויבן די שכירות, — האָבן געצוואונגען די אַרבעטער — ניט גע־קוקט אויף דעם שוואַכן ווידערשטאַנד מצד די רעפאָרמיס־טישע פירער פון די יוניאָנס — נאָך ענגער זיך צוזאַמענ־שליסן אַרום די יוניאָנס; ווייל די אַרבעטער האָבן געוואָלט און ווילן זען אין דער יוניאָן אַ מיליטאַנטן פאַרטיידיגער פון זייערע דרינגענדע קלאַסן־אינטערעסן. דערמיט דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס די מערהייט אַמסטערדאַמער יוניאָנס — אין פראַנקרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע, בעלגיע, שוועדן, האָ־לאַנד, שווייץ, א. אַז. וו. — זיינען נומעריש אויסגעוואַקסן אין די לעצטע יאָרן. די אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר האָט אויך באַדייטנד פאַרגרעסערט איר צאָל מיטגלידער אין די לעצטע צוויי יאָר.

ווען די דייטשע חברים וואָלטן בעסער פאַרשטאַנען די אויפגאַבע פון דער טרעיד־יוניאָן אַרבעט, ווען וועלכער עס האָט צו זיי ניט איינמאָל גערעדט חבר טעלמאַן, וואָלטן מיר זיכער געהאַט אַ בעסערע לאַגע אין די יוניאָנס, ווי די לאַגע אין דעם מאָמענט, ווען די פאַשיסטישע דיקטאַטור איז געקו־מען צו דער מאַכט. צום סוף פון יאָר 1932 האָבן בלויז צען פּראָצענט פון די פּאַרטיי מיטגלידער באַלאַנגט צו די פרייע יוניאָנס. און דאָס — ניט געקוקט דערויף, וואָס די קאָמו־ניסטן זיינען נאָך דעם זעקסטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן גע־שטאַנען אַן דער שפּיץ פון אַ גאַנצער ריי סטרייקס. אין דער פּרעסע האָבן אונזערע חברים געשריבן וועגן דער נויטיג־קייט אַוועקצוגעבן ניינציג פּראָצענט פון אונזערע כחות פאַר דער אַרבעט אין די טרעיד־יוניאָנס און אין דער ווירקלעכ־קייט איז אַלץ געווען קאָנצענטרירט אַרום דער רעוואָלוציאָ־נערער טרעיד־יוניאָן אָפּאָזיציע, וועלכע האָט פּאַקטיש גע־שטרעבט צו פאַרבייטן די יוניאָנס. נו, און נאָך דעם ווי

היטלער איז געקומען צו דער מאַכט? אין דעם משך פון צוויי יאָר האָבן אַ סך פון אונזערע חברים עקשנות'דיג און סיסטעמאַטיש זיך געוועהרט געגן דעם ריכטיגן לאָזונג פון קאַמף פאַר ווידער אויפשטעלן די פרייע טרעיד־יוניאָנס.

איך וואָלט געקאָנט ברייִנגען ענלעכע ביישפּילן כמעט פון אַלע אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

מיר האָבן שוין אָבער דעם ערשטן און ערנסטן אַקטיוו אין דעם קאַמף פאַר דער אייניקייט אין דער טרעיד יוניאָן באַוועגונג אין די אייראָפּעישע לענדער. איך האָב אין זינען די קליינע עסטרייך, וואו ס'איז אויף דער איניציאַטיוו פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי געשאַפן געוואָרן אַ באַזע פאַר אַן אומלעגאַלער טרעיד - יוניאָן באַוועגונג. נאָך די פעברואַר־שלאַכטן האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן מיט אָטאָ באַוער'ן אָן דער שפּיץ אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג: „פרייע טרעיד־יוניאָנס קאָנען ווידער געשאַפן ווערן נאָכדעם ווי דער פאַשיזם וועט פאַלן". די קאָמוניסטן האָבן זיך גענומען פאַר דער אַרבעט פון אויפריכטן די טרעיד־יוניאָנס. יעדע פאַזע פון דער דאָזיגער אַרבעט איז געווען אַ שטיק לעבעדיגער פאַראייניגטער פראָנט פון דעם עסטרייכישן פּראָלעטאַריאַט. די דערפאָלגרייכע אויפריכטונג פון די פרייע טרעיד־יוניאָנס אין דעם אונטער־ערד איז געווען אַן ערנסטע מפּלה פאַרן פאַשיזם. די סאָציאַל־דעמאָקראַטן זיינען געשטאַנען אויפן שייד־וועג. אַ טייל פון זיי האָט געפּרואווט פירן פאַרהאַנדלונגען מיט דער רעגירונג. אַ צווייטע טייל, זעענדיג אונזערע דערפאָלגן, האָט געשאַפן פּאַראַלעל אייגענע אומלעגאַלע יוניאָנס. ס'האָט אָבער געקאָנט זיין בלויז איין וועג: **אָדער קאַפּיטולאַציע פאַרן פאַשיזם, אָדער אין דעם געמיינשאַפטלעכן קאַמף געגן פאַשיזם — צו טרעיד־יוניאָן אייניגקייט.** אונטערן דרוק פון די מאַסן האָט די וואַקלענדיגע פירערשאַפט פון די פּאַראַלעלע יוניאָנס, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך די געוועזענע טרעיד־יוניאָן פירער, באַשלאָסן איינצוגיין אויף פאַראייניגונג. דער באָדן פאַר דער דאָזיגער פאַראייניגונג איז אומאויפהערלעכער קאַמף געגן דעם אַנגריף פון קאַפּיטאַל און פאַשיזם און די זיכערונג פון דעמאָקראַטיע אין די יוניאָנס. מיר באַגריסן דעם דאָזיגן פאַקט, חברים, וועלכער איז דער ערשטער זינט דער פאָרמע-

לער שפּאַלטונג פון דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג נאָך דער מלחמה און האָט דעריבער אַן אינטערנאַציאָנאַלע באַ־דייטונג.

דער פאַראייניגטער פראָנט אין פראַנקרייך האָט אָן ספק געגעבן אַ ריזיגן שטויס צו דער פאַרווירקלעכונג פון טרעיד־יוניאָן איינִיגקייט: די אָנפירער פון דער „אַלגעמיינער קאָנ־פעדעראַציע פון אַרבעט" האָבן מיט אַלע מיטלען געשטערט און שטערן דער פאַרווירקלעכונג פון איינִיגקייט, אַרויסשטע־לענדיג אַנטקעגן דער גרונד פראַגע פון קלאַסן־פּאָליטיק אין די טרעיד־יוניאָנס אַנדערע פראַגן, וואָס האָבן אַ ווייניגער וויכטיגע און פאַרמעלע באַדייטונג. אָן אומצווייפלהאפטער דערפאָלג אין דעם קאַמף פאַר טרעיד־יוניאָן איינִיגקייט איז געווען די גרינדונג פון פאַראייניגטע יוניאָנס אויף אַ לאָ־קאַלן מאַסשטאַב, וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט ביי די אייזנבאַן־אַרבעטער, צום ביישפּיל, כמעט דריי פערטל פון די מיטגלי־דער פון ביידע טרעיד־יוניאָנס.

מיר זיינען אַנטשיידן דערפאַר, עס זאָל ווידער געשאַפן ווערן איינִיגקייט אין די טרעיד־יוניאָנס פון יעדן לאַנד און אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, מיר זיינען פאַר איין יוניאָן אין יעדן פּראָדוקציע־צווייג, מיר זיינען פאַר איין פאַרבאַנד פון טרעיד־יוניאָנס אין יעדן לאַנד, מיר זיינען פאַר איין אינטערנאַציאָנאַלן טרעיד - יוניאָן בונד לויט אינדוסטריען, מיר זיינען פאַר איין אינטער־נאַציאָנאַל פון טרעיד־יוניאָנס אויפן באַזיס פון קלאַסן־קאַמף. מיר זייען פאַר פאַראייניגטע קלאַסן־יוניאָנס ווי איינע פון די וויכטיגסטע שוץ־פּאָזיציעס פון דעם אַרבעטער־קלאַס געגן דעם אנגריף פון קאַפּיטאַל און פאַשיזם. דערביי שטעלן מיר בלויז איין באַדינגונג פאַר דער פאַראייניגונג פון די טרעיד־יוניאָן - אָרגאַניזאציעס: קאַמף געגן קאַפּיטאַל, קאַמף געגן פאַשיזם און דעמאָ־קראַטיע אין די יוניאָנס.

די צייט וואַרט ניט. פאַר אונז איז די פראַגע פון איי־נִיגקייט אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג, סיי אויף אַ נאַ־ציאָנאַלן און סיי אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, אַ פראַגע פון דער גרויסער אַרבעט צו פאַראייניגן אונזער קלאַס

אין מעכטיגע פאראייניגטע טרעיד־יוניאָן אָרגאַניזאַציעס גע־גען דעם קלאַסן־שונא.

מיר באַגריסן די ווענדונג פון דעם רויטן טרעיד־יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל צו דעם אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל — ערב דעם ערשטן מאַי פון דעם יאָר — מיט אַ פאָרשלאַג צו פאַרהאַנדלען געמיינשאַפטלעך די פראַגע וועגן די באַדינ־גונגען, מעטאָדן און פאָרמען פון פאַראייניגן די אַלוועלט־לעכע טרעיד־יוניאָן באַוועגונג. די פירער פון דעם אַמסטער־דאַמער אינטערנאַציאָנאַל האָבן צוריקגעוויזן דעם דאָזיגן פאָרשלאַג מיט דעם אויסגעדראָשענעם תירוץ, אַז איינינקייט פון דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג איז מעגלעך נאָר אין די רייען פון דעם אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער פאַראייניגט, אַגב, כמעט אויסשליסלעך די יוניאָנס פון אַ טייל אייראָפּעישע לענדער.

אָבער די קאָמוניסטן, בעת זיי אַרבעטן אין די טרעיד־יוניאָנס, דאַרפן אָן אויפהער פאָרטזעצן דעם קאַמף פאַר דער איינינקייט פון דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג. די אויפגאַבע פון די יוניאָנס פון דעם רויטן טרעיד־יוניאָן אינטערנאַציאָ־נאַל איז צו טאָן אַלץ וואָס ווענדט זיך אָן זיי, אַז עס זאָל וואָס שנעלער קומען די שעה פון געמיינשאַפטלעכן קאַמף פון אַלע יוניאָנס געגן דעם אַנגריף פון קאַפּיטאַל און פאַ־שיזם; אַז עס זאָל געשאַפן ווערן איינינקייט אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג ניט געקוקט אויף דעם עקשנות׳דיגן ווידער־שטאַנד פון די רעאַקציאָנערע פירער פון דעם אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל. די רויטע טרעיד יוניאָנס און דער רוי־טער טרעיד־יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל דאַרפן קריגן אונזער פולע שטיצע אין דער דאָזיגער ריכטונג.

מיר רעקאָמענדירן אין די לענדער, וואו עס עקזיסטירן ניט קיין גרויסע רויטע טרעיד־יוניאָנס, זיי זאָלן זוכן אַריינ־צוטרעטן אין די גרויסע רעפאָרמיסטישע יוניאָנס מיט דער פאָדערונג פון פרייהייט צו פאַרטיידיגן זייערע מיינונגען און צוריק אַריינגעמען די אויסגעשלאָסענע מיטגלידער; און אין די לענדער וואו עס עקזיסטירן פאַראַלעל גרויסע רויטע און רעפאָרמיסטישע טרעיד־יוניאָנס — צונויפרופן אַ פאַראייני־גונג־צוזאַמענפאָר אויף דעם באַזיס פון אַ פּלאַטפאָרם פון

קאמף געגן דעם אַנגריף פון קאַפּיטאַל און דער זיכערונג פון דעמאָקראַטיע אין די טרעיד־יוניאָנס.

מען דאַרף זאָגן גאַנץ קאַטעגאָריש, אַז יעדער אַרבעטער־קאָמוניסט, יעדער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער, וואָס טרעט ניט אַריין אין דער מאַסן־יוניאָן פון זיין פאַך, וואָס קעמפט ניט צו פאַרוואַנדלען די רעפאָרמיסטישע יוניאָן אין אַן אמת'ער קלאַסן־אָרגאַניזאַציע, וואָס קעמפט ניט פאַר דער איינינקייט פון דער טרעיד יוניאָן באַוועגונג אויף דעם באַזיס פון קלאַסנקאַמף — אַז יעדער אַרבעטער־קאָמוניסט, יעדער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער פירט ניט דורך זיין ערשטע פּראָלעטאַרישע פליכט. (אַפּלאָדיסמענטן).

דער פאַראייניגטער פראָנט און די יוגנט

איך האָב שוין אָנגעוויזן, חברים, וואָס פאַר אַ ראָל עס האָט געשפּילט דאָס אַריינציען די יוגנט אין די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס פאַר דעם זיג פון פאַשיזם. ריידנדיג וועגן דער יוגנט, דאַרפן מיר אָפן דערקלערן: מיר האָבן פאַרנאַכלעסיגט אונזער אויפגאַבע פון אַריינציען די מאַסן פון דער אַרבעטנדיגער יוגנט אין דעם קאַמף געגן דעם אַנגריף פון קאַפּיטאַל, געגן פאַשיזם און דער מלחמה־געפאַר; מיר האָבן אין אַ ריי לענדער פאַרנאַכלעסיגט די דאָזיגע אויפגאַבן. מיר האָבן אונטערשאַצט די ריזיגע באַדייטונג פון דער יוגנט אין דעם קאַמף געגן פאַשיזם. מיר האָבן ניט שטענדיג אַריינגענומען אין חשבון די באַזונדערע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע אינטערעסן פון דער יוגנט. מיר האָבן אויך ניט געשיינקט די געהעריגע אויפמערקזאַמקייט דער רעוואָלוציאָנערער דערציאונג פון דער יוגנט.

דאָס אַלץ האָט זייער פלינק אויסגענוצט דער פאַשיזם, וואָס האָט אַריבערגעצויגן אין איניגע לענדער, ספּעציעל אין דייטשלאַנד, אַ גרויסן טייל פון דער יוגנט אויף אַן אַנטי־פּראָלעטאַרישן וועג. מען דאַרף האָבן אין זינען, אַז דער פאַשיזם פאַרלאָקט די יוגנט ניט בלויז מיט מיליטאַריסטישער ראָמאַנטיק. וועמען־ניט־וועמען גיט ער אָפּצועסן און שאַפט אפילו אַזוי־גערופענע קולטור־אַנשטאַלטן פאַר דער יוגנט. אויף אַזאַ אופן שאַפט ער ביי דער יוגנט דעם איינ־

דרוק, אַז דער פאַשיזם האָט ווירקלעך דעם ווילן און די פיי־אינקייט צו באַזאָרגן די מאַסע פון דער ארבעטנדיגער יוגנט מיט שפּייז, קליידער, בילדונג און באַשעפטיגונג.

אונזערע קאָמוניסטישע יוגנט־פאַראיינען אין אַ ריי קאַ־פּיטאַליסטישע לענדער זיינען נאָך אַלץ הויפּטזעכלעך סעק־טאַנטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אָפּגעריסן פון די מאַסן. זייער הויפּט שוואַכקייט באַשטייט אין דעם, וואָס זיי זוכן נאָך אַלץ צו קאָפּירן די קאָמוניסטישע פאַרטייען, זייערע פאָרמען און מעטאָדן פון אַרבעט, פאַרגעסנדיג, אַז דער קאָמ־סאָמאָל (קאָמוניסטישע יוגנט ליג) איז ניט קיין קאָמוניס־טישע יוגנט פאַרטיי. זיי רעכענען זיך ניט גענוג דערמיט, וואָס דאָס איז אַן אָרגאַניזאַציע מיט באַזונדערע אויפגאַבן. אירע מעטאָדן און פאָרמען פון אַרבעט, דערציאונג און קאַמף דאַרפן זיין צוגעפּאַסט צו דער קאָנקרעטער אַנטוויקלונג־שטו־פע און די באַדערפענישן פון דער יוגנט.

אונזערע קאָמסאָמאָלצעס האָבן אַרויסגעוויזן אומפאַר־געסלעכע ביישפּילן פון העלדישקייט אין דעם קאַמף געגן פאַ־שיסטישע גוואַלד־אַקטן און בורזשואַזער רעאַקציע. זיי פעלט אָבער די פייאיגקייט קאָנקרעט און עקשנות׳דיג אָוועקצורייסן די יוגנטלעכע מאַסן פון דעם שונא׳ס איינפלוס. דאָס ווערט באַוויזן דורך דעם ווידערשטאַנד, וואָס איז נאָך ביז איצט ניט אויסגעלעבט, געגן אַרבעטן אין די פאַשיסטישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, דער ניט־שטענדיג ריכטיגער צוגאַנג צו דער סאָציאַליסטישער און בכלל ניט־קאָמוניסטישער יוגנט.

אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט טראָגן דאָ, פאַרשטייט זיך, אויך די קאָמוניסטישע פאַרטייען, וואָס דאַרפן אָנפירן מיט די קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציעס און זיי שטיצן אין זייער אַרבעט. די פּראָבלעם פון דער יוגנט איז דאָך ניט בלויז די פּראָבלעם פון דעם קאָמסאָמאָל. דאָס איז די פּראָבלעם פון פון דער גאַנצער קאָמוניסטישער באַוועגונג. אפן גע־ביט פון קאַמף פאַר דער יוגנט מוזן די קאָמוניסטישע פאַר־טייען און די קאָמוניסטישע יוגנט אָרגאַניזאַציעס אויף אַן אמת׳ן דערשלאָגן זיך אַ גרינטלעכע פאַרבעסערונג. די הויפּט אויפגאַבע פון דער קאָמוניסטישער יוגנט־באַוועגונג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז — גיין דרייסט אויפן וועג פון

פאראייניגטן פראָנט, אויפן וועג פון אָרגאַניזירן און פאַר־
איינִיגן די אַרבעטנדיגע יוגנט. וואָס פאַר אַ ריזיגע באַדײַ־
טונג די דאָזיגע אויפגאַבע האָט פאַר דער רעוואָלוציאָנערער
יוגנט־באַוועגונג, ווייזן אונז אַ ריי ביישפּילן אין פראַנקרייך
און אין די פאַראייניגטע שטאַטן. ווי נאָר מ׳איז אין די
דאָזיגע לענדער צוגעטראָטן צו דער דורכפירונג פון דעם
פאַראייניגטן פראָנט, האָבן זיך באַלד באַקומען באַדייטנדיגע
דערפאָלגן. אויפן געביט פון אינטערנאַציאָנאַלן פאַראייניג־
טען פראָנט פאַרדינט אויך אויפמערקזאַמקייט די דערפאָלג־
רייכע איניציאַטיוו פון דעם פּאַריזער אַנטי־פאַשיסטישן און
אַנטי־מלחמה קאָמיטעט אין שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַלע
מיטאַרבעטערשאַפט פון אַלע ניט־פאַשיסטישע יוגנט־אָרגאַ־
ניזאַציעס.

די דאָזיגע דערפאָלגרייכע שריט אין דער באַוועגונג
פאַר אַ פאַראייניגטן יוגנט פראָנט דאַרפן אָנגעווענדט ווערן
ניט לויט אַ באַשטימטן שטאַמפּ, ניט דוקא לויט די זעלביגע
מעטאָדן און פאָרמען ווי מען געפינט אין די קאָמוניסטישע
פאַרטייען. די קאָמוניסטישע יוגנט אָרגאַניזאַציעס דאַרפן
מיט אַלע כחות שטרעבן צו פאַראייניגן אַלע ניט־פאַשיסטי־
שע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון דער יוגנט, גייענדיג אַזוי ווייט
ווי שאַפן פאַרשיידענע אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציעס פאַר דעם
קאַמף געגן פאַשיזם, געגן דער אומדערהערטער רעכטלאָזיג־
קייט און דער מיליטאַריזאַציע פון דער יוגנט, פאַר די עקאָ־
נאָמישע און קולטורעלע רעכט פון דעם יונגן דור, פאַר אַריינ־
ציען אויף דער זייט פון דעם אַנטי־פאַשיסטישן פראָנט די
דאָזיגע יוגנט, וואו זי זאָל זיך ניט געפינען — אויף די פאַב־
ריקן, אין די לאַגערן פון צוואַנג־אַרבעט, אויף די בירזשעס
פון אַרבעטלאָזע, אין די קאַזאַרמעס און אין דעם פלאָט, אין
די שולן אָדער אין די פאַרשיידענע אַטלעטישע, קולטורעלע
אָדער אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

בעת זיי אַנטוויקלען און באַפעסטיגן דעם קאָמסאָמאָל,
דאַרפן אונזערע קאָמסאָמאָלצעס זוכן שאַפן אַנטי־פאַשיסטי־
שע געזעלשאַפטן (פאַראייניגונגען פון פאַרשיידענע אָרגאַני־
זאַציעס) פון קאָמוניסטישע און סאָציאַליסטישע יוגנט־פאַר־
באַנדן אויף אַ פּלאַטפאָרם פון קלאַסנקאַמף.

דער פאראייניגטער פראנט און די פרויען

ניט קיין קלענערע אונטערשאצונג, חברים, ווי בנוגע דער יוגנט, האט זיך ארויסגעוויזן בנוגע דער ארבעט צווישן די הארעפאשנע פרויען — פרויען־ארבעטער, ארבעטלאזע, פויערשע פרויען און הויז־פרויען. אויב דער פאשיזם נעמט ביי דער יוגנט אוועק זייער א סך, איז ער באזונדער ציניש און אומדערבארעמדיג אין פארשקלאפן די פרוי; ער שפילט אויף די סאמע קראנקע געפילן פון דער מוטער, דער באלע־באסטע, דער איינזאמער ארבעטער־פרוי, וואס זיינען ניט זי־כער מיט דעם מארגנדיגן טאג. ארויסטרעטנדיג אין דער ראל פון בעל־צדקה, ווארפט־צו דער פאשיזם נישטיגע ברעק־לעך דער הונגערנדער פאמיליע און פרואווט דערמיט פאר־טויבן די פארביטערונג ספעציעל פון דער ארבעטנדיגער פרוי איבער דער אומדערהערטער שקלאפעריי, וואס דער פאשיזם ברענגט איר. ער טרייבט ארויס די פרויען־ארבעטער פון דער אינדוסטריע, ער שיקט אוועק מיט גוואלד די נויטבא־דערפטיגע מיידלעך אין דארף אריין, צו זיין אומזיסטע דינס־טען ביים קולאק אדער פריץ. ער זאגט צו דער פרוי א גליק־לעכן פאמיליען־ווינקל, אבער נאך שטארקער ווי יעדער אנ־דער קאפיטאליסטישער רעזשים טרייבט ער די פרוי אויפן וועג פון פראסטיטוציע.

קאמוניסטן, און קודם כל אונזערע קאמוניסטקעס, דאר־פען געדיינקען, אז עס קאן ניט געפירט ווערן קיין דערפאלג־רייכער קאמף געגן פאשיזם און געגן מלחמה, סיידן עס ווערן ארייגעצויגן די ברייטע מאסן פרויען. און דורך בלויזער אגיטאציע קאן מען דאס ניט באווייזן. מיר דארפן געפינען א מעגלעכקייט, אריינגעמענדיג אין חשבון די קאנקרעטע לא־גע, צו מאביליזירן די מאסן ארבעטנדיגע פרויען ארום זייע־רע דרינגענדע אינטערעסן און פאדערונגען, אין דעם קאמף געגן יקרות, פאר העכערע שכירות אויפן באדן פון גלייכן לוין פאר גלייכער ארבעט, געגן אפזאגן פרויען פון דער אר־בעט, געגן יעדן אויסדרוק פון אומגלייכהייט פאר זיי און געגן פאשיסטישער פארשקלאפונג.

אין דעם פארזוך אריינצוציען די ארבעטנדיגע פרויען אין דער רעוואלוציאנערער באוועגונג דארפן מיר ניט מורא

האָבן צו שאַפן פאַר דעם דאָזיגן צוועק באַזונדערע פרויען־אָרגאַניזאַציעס דאָרט וואו ס'איז נויטיג.

דער פאַראורטייל, אַז מען דאַרף כלומר'שט ליקווידירן די פרויען־אָרגאַניזאַציעס אונטער קאָמוניסטישער פירערשאַפט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אין דעם נאָמען פון קאַמף געגן „פרויען־סעפּאַראַטיזם" אין דער אַרבעטער־באַוועגונג — אַט דער פאַראורטייל האָט אָפּגעטאָן אַ סך שאָדן.

ס'איז נויטיג צו געפינען גאָר איינפאַכע בויגעוודיגע פאָרמען אויף צו פאַרבינדן אין אַ געמיינשאַפטלעכן קאַמף די רעוואָלוציאָנערע, סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע אַנטי־פאַשיסטישע און אַנטי־מיליטערישע פרויען אָרגאַניזאַציעס. מיר דאַרפן זוכן מיט אַלע כחות צו שאַפן די לאַגע, אַז פרויען־אַרבעטער און האַרעפּאַשנע פרויען בכלל זאָלן קעמפן זייט־ביי־זייט מיט זייערע קלאַסן־ברידער אין די רייען פון דעם פאַראייניגטן פראָנט פון דעם אַרבעטער־קלאַס און דעם אַנטי־פאַשיסטישן פאָלקס־פראָנט.

אַנטי־אימפּעריאַליסטישער פאַראייניגטער פראָנט

אין פאַרבינדונג מיט דער געענדערטער אינטערנאַציאָנאַלער און אינערלעכער לאַגע אין אַלע קאָלאָניאַלע און האַלב קאָלאָניאַלע לענדער ווערט באַזונדער וויכטיג די פראַגע פון אַן אַנטי־אימפּעריאַליסטישן פאַראייניגטן פראָנט.

ביים שאַפן אַ ברייטן אַנטי־אימפּעריאַליסטישן פאַראייניגטן פראָנט פון קאַמף אין די קאָלאָניעס און האַלב־קאָלאָניעס דאַרף מען פריער פאַר אַלץ אַריינרעכענען אין חשבון די פאַרשיידנאַרטיגע באַדינגונגען אין וועלכע עס קומט פאָר דער אַנטי־אימפּעריאַליסטישער קאַמף פון די מאַסן, די פאַרשיידענע שטופן פון רייפקייט פון די נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־באַוועגונגען, די ראָל פון דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם איינפלוס פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אויף די ברייטע מאַסן.

די פראַגע שטייט אַנדערש אין בראַזיליע, אין אינדיע, אָדער כינע, א. אז. וו.

אין בראַזיליע דאַרף די קאָמוניסטישע פאַרטיי, וועלכע

האָט געמאַכט אַ ריכטיגן אָנהויב אויפֿן געביט פֿון אַנטוויק־לען אַ פֿאַראייניגטן אַנטי־אימפּעריאַליסטישן פראָנט דורך דער גרינדונג פֿון אַ בונד פֿאַר נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג, אָנ־ווענדן אַלע אירע כחות אויף ווייטער אויסצוברייטערן דעם דאָזיגן פראָנט דורך אַריינציען אין דער ערשטער ריי די פֿיל־מיליאָניגע מאַסן פֿון פּויערטום און פֿירן די אַרבעט אין דער ריכטונג פֿון שאַפֿן טיילן פֿון אַ רעוואָלוציאָנערער פֿאָלקס־אַר־מיי, וואָס זאָלן ביז־לעצט זיין געטריי דער רעוואָלוציע, און צו פֿאַרווירקלעכן די מאַכט פֿון דעם נאַציאָנאַלן באַפֿריי־אונגס־בונד.

אין אינדיע דאַרפֿן די קאָמוניסטן זיך באַטייליגן אין שטיצן און אויסברייטערן אַלע אַנטי־אימפּעריאַליסטישע מאַ־סן־אַרויסטריטן, ניט אויסשליסנדיג יענע, וואָס ווערן גע־פֿירט פֿון סאָצ.־רעפֿאָרמיסטן. אָנהאַלטנדיג יענע פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע זעלבסטשטענדיגקייט, דאַרפֿן די קאָ־מוניסטן אָנפֿירן אַקטיווע אַרבעט אינווייניג אין די אָרגאַני־זאַציעס, וואָס גייען אַריין אין דעם נאַציאָנאַלן קאָנגרעס פֿון אינדיע, און העלפֿן אויסקריסטאַליזירן דאָרט אַ נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן פֿליגל מיטן צוועק ווייטער אויסצושפּרייטן די נאַציאָנאַלע באַפֿרייאונגס־באַוועגונג פֿון די פֿעלקער אין אינדיע געגן דעם בריטישן אימפּעריאַליזם.

אין כינע, וואו די פֿאָלקס־באַוועגונג האָט שוין דער־פֿירט צו דער גרינדונג פֿון סאָוועטישע ראַיאָנען אויף אַ באַ־דייטנדער טעריטאָריע פֿון לאַנד און צו דער אָרגאַניזאַציע פֿון אַ מעכטיגער רויטער אַרמיי, האָט דער רויבערישער אָנ־גריף פֿון יאַפּאַנעזישן אימפּעריאַליזם און דער פֿאַרראַט מצד דער נאַנקינער רעגירונג אַוועקגעשטעלט אין געפֿאַר די נאַ־ציאָנאַלע עקזיסטענץ פֿון דעם גרויסן כינעזישן פֿאָלק. בלויז די כינעזישע סאָוועטן קאָנען אַרויסטרעטן ווי אַ פֿאַראייניג־ענדער צענטער אין דעם קאַמף געגן דער פֿאַרשקלאַפֿונג און צעטיילונג פֿון כינע דורך די אימפּעריאַליסטן, ווי אַ פֿאַראיי־ניגטער צענטער, וואָס זאָל צונויפֿזאַמלען אַלע אַנטי־אימפּע־ריאַליסטישע כחות פֿאַר דעם נאַציאָנאַלן קאַמף פֿון כינעזישן פֿאָלק.

מיר אונטערשטיצן דעריבער די איניציאַטיווע פֿון אונ־

זער מוטיגער כינעזישער קאָמפּאַרטיי אויפן געביט פון שאַפן דעם ברייטסטן אַנטי־אימפּעריאַליסטישן פאַראייניגטן פראָנט געגן יאַפּאַנעזישן אימפּעריאַליזם און זיינע כינעזישע אַגענטן מיט אַלע יענע אָרגאַניזירטע כחות אויף דער כינעזישער טעריטאָריע, וואָס זיינען גרייט אויף אַן אמת'ן צו פירן אַ קאַמף צו ראַטעווען זייער לאַנד און זייער פאָלק. איך בין זיכער, אַז איך דריק אויס די געפילן און געדאַנקען פון דעם גאַנצן קאָנגרעס, ווען איך דערקלער: מיר שיקן אַ פלאַמיגן גרוס אין נאָמען פון דעם פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט די כינעזישע סאָוועטן און דעם כינעזישן רעוואָלוציאָנערן פאָלק. (שטורמדיגע אַפּלאָדיסמענטן, אַלע אין זאַל שטייען אויף) מיר שיקן אַ פלאַמיגן ברידערלעכן גרוס דער העלדישער, אין טויזנט־שלאַכטן־אויסגעפּרואווטער רויטער אַרמיי פון כינע (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן). און מיר פאַרזיכערן דאָס כינעזישע פאָלק אין אונזער פעסטער אַנטשלאָסענהייט צו שטיצן זיין קאַמף פאַר זיין פולשטענדיגער באַפרייאונג פון אַלע אימפּעריאַליסטישע רויבער און זייערע כינעזישע אַגענטן. (שטורמדיגע אַפּלאָדיסמענטן, אַלע אין זאַל שטייען אויף. רוישיגע אָוואַציעס דויערן עטלעכע מינוט. באַגריסונגס־אויסרופן פון אַלע דעלעגאַטן).

וועגן אַ רעגירונג פון פאַראייניגטן פראָנט

חברים, מיר האָבן גענומען אַן אַנטשלאָסענעם דרייסטן קורס אויף אַ פאַראייניגטן פראָנט פון דעם אַרבעטער־קלאַס און מיר זיינען גרייט אים דורכצופירן מיט דער גאַנצער אויסגעהאַלטנקייט.

אויב מען וועט אונז פרעגן צי מיר, קאָמוניסטן, שטייען אויף דעם באָדן פון פאַראייניגטן פראָנט בלויז אין דעם קאַמף פאַר טיילווייזע פאָדערונגען, אָדער מיר זיינען גרייט צו טיילן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַפילו דעמאָלט ווען עס וועט זיך האַנדלען וועגן שאַפן אַ רעגירונג אויפן באָדן פון פאַראייניגטן פראָנט, וועלן מיר זאָגן מיט דעם פולן באַוואוסטזיין פון אחריות: יאָ, מיר רעכענען זיך דערמיט, אַז אַז עס קאָן זיך שאַפן אַזאַ לאַגע, ווען די גרינדונג פון אַ רעגירונג פון פּראָלעטאַרישן פאַראייניגטן פראָנט אָדער

אַן אַנטי־פאַשיסטישן פאָלקס־פראָנט וועט ניט בלויז זיין מעגלעך, נאָר אויך נויטיג אין די אינטערעסן פון דעם פראָלעטאַריאַט. און מיר ווילן אין אַזאַ פאַל אָן שום וואַקלונגען אַרויסטרעטן פאַר דער גרינדונג פון אַזאַ רעגירונג.

איך רייד דאָ ניט וועגן אַ רעגירונג, וואָס קאָן געשאַפן ווערן נאָך דעם זיג פון דער פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. ס'איז, פאַרשטייט זיך, ניט אויסגעשלאָסן, אַז אין אַ געוויסן לאַנד זאָל באַלד נאָך דער רעוואָלוציאָנערער שטירצונג פון דער בורזשואַזיע געשאַפן ווערן אַ סאָוועטישע רעגירונג אויף דעם באָדן פון אַ רעגירונגס־בלאָק פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי מיט אַ געוויסער פאַרטיי (אָדער איר לינקן פליגל), וואָס באַטייליגט זיך אין דער רעוואָלוציע. די זיגרייכע פאַרטיי פון די רוסישע באָלשעוויקעס, ווי באַוואוסט, האָט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אַריינגענומען אין דעם באַשטאַנד פון דער סאָוועט־רעגירונג אויך פאַרטרעטער פון די לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן (עס־ערן). דאָס איז געווען אַ כאַראַקטער־שטריך פון דער ערשטער סאָוועט־רעגירונג נאָך דעם זיג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן אַזאַ פאַל, נאָר וועגן דער מעגלעכקייט צו גרינדן אַ רעגירונג פון פאַראייניגטן פראָנט ערב אָדער פאַר דעם זיג פון אַ סאָוועטישער רעוואָלוציע.

וואָס איז דאָס פאַר אַ רעגירונג? און וואָס פאַר אַ סיטואַציע קאָן מען רעדן וועגן אַזאַ רעגירונג?

דאָס איז קודם־כל אַ רעגירונג פון קאַמף געגן פאַשיזם און רעאַקציע. דאָס דאַרף זיין אַ רעגירונג, וואָס זאָל אַנטשטיין ווי אַ רעזולטאַט פון דער פאַראייניגטער־פראָנט־באַוועגונג און וואָס זאָל אויף קיין אופן ניט באַשרענקען די טעטיגקייט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון דעם אַרבעטער־קלאַס, נאָר פאַרקערט — וואָס זאָל אונטערנעמען אַנטשלאָסענע מיטלען געגן די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פינאַנץ־מאַגנאַטן און זייערע פאַשיסטישע אַגענטן.

אין דעם פאַסיגן מאָמענט, זיך שטיצנדיג אויף דער אָנוואַקסנדיגער באַוועגונג פון פאַראייניגטן פראָנט, וועט די קאָמוניסטישע פאַרטיי פון דעם געגעבענעם לאַנד אַרויסטרעטן פאַר דער גרינדונג פון אַזאַ רעגירונג אויפן באָדן

פון אַ באַשטימטער אַנטי־פאַשיסטישער פּלאַטפאָרם.

אָבער אונטער וועלכע אָביעקטיווע באַדינגונגען וועט מעגלעך זיין די גרינדונג פון אַזאַ רעגירונג? אויף דער דאָזיגער פראַגע קאָן מען ענטפערן אין גאָר אַן אַלגעמיינער פאָרם: אונטער די באַדינגונגען פון אַ פּאָליטישן קריזיס, ווען די הערשנדיקע קלאַסן זיינען שוין ניט בכח זיך צו ספּראַווען מיט דעם מעכטיקן אויפשטייג פון דער אַנטי־פאַשיסטישער מאַסן־באַוועגונג. אָבער דאָס איז בלויז אַן אַלגעמיינע פּערספּעקטיוו, וואָס אָן איר וועט אין דער ווירקלעכקייט קוים זיין מעגלעך די גרינדונג פון אַ פאַראייניקטער־פראָנט רעגירונג. בלויז די אָנוועזנהייט פון באַשטימטע באַזונדערע פאַרבאַדינגונגען קאָן אוועקשטעלן אויף דער טאָג־אָרדענונג די פראַגע וועגן גרינדן אַזאַ רעגירונג ווי אַ פּאָליטיש נויטיקע אויפגאַבע. מיר דאַכט זיך, אַז דערביי פאַרדינען די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט די פאָלגנדע פאַרבאַדינגונגען:

ערשטנס, ווען דער מלוכה־אַפּאַראַט פון דער בורזשואַזיע איז שוין גענוג דעזאָרגאַניזירט און פאַראַליזירט, אַזוי אַז די בורזשואַזיע וועט ניט קאָנען שטערן דער גרינדונג פון אַ רעגירונג פון קאַמף געגן רעאַקציע און פאַשיזם.

צווייטנס, ווען די ברייטסטע מאַסן פון די אַרבעטנדיקע, און ספּעציעל די מאַסן־יוניאָנס, שטייען אויף שטורמיש געגן פאַשיזם און רעאַקציע, נאָר זיי זיינען נאָך ניט גרייט צו אַן אויפשטאַנד צו קעמפן אונטער דער פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פאַר אַ סאָוועטן־מאַכט.

דריטנס, ווען די דיפערענצירונג און די טענדענץ אויף לינקס אין די רייען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און אַנדערע פּאַרטייען, וואָס באַטייליקן זיך אין דעם פאַראייניקטן פראָנט, האָט שוין געבראַכט דערצו, אַז אַ באַדייטנדער טייל פון זיי פאָדערט אומדערבאַרמדיקע מיטלען געגן די פאַשיסטן און אַנדערע רעאַקציאָנערן, קעמפט געמיינשאַפטלעך מיט די קאָמוניסטן געגן פאַשיזם און טרעט אַרויס אָפן געגן דעם רעאַקציאָנערן אַנטי־קאָמוניסטישן טייל פון זייער אייגענער פּאַרטיי.

ווען און אין וועלכע לענדער עס וועט פאַקטיש געשאַפן

ווערן אזא לאגע, אין וועלכע די דאזיגע פאר-באדינגונגען וועלן עקזיסטירן, — דאס קאן מען אין פאראויס ניט זאגן, נאר אזוי ווי אזא מעגלעכקייט איז ניט אויסגעשלאסן אין קיין איין קאפיטאליסטיש לאנד, דארפן מיר זיך דערמיט רעכענען און ניט בלויז אליין זיך אריענטירן אויף איר און זיך צוגרייטן, נאר אויך אויף א געהעריגן אופן אריענטירן דעם ארבעטער־קלאס.

דאס וואס מיר באטראכטן היינט בכלל די פראגע איז, פארשטייט זיך, פארבונדן מיט אונזער אפשאצונג פון דער לאגע און דער נאענטער פערספעקטיוו פון אנטוויקלונג און אויך מיט דעם פאקטישן וואוקס פון דער באוועגונג פאר א פאראייניגטן פראנט אין א ריי לענדער. העכער צען יאר איז די סיטואציע אין די קאפיטאליסטישע לענדער געווען אזא, אז דעם קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל איז ניט אויס־געקומען צו באטראכטן אזוינע פראגן.

איר געדיינקט, חברים, אז אויף אונזער פערטן קאנ־גרעס אין 1922 איז פארהאנדלט געווארן די פראגע וועגן דעם לאזונג פון אן ארבעטער־רעגירונג אדער אן ארבע־טער־פויערים־רעגירונג. דערביי האט זיך אין אנהויב געהאנדלט וועגן א פראגע, וואס אין עצם איז זי געווען כמעט ענלעך צו דער פראגע, וואס מיר שטעלן היינט. די דעבאטן, וואס זיינען דעמאלט געפירט געווארן אין דעם קאמוניס־טישן אינטערנאציאנאל ארום דער דאזיגער פראגע, און באַ־זונדער די פאליטישע טעות'ן, וואס זיינען דערביי דערלאזט געווארן, האבן נאך איצט א באדייטונג אויף צו פארשטארקן אונזער וואכזאמקייט בנוגע דער געפאר פון אפנייגן סיי רעכטס און סיי „לינקס" פון דער באלשעוויסטישער ליניע אין דער דאזיגער פראגע. דעריבער וועל איך אין קורצן אנווייזן אויף אייניגע פון אט־די טעות'ן, כדי צו ציען פון זיי די אויספירן, וואס זיינען נויטיג פאר דער היינטיגער פאליטיק פון אונזערע פארטייען.

די ערשטע ריי טעות'ן האט זיך גענומען גראד דערפון, וואס די פראגע וועגן אן ארבעטער־רעגירונג איז ניט געווען קלאר און פעסט צענויפגעבונדן מיט דער אנוועזנהייט פון א פאליטישן קריזיס. א דאנק דעם האבן די רעכטע אפאר־טוניסטן געקאנט אויסטייטשן די זאך אזוי, אז צו דער

גרינדונג פון אן ארבעטער־רעגירונג, וואס זאל געשטיצט ווערען פון דער קאמוניסטישער פארטיי, דארף מען שטרעבן אין יעדער, אזוי צו זאגן, „נארמאלער“ סיטואציע. די אולטרא־לינקע, פארקערט, האבן אנערקענט בלויז אזא ארבעטער־רעגירונג, וואס קאן געשאפן ווערן בלויז דורך א באוואפנטן אויפשטאנד, נאך דער שטירצונג פון דער בורזשואזיע. ביידע מיינונגען זיינען געווען ניט קיין ריכטיגע, און כדי אויסצומיידן א ווידערהאלונג פון ענלעכע טעות׳ן אונטערשטרייכן מיר איצט אזוי די באזונדערע קאנקרעטע באדינגונגען פון א פאליטישן קריזיס און דעם אויפשטייג פון דער מאסן־באוועגונג, אונטער וועלכע די גרינדונג פון א רעגירונג פון פאראייניגטן פראנט קאן ווערן מעגלעך און פאליטיש נויטיג.

די צווייטע ריי טעות׳ן האט זיך גענומען דערפון, וואס די פראגע פון אן ארבעטער־רעגירונג איז ניט געווען פארבונדן מיט דער אנטוויקלונג פון א קעמפערישער מאסן־באוועגונג פאר א פאראייניגטן פראנט פון דעם פראלעטאריאט. דעריבער האבן די רעכטע אפארטוניסטן געהאט א מעגלעכקייט צו פארקריפלען די פראגע, דערפירנדיג זי צו א פרינציפלאזער טאקטיק פון שליסן בלאקן מיט די סאציאל־דעמאקראטישע פארטייען אויף דעם באזיס פון ריין־פארלאמענטארישע קאמבינאציעס. די אולטרא־לינקע, פארקערט, האבן געשריען: „קיינע קאאליציעס מיט דער קאנטער - רעוואלוציאנערער סאציאל - דעמאקראטיע!“, באטראכטנדיג אין עצם אלע סאציאל־דעמאקראטן ווי קאנטער־רעוואלוציאנערן.

ביידע זיינען געווען אומגערעכט, און מיר באטאנען איצט פון איין זייט, אז מיר ווילן לחלוטין ניט אזא „ארבעטער־רעגירונג“, וואס זאל זיין פראסט און פשוט בלויז אן אויסגעברייטערטע סאציאל - דעמאקראטישע רעגירונג. מיר זאגן זיך אפילו אפ פון דעם נאמען „ארבעטער רעגירונג“ און ריידן וועגן א רעגירונג פון פאראייניגטן פראנט, וואס זאל לויט איר פאליטישן כאראקטער זיין גאנץ אנדערש, פרינציפיעל אנדערש ווי אלע סאציאל־דעמאקראטישע רעגירונגען, וואס רופן זיך געוויינטלעך „ארבעטער־רעגירונגען“. אין דער צייט ווען די סאציאל־דעמאקראטישע

רעגירונג שטעלט מיט זיך פאר א געצייג פון קלאסן־קאאפעראציע מיט דער בורזשואזיע אין די אינטערעסן פון אנהאלטן די קאפיטאליסטישע ארדענונג, איז א רעגירונג פון פאראייניגטן פראנט אן ארגאן פון קאאפעראציע פון דעם רעוואלוציאנערן אוואנגארד פון דעם פראלעטאריאט מיט אנדערע אנטי־פאשיסטישע פארטייען אין די אינטערעסן פון ־עם גאנצן ארבעטנדיגן פאלק, א רעגירונג פון קאמף געגן פאשיזם און רעאקציע. ס'איז קלאר, אז דאס זיינען צוויי גרינטלעך פארשיידענע זאכן.

פון דער אנדערער זייט אונטערשטרייכן מיר די נויטיגקייט צו זען דעם אונטערשייד צווישן די צוויי פארשיידענע לאגערן פון דער סאציאל־דעמאקראטיע. ווי איך האב שוין אנגעוויזן, איז פאראן א רעאקציאנערער לאגער פון דער סאציאל־דעמאקראטיע, אבער עס איז פאראן און עס וואקסט אין דער זעלביגער צייט א לאגער פון לינקע סאציאל־דעמאקראטן (אן געגנזנפיסלעך), וואס רעוואלוציאניזירן די ארבעטער. דער אנטשיידענער אונטערשייד צווישן זיי אין דער פראקטיק איז זייער שטעלונג צום פאראייניגטן פראנט פון ארבעטער־קלאס. די רעאקציאנערע סאציאל־דעמאקראטן זיינען געגן א פאראייניגטן פראנט, זיי טרייבן רכילות אויף דער פאראייניגטער־פראנט באוועגונג, סאבאטאזשירן און צערייסן די דאזיגע באוועגונג, ווייל דער פאראייניגטער פראנט רייסט ארונטער זייער פאליטיק פון קאאפעראציע מיט דער בורזשואזיע. די לינקע סאציאל־דעמאקראטן זיינען פאר דעם פאראייניגטן פראנט, זיי פארטיידיגן, אנטוויקלען, באפעסטיגן די באוועגונג פון דעם פאראייניגטן פראנט. אזוי ווי די דאזיגע פאראייניגטער־פראנט באוועגונג איז א קעמפערישע באוועגונג געגן פאשיזם און רעאקציע, וועט זי זיין א כסדר'דיגע טרייב־קראפט וואס וועט שטויסן די רעגירונג פון פאראייניגטן פראנט צום קאמף געגן דער רעאקציאנערער בורזשואזיע. וואס שטארקער עס וועט זיך פאנאנדערוויקלען די דאזיגע מאסן־באוועגונג, אלץ א גרעסערע קראפט וועט זי קאנען צושטעלן אויך דער רעגירונג פארן קאמף געגן די רעאקציאנערן. און וואס בעסער די דאזיגע מאסן־באוועגונג וועט זיין ארגאניזירט פון אונטן, וואס ברייטער עס וועט זיין די נעץ פון

אויסער־פארטייאישע קלאסן־ארגאנען פון פאראייניגטן פראָנט אויף די אונטערנעמונגען, צווישן די ארבעטלאָזע, אין די ארבעטער־קווארטאלן, צווישן דעם קליינבירגערטום פון שטאָט און דאָרף, אלץ גרעסער וועט זיין די גאראנטיע געגן דער מעגלעכער דעגענעראציע פון דער פאראייניגטער־פראָנט רעגירונג.

די דריטע ריי פעלערהאפטע מיינונגען, וואָס האָבן זיך ארויסגעוויזן אין די פריערדיגע דעבאטן, האָט געהאט צו טאָן גראָד מיט דער פראקטישער פּאָליטיק פון אן „ארבעטער־רעגירונג". די רעכטע אָפּאָרטוניסטן האָבן געהאלטן, אז אן ארבעטער - רעגירונג דארף זיך האלטן „אין די ראַמען פון בורזשואזער דעמאָקראטיע" און טאָר דעריבער ניט אונטערנעמען קיינע שריט, וואָס גייען ארויס פון די דאָזיגע ראַמען. די אולטרא־לינקע, פארקערט, האָבן פּאַסיוו זיך אָפּגעזאָגט פון יעדן פארזוך צו שאפן א רעגירונג פון פאראייניגטן פראָנט.

אין 1923 האָט מען אין זאקסן און טיורינגיע געקאָנט זען א קלאָר בילד פון דער רעכט־אָפּאָרטוניסטישער פראקטיק פון דער „ארבעטער־רעגירונג". דער אריינטריט פון די קאָמוניסטן אין דער זאקסישער רעגירונג צוזאמען מיט די לינקע סאָציאל־דעמאָקראטן (די צייגנער־גרופּע) איז אין זיך גופא ניט געווען קיין טעות, פארקערט, די רעוואָלוציאָנערע סיטואציע אין דייטשלאַנד האָט פולשטענדיג בארעכטיגט דעם דאָזיגן שריט. אָבער נעמענדיג אנטייל אין דער רעגירונג וואָלטן די קאָמוניסטן באדארפט געווען אויסנוצן זייערע פּאָזיציעס קודם כל אויף צו באוואפענען דעם פּראָלעטאריאט. זיי האָבן דאָס ניט געטאָן. זיי האָבן אפילו ניט אָנגענומען קיין איין וואוינונג ביי די גבירים, כאָטש דער וואוינונגס־מאנגל צווישן די ארבעטער איז געווען אזוי גרויס, אז א סך פון זיי, צוזאמען מיט די פרויען און קינדער, האָבן גאָר ניט געהאט קיין דאך איבער'ן קאָפּ. זיי האָבן אויך גארנישט ניט אונטערגענומען אויף צו אָרגאניזירן די רעוואָלוציאָנערע מאסן־באוועגונג פון די ארבעטער. זיי האָבן בכלל זיך געפירט אזוי ווי געוויינטלעכע פארלאמענטאַרישע מיניסטאָרן „אין די ראַמען פון בורזשואזער דעמאָקראַטיע". ווי באוואוסט, איז דאָס געווען א רעזולטאט פון דער־

אפּאָרטוניסטישער פּאָליטיק פון בראַנדלער׳ן און זיינע אי־דייען־חברים. אין סך־הכל האָט זיך באַקומען אַזאַ באַנקראָט, אַז נאָך איצט זיינען מיר געצוואונגען צו פאַררופן זיך אויף דער זאַקסישער רעגירונג ווי אויף אַ קלאַסישן ביישפּיל פון דעם, ווי אַזוי רעוואָלוציאָנערן טאָרן זיך ניט אויפפירן אין אַ רעגירונג.

חברים, מיר פאָדערן פון יעדער רעגירונג פון פאַראייניגטן פראָנט אַ גאַנץ אַנדער פּאָליטיק. מיר פאָדערן פון איר, אַז זי זאָל דורכפירן באַשטימטע רעוואָלוציאָנערע פאָדערונגען, וואָס אַנטשפּרעכן דער געגעבענער סיטואַציע. צום ביישפּיל, קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע, קאָנטראָל איבער די באַנקן, פאַנאַנדערלאָזן די פּאָליציי און פאַרבייטן זי מיט באַוואָפנטער אַרבעטער־מיליציע, א. אַז. וו.

לעניו האָט אונז מיט פופצן יאָר צוריק גערופן מיר זאָלן קאָנצענטרירן אונזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף „אויסגעפינען פאָרמען פון איבערגאַנג אָדער צוגאַנג צו דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע“. עס קאָן זיין, אַז די פאַראייניגטער־פראָנט רעגירונג אין אַ ריי לענדער וועט זיין איינע פון די וויכטיגסטע איבערגאַנג־פאָרמען. די „לינקע“ חקרנים האָבן שטענדיג אויסגעמיטן אָט־די אָנווייזונג לענינ׳ס. ווי באַגרעניצטע פּראָפּאַגאַנדיסטן האָבן זיי גערעדט בלויז וועגן דעם „ענד־ציל“ און זיך קיינמאָל ניט געקימערט וועגן די „פאָרמען פון איבערגאַנג“. דעריבער האָבן זיי געפּרואווט דערפירן דעם לאָזונג „אַרבעטער רעגירונג“ צו אַ פוסטער שפּיל פון ווערטער, צו אַ „סינאָנים“ פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. די רעכטע אָפּאָרטוניסטן ווידער האָבן גע־פּרואווט מיט דער הילף פון דעם דאָזיגן לאָזונג איינשטעלן אַ ספּעציעלע „דעמאָקראַטישע צווישן־סטאַדיע“ צווישן דער דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע און דער דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט, כדי מיטצוטיילן די אַרבעטער די אילוזיע פון אַ פרידלעכן פּאַרלאַמענטאַרישן שפּאַציר פון איין דיק־טאַטור צו אַ צווייטער. אָט־די ניט־געשטויגענע „צווישן־סטאַדיע“ האָבן זיי אויך אַ נאָמען געגעבן „איבערגאַנג פאָרם“ און האָבן זיך אַפילו פאַררופן אויף לענינ׳ען! נאָר אָט־דעם שווינדל איז ניט שווער אויפצודעקן. לענין האָט דאָך גע־רעדט וועגן אַ פאָרם פון איבערגאַנג און צוגאַנג צו דער

„פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע“, ד. ה. צו דער שטירצונג פֿון דער בורזשואַזער דיקטאַטור, און ניט וועגן עפּעס אַן איבערגאַנג־פֿאָרם צווישן דער בורזשואַזער און פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

פֿאַרוואָס האָט לענין צוגעגעבן אַזאַ גרויסע באַדייטונג דער פֿאָרם פֿון איבערגאַנג צו פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע? ווייל ער האָט געהאַט אין זינען דעם „פֿונדאַמענטאַלן געזעץ פֿון אַלע גרויסע רעוואָלוציעס“, דעם געזעץ, אַז בלויז פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע קאָן פֿאַר די מאַסן ניט פֿאַרבייטן אייגענע פּאָליטישע דערפֿאַרונג, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַריינציעןווירקלעך ברייטע מאַסן פֿון אַרבעטנדיגע אויף דער זייט פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן אַוואַנגאַרד, וואָס אָן דעם איז אוממעגלעך אַ זיגרייכער קאַמף פֿאַר מאַכט. דער געוויינטלעכער טעות פֿון דעם לינקיסטישן חדר איז די פֿאָרשטעלונג, אַז ווי נאָר עס אַנטשטייט אַ פּאָליטישער (אָדער רעוואָלוציאָנערער) קריזיס, איז פֿאַר דער קאָמוניסטישער פּירערשאַפֿט גענוג אַרויסצושטעלן אַ לאָזונג פֿון רעוואָלוציאָנערן אויפֿשטאַנד, אַז די ברייטע מאַסן זאָלן נאָכפֿאָלגן. ניין, אַפֿילו אין אַזאַ קריזיס זיינען די מאַסן ווייט ניט שטענדיג גרייט דערצו. מיר האָבן דאָס געזען אין שפּאַניע. העלפֿן די מיליאָניגע מאַסן וואָס שנעלער באַנעמען, דורך זייער אייגענער דערפֿאַרונג, וואָס זיי זאָלן טאָן, וואו צו געפֿינען אַן אויסוועג, וואָס פֿאַר אַ פּאַרטיי עס פֿאַרדינט זייער צוטרוי — אָט צוליב וואָס עס זיינען נויטיג סיי איבערגאַנגס־לאָזונגען און סיי באַזונדערע „פֿאָרמען פֿון איבערגאַנג אָדער צוגאַנג צו פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע“. אַנדערש קאָנען די ברייטע פֿאָלקס־מאַסן, זייענדיג אין געפֿאַנגשאַפֿט ביי די קליינבירגערלעכע דעמאָקראַטישע אילוזיעס און טראַדיציעס, זיך וואַקלען, פֿאַרלירן צייט, בלאָנדזשען אַפֿילו אין דער אָנוועזנהייט פֿון אַ רעוואָלוציאָנערער סיטואַציע און דערנאָך ערשט פֿאַלן אונטער די קלעפּ פֿון די פֿאַשיסטישע הענקער.

דעריבער צייכענען מיר אָן די מעגלעכקייט פֿון שאַפֿן, אין די באַדינגונגען פֿון אַ פּאָליטישן קריזיס, אַ רעגירונג פֿון אַן אַנטי־פֿאַשיסטישן פֿאַראייניגטן פֿראָנט. אויף וויפֿיל אַזאַ רעגירונג וועט ווירקלעך פֿירן אַ קאַמף געגן די שונאים פֿון

פאָלק, געבן פרייהייט פון אקציע דעם ארבעטער־קלאַס און דער קאָמוניסטישער פּארטיי, וועלן מיר קאָמוניסטן זיי שטיצען מיט אַלע מיטלען און ווי סאָלדאַטן פון דער רעוואָלוציע וועלן מיר קעמפן אויף דער ערשטער פייער־ליניע. נאָר מיר זאָגן אָפן די מאַסן:

קיין ענדגילטיגע רעטונג קאָן אָט־די רעגירונג ניט ברייִנגען. זי איז ניט בכח אָראָפּצואוואַרפן די קלאַסן־הערשאַפט פון די עקספּלואַטאַטאָרן און דעריבער קאָן זי ניט אינגאַנצן באַזייטיגן די געפאַר פון אַ פאַשיסטישער קאָנטער־רעוואָלוציע. דעריבער איז נויטיג זיך צו באוואָפענען פאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע! די רעטונג וועט ברייִנגען בלויז אַ סאָוועטן-מאַכט!

אָפּשאַצנדיג די איצטיגע אַנטוויקלונג פון דער וועלט־לאַגע, זעען מיר, אַז עס ווערט רייף אַ פּאָליטישער קריזיס אין אַ גאַנצער ריי לענדער. דאָס מאַכט אַקטועל און וויכטיג, אַז אונזער קאָנגרעס זאָל אָננעמען אַ פעסטן באַשלוס איבער דער פראַגע פון אַ פאַראייניגטער־פראָנט רעגירונג.

אויב אונזערע פּאַרטייען וועלן באַווייזן אויף אַ באָלשעוויסטישן שטייגער אויסצונוצן די מעגלעכקייט צו שאַפן אַ רעגירונג פון פאַראייניגטן פראָנט, דעם קאַמף אַרום גרינדען אַזאַ רעגירונג און אויך אַרום דעם, אַז אַזאַ רעגירונג זאָל אָנהאַלטן די מאַכט צוליב דער רעוואָלוציאָנערער צוגרייטונג פון די מאַסן, וועט דאָס זיין אויך די בעסטע פּאָליטישע באַרעכטיגונג פון אונזער קורס אין דער ריכטונג פון שאַפן אַ רעגירונג פון פאַראייניגטן פראָנט.

וועגן אידעאָלאָגישן קאַמף געגן פאַשיזם

איינע פון די שוואַכסטע זייטן אין דעם אַנטי־פאַשיסטישן קאַמף פון אונזערע פּאַרטייען באַשטייט אין דעם, וואָס זיי רעאַגירן ניט גענוג און ניט באַצייטנס אויף דער דעמאַגאָגיע פון דעם פאַשיזם און באַציען זיך נאָך ביז איצט מיט גרינגשעצונג צו די פראַגן פון קאַמף געגן דער פאַשיסטישער אידעאָלאָגיע. אַ סך חברים האָבן ניט געגלויבט, אַז אַזאַ רעאַקציאָנערער אויסדרוק פון דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע, ווי עס שטעלט מיט זיך פאָר די אידעאָלאָגיע פון דעם פאַשיזם, וואָס דערגייט אין איר אַב־

סורד אָפּטמאָל צו אומזין און משוגעת, קאָן בכלל קריגן אַ מאַסן־איינפלוס. דאָס איז געווען אַ גרויסער טעות. די טיף־פאַרגאַנגענע פוילעניש פון דעם קאַפּיטאַליזם דרינגט אַריין אין דעם סאַמע הארץ פון זיין קולטור און אידעאָלאָגיע, און די פאַרצווייפלטע לאַגע פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן מאַכט געוויסע שיכטן עמפּינדלעך אָנגעשטעקט צו ווערן מיט דעם אידעאָלאָגישן אָפּפאַל פון דער דאָזיגער פוילעניש.

מיר טאָרן בשום אופן ניט אונטערשאַצן די קראַפט פון אָט־דער אידעאָלאָגישער אָנשטעקונג פון דעם פאַשיזם. פאַרקערט, מיר דאַרפן פון אונזער זייט פאַנאַנדערוויקלען אַ ברייטן אידעאָלאָגישן קאַמף אויף דעם גרונד פון אַ קלאָרער, פּאָפּולערער אַרגומענטאַציע און אַ ריכטיגן, גוט־דורכגעטראַכטן צוגאַנג צו דער אייגנאַרטיגער נאַציאָנאַלער פּסיכאָלאָגיע פון די פאָלקס־מאַסן.

די פאַשיסטן טרייסלען דורך די גאַנצע געשיכטע פון יעדן פאָלק כדי צו באַווייזן, אַז זיי זיינען עם די יורשים און פאָרטזעצער פון אַלץ וואָס איז העלדיש און דערהויבן אין דער פאַרגאַנגענהייט. און אַלץ וואָס איז אַ באַליידיגונג און אַ דערנידערונג פאַר די נאַציאָנאַלע געפילן פון פאָלק נוצן זיי אויס ווי אַ געווער געגן די שונאים פון פאַשיזם. אין דייטשלאַנד ווערן אַרויסגעגעבן ביכער, וואָס פאַרפאָלגן בלויז איין ציל — פאַלסיפיצירן די געשיכטע פון דייטשן פאָלק אויף אַ פאַשיסטישן שטייגער.

די פריש־געבאַקענע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע היסטאָריקער זוכן פאָרצושטעלן דייטשלאַנד אויף אַזאַ אופן, אַז מיט דער קראַפט פון עפּעס אַ „היסטאָרישער געזעצמעסיגקייט“ אין משך פון צוויי טויזנט יאָר גייט כלומר׳שט דורך אַן אַנטוויקלונגס־ליניע, וואָס האָט געבראַכט אויף דער היסטאָרישער אַרענע דעם נאַציאָנאַלן „רעטער“, דעם „משיח“ פון דעם דייטשן פאָלק, דעם באַוואוסטן אונטער־אָפיציר פון עסטרייכישער אָפּשטאַמונג! אין די דאָזיגע ביכער ווערן די גרעסטע טוער פון דייטשן פאָלק אין דער פאַרגאַנגענהייט פאָרגעשטעלט ווי פאַשיסטן, און די גרויסע באַוועגונגען פון פויערים — ווי דירעקטע פאָרגענגער פון דער פאַשיסטישער באַוועגונג.

מוסאָליני פּרואווט מיט אַלע כחות צו שלאָגן קאַפּיטאַל

פון דעם העלדישן געשטאלט פון גאריבאלדי; די פראנצויזישע פאשיסטן רוקן ארויס, ווי זייער העלדין, זשאן ד'ארק. די אמעריקאנער פאשיסטן אפעלירן צו די טראדיציעס פון די אמעריקאנער מלחמות פאר זעלבסטשטענדיגקייט, צו די טראדיציעס פון וואשינגטאן און לינקאלן. די בולגארישע פאשיסטן נוצן אויס די נאציאנאלע באפרייאונגס-באוועגונג פון די זיבעציגער יארן און אירע באליבטע פאלקס-העלדן וואסיל לעווסקאי, סטעפאן קאראדזשא, א. אז. וו.

יענע קאמוניסטן, וואס רעכענען, אז דאס אלץ האט ניט צו טאן מיט דער זאך פון דעם ארבעטער־קלאס; יענע קאמוניסטן וואס טוען גארנישט ניט אויף צו באלויכטן היסטאריש־ריכטיג, אין אמת'ן מארקסיסטישן, מארקסיסטיש־לענינסטישן, לענינסטיש־סטאלינסטישן גייסט פאר די ארבעטנדיגע מאסן די פארגאנגענהייט פון זייער פאלק, כדי צו פארבינדן זייער איצטיגן קאמף מיט זיינע רעוואלוציאנערע טראדיציעס אין דער פארגאנגענהייט,— יענע קאמוניסטן גיבן פרייוויליג אפ די פאשיסטישע פאלסיפיקאטארם אלץ וואס איז ווערטפול אין דער היסטארישער פארגאנגענהייט פון פאלק כדי אפצונארן די פאלקס־מאסן.

ניין, חברים! אונז גייט אן יעדער וויכטיגע פראגע ניט בלויז בנוגע דער געגנווארט און דער צוקונפט, נאר אויך בנוגע דער פארגאנגענהייט פון אונזער אייגן פאלק. מיר קאמוניסטן פירן דאך ניט קיין שמאלע פאליטיק פון די צעך-אינטערעסן פון די ארבעטער. מיר זיינען ניט קיין באגרעניצטע טוער פון די טרעיד־יוניאנס אדער אנפירער פון מיטל־אלטערלעכע גילדיעס פון באלמעלאכעס און געזעלן. מיר זיינען די פארטרעטער פון די קלאסן־אינטערעסן פון דעם וויכטיגסטן, גרעסטן קלאס פון דער מאדערנער געזעלשאפט, דעם ארבעטער־קלאס, וואס איז באַרופן צו באפרייען די מענטשהייט פון די יסורים פון דער קאפיטאליסטישער ארדענונג, וואס זי האט שוין אויף א זעקסטל־חלק פון דעם ערד־קוגל אראפגעווארפן דעם יאך פון קאפיטאליזם און איז דארט געווארן דער הערשנדער קלאס. מיר פארטיידיגן די לעבנס-אינטערעסן פון אלע עקספלואטירטע ארבעטנדיגע שיכטן, דאס הייסט — פון דער ריזיגער מערהייט פון פאלק אין יעדן קאפיטאליסטישן לאנד.

מיר קאָמוניסטן זיינען אומקאָמפּראָמיסלעכע פּרינציפּיעלע געגנער פון בורזשואזן נאַציאָנאַליזם אין אַלע זיינע פאָרמען. נאָר מיר זיינען ניט קיין אָנהענגער פון נאַציאָנאַלען ניהיליזם און טאָרן קיינמאָל ניט אַרויסטרעטן אין אַזאַ ראָל. די אויפגאַבע פון דערציען די אַרבעטער און אַלע אַרבעטנדיגע אין דעם גייסט פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם איז איינע פון די גרונט־אויפגאַבן פון יעדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. נאָר דער וואָס דיינקט, אַז דאָס דערלויבט אים און צווינגט אים אַפילו צו שפּייען אויף אַלע נאַציאָנאַלע געפילן פון די ברייטע אַרבעטנדיגע מאַסן — דער איז ווייט פון אמת'ן באָלשעוויזם און האָט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען אין דער לערע פון לענין און סטאַלין איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

לענין, וועלכער האָט שטענדיג געקעמפט ענערגיש און אויסגעהאַלטן געגן בורזשואזן נאַציאָנאַליזם, האָט אונז געוויזן אַ ביישפּיל פון ריכטיגן צוגאַנג צו דער פראַגע פון נאַציאָנאַלע געפילן אין זיין אַרטיקל „וועגן דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ פון די גרויס־רוסן“, וואָס ער האָט געשריבן אין 1914. אָט וואָס ער האָט געשריבן:

„איז אייך, גרויס־רוסישע באַוואוסטזיניגע פּראָלעטאַריער, פרעמד דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ? געוויס ניט! מיר האָבן ליב אונזער שפּראַך און אונזער לאַנד, מיר אַרבעטן מער פאַר אַלץ צוליב דעם, אַז זיינע אַרבעטנדיגע מאַסן (ניין צענטל פון דער באַפעלקערונג) זאָלן דערהויבן ווערן צום באַוואוסטזיניגן לעבן פון דעמאָקראַטן און סאָציאַליסטן. אונז טוט וויי מער ווי אַלצדינג צו זען און פילן צו וואָס פאַר אַ פאַרגוואַלדיגונגען, אונטערדריקונג און שפּאָט עס אונטערוואַרפן אונזער פּרעכטיג היימלאַנד די צאַרישע הענקער, די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן. מיר שטאָלצירן דערמיט, וואָס די דאָזיגע פאַרגוואַלדיגונגען האָבן אַרויסגערופן אַ ווידערשטאַנד פון אונזער סביבה, פון דער סביבה גרויס־רוסן און וואָס די דאָזיגע סביבה האָט אַרויסגערוקט ראַדישטשעוון, די דעקאַבריסטן, די אַלע רעוואָלוציאָנערן פון די 70־ער יאָרן, און וואָס דער גרויס - רוסישער אַרבעטער - קלאַס האָט אין 1905 געשאַפן אַ מעכטיגע רעוואָלוציאָנערע

פּאַרטיי פון די מאַסן... מיר זיינען אָנגעפילט מיט דעם געפיל פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ, ווייל די גרויס־רוסישע נאַציע האָט אויך געשאַפן אַ רעוואָלוציאָנערן קלאַס, האָט אויך באַוויזן, אַז זי איז פייאיג צו געבן דער מענטשהייט מוסטערן פון קאַמף פאַר פרייהייט און סאָציאַליזם, און ניט בלויז גרויסע פּאָגראָמען, רייען תּליות, פּייניגונגס־טורמעס, גרויסע הונגערס און גרויסע קנעכטישע הכנעה־דיגקייט פאַר די גלחים, צאַרן, פּריצים און קאַפּיטאַליסטן.

מיר זיינען אָנגעפילט מיט אַ געפיל פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ און גראָד דערפאַר האַסן מיר באַזונדער אונזער שקלאַפישע פאַרגאַנגענהייט... און אונזער שקלאַפישע געגנוואַרט, ווען די זעלביגע פּריצים, געשטיצט פון די קאַפּיטאַליסטן, פירן אונז אויף אַ מלחמה, כדי צו דער־שטיקן פּוילן און אוקראַינע, כדי צו דערוואַרגן די דע־מאָקראַטישע באַוועגונג אין פּערזיע און אין כינע, כדי צו פאַרשטאַרקן די באַנדע ראָמאַנאָוס, באָברינסקיס און פּו־רישקעוויטשעס, וואָס שענדן אונזער גרויס־רוסישע נאַ־ציאָנאַלע ווירדע" (לענין, געזאַמלטע ווערק, באַנד 18, זייט 81, רוסישע אויסגאַבע).

אָט ווי אַזוי עס האָט געשריבן לענין וועגן נאַציאָנאַלן שטאָלץ.

איך רעכן, חברים, אַז איך האָב ניט געהאַנדלט ניט־ריכטיג אויפן לייפּציגער פּראָצעס, ווען ביים פאַרזוך פון די פאַשיסטן צו פאַרלוימדן דאָס בולגאַרישע פאָלק, ווי אַ באַרבאַריש פאָלק, האָב איך גענומען אונטער שוץ די נאַצי־אָנאַלע ערע פון די אַרבעטנדיגע מאַסן פון בולגאַרישן פאָלק, וואָס קעמפט מסירת־נפש'דיג געגן די פאַשיסטישע מאַכט־פאַרכאַפּער, אָט־די אמת'ע באַרבאַרן און ווילדע מענטשן (שטורמדיגע און לאַנג־דויערנדע אַפּלאָדיסמענטן). און ווען כ'האָב דערקלערט, אַז איך האָב ניט קיין שום גרונט צו שע־מען זיך דערמיט, וואָס איך בין אַ בולגאַר, נאָר פאַרקערט, איך שטאָלציר דערמיט, וואָס איך בין אַ זון פון דעם העל־דישן בולגאַרישן אַרבעטער־קלאַס (אַפּלאָדיסמענטן).

חברים! דער פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַליזם דאַרף, אַזוי צו זאָגן, זיך „אַקלימאַטיזירן" אין יעדן לאַנד

כדי צו לאָזן טיפע וואָרצלען אויף דער אייגענער ערד. די נאַציאָנאַלע פאָרמען פון פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף און דער אַרבעטער־באַוועגונג אין באַזונדערע לענדער ווידערשפּרעכן ניט דעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, נאָר פאַרקערט — גראָד אין די דאָזיגע פאָרמען קאָן מען מיט דערפאָלג פאַרטיידיגן אויך די אינטערנאַציאָנאַלע אינטערעסן פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

ס'איז, פאַרשטייט זיך, נויטיג אומעטום און אין אַלע פאַלן אויפצודעקן און קאָנקרעט באַווייזן די מאַסן, אַז די פאַשיסטישע בורזשואַזיע פירט, אונטערן אויסרייד פון פאַרטיידיגן די אַלגעמיינע פאָלקס־אינטערעסן, אַן עגאָאיסטישע פּאָליטיק פון אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע פון דעם אייגענעם פאָלק, אַזוי גוט ווי אַ פּאָליטיק פון באַראַבעווען און פאַרשקלאַפן אַנדערע פעלקער. אָבער דערמיט זיך באַגרעניצן טאָר מען ניט. ס'איז נויטיג צו דער זעלביגער צייט דורך דעם סאַמע קאַמף פון דעם אַרבעטער־קלאַס און דורך אַרויסטרעטונגען פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען ווייזן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס שטייט אויף געגן יעדן מין פאַרשקלאַפונג און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג איז דער איינציגער אמת'ער קעמפער פאַר דער נאַציאָנאַלער פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט פון פאָלק.

די אינטערעסן פון קלאַסנקאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט געגן די עקספּלואַטאַטאָרס און אונטערדריקער פון דעם אייגענעם לאַנד ווידערשפּרעכן ניט די אינטערעסן פון אַ פרייער און גליקלעכער צוקונפט פון דער נאַציע. פאַרקערט: די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע וועט באַדייטן — די רעטונג פון דער נאַציע, ווייל זי וועט איר עפענען אַ וועג צו דעם העכסטן אויפשטייג. דערמיט, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס בויט איצט זיינע קלאַסן־אָרגאַניזאַציעס און באַפעסטיגט זיינע פּאָזיציעס, דערמיט וואָס ער פאַרטיידיגט געגן פאַשיזם די דעמאָקראַטישע רעכט און די פרייהייט, דערמיט וואָס ער קעמפט פאַר אַראָפּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם — דערמיט קעמפט ער שוין ממילא פאַר אָט־דער צוקונפט פון דער נאַציע.

דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט קעמפט פאַר דער רעטונג פון דער קולטור פון פאָלק, פאַר איר באַפרייאונג

פון די קייטן פון דעם פוילענדיגן מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל, פון באַרבאַרישן פאַשיזם, וואָס פאַרגוואַלדיגט די קולטור. בלויז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע קאָן פאַרמיידן דעם אונטערגאַנג פון דער קולטור, קאָן איר אויפהויבן צו דער העכסטער פאַנאַנדערבליאונג, ווי אַן אמת׳ע פאָלקס־קולטור — **נאַציאָנאַל לויט דער פאָרמע און סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט** — דאָס וואָס עס ווערט אונטער דער פירערשאַפט פון סטאַלינ׳ען פאַרווירקלעכט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד (אַפּלאָדיסמענטן).

דער פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַליזם איז ניט בלויז ניט קיין ווידערשפּרוך צו אָט־דעם קאַמף פון די אַר־בעטנדיגע פון באַזונדערע לענדער פאַר נאַציאָנאַלער, סאָ־ציאַלער און קולטורעלער פרייהייט, נאָר פאַרזיכערט, אַ דאַנק דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער סאָלידאַרי־טעט און דער מיליטאַנטער איינִיגקייט, די נויטיגע שטיצע פאַר דעם זיג אין דעם דאָזיגן קאַמף. בלויז **אין דעם ענגס־טען בונד** מיט דעם זיגרייכן פּראָלעטאַריאַט פון דעם סאָ־וועטן־פאַרבאַנד קאָן דער אַרבעטער־קלאַס פון די קאַפּיטאַ־ליסטישע לענדער אָפּהאַלטן אַ זיג. בלויז קעמפנדיג האַנט אין האַנט מיט דעם פּראָלעטאַריאַט פון די אימפּעריאַליסטי־שע לענדער קאָנען די קאָלאָניאַלע פעלקער און די **אונטער־**דריקטע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן זיך דערשלאָגן צו זייער באַפרייאונג. בלויז דורך אַ רעוואָלוציאָנערן בונד פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין די אימפּעריאַליסטישע לענדער מיט דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס־באַוועגונג אין די קאָלאָניעס און אָפּהענגיגע לענדער ליגט דער וועג צום זיג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין די אימפּעריאַליסטישע לענ־דער, ווייל—ווי עס האָט אונז געלערנט מאַרקס—„עס קאָן ניט פריי זיין דאָס פאָלק, וואָס אונטערדריקט אַנדערע פעל־קער“.

עס קאָנען דאָך ניט די קאָמוניסטן, וואָס געהערן צו אַן אונטערדריקטער, אָפּהענגיגער נאַציע, אַרויסטרעטן מיט דערפאָלג געגן דעם שאָוויניזם אין די רייען פון זייער איי־גענער נאַציע, **אויב זיי וועלן ניט ווייזן גלייכצייטיג,** אויף דער פּראַקטיק פון אַ מאַסן־באַוועגונג, אַז זיי קעמפן ווירק־לעך פאַר דער באַפרייאונג פון זייער פאָלק פון פרעמדן יאָך.

פון דער אַנדערער זייט קאָנען דאָך ניט די קאָמוניסטן פון דער אונטערדריקענדיגער נאַציע טאָן דאָס, וואָס ס'איז נויטיג פאַר דער דערציאונג פון די האָרעפּאַשנע מאַסן פון זייער פאָלק אין דעם גייסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם, אויב זיי פירן ניט קיין אנטשיידנדיגן קאַמף געגן דער אונטערדריקונגס־פּאָליטיק פון זייער „אייגענער" בורזשואַזיע און פאַר דעם רעכט אויף פולשטענדיגער זעלבסט־באַשטימונג פאַר די פעלקער, וואָס די דאָזיגע בורזשואַזיע פאַרשקלאַפּט. אויב זיי וועלן דאָס ניט טאָן, וועלן זיי ניט גרינגער מאַכן אויך פאַר די אַרבעטנדיגע פון דער אונטערדריקטער נאַציע דאָס בייקומען פון נאַציאָנאַליסטישע פאָראורטיילן.

ווען מיר וועלן אַרויסטרעטן אין דעם דאָזיגן גייסט, ווען מיר וועלן אין אונזער גאַנצער מאַסן־אַרבעט באַווייזן מיט איבערצייגונג, אַז מיר זיינען אין אַ גלייכער מאָס פריי סיי פון נאַציאָנאַלן ניהיליזם און סיי פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, וועלן מיר בלויז אין אַזאַ פאַל קאָנען פירן אַ ווירקלעך־דערפאָלגרייכן קאַמף געגן דער שאָוויניסטישער דעמאַגאָגיע פון די פאַשיסטן.

דעריבער איז אַזוי וויכטיג אַ ריכטיגע קאָנקרעטע אָנווענדונג פון דער לעניניסטיש־סטאַליניסטישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. דאָס איז אומבאַדינגט נויטיג ווי אַ פאָרבאַדינג פאַר אַ דערפאָלגרייכן קאַמף געגן שאָוויניזם—אָט־דעם הויפּט־געווער, דורך וועלכן דער פאַשיזם ווירקט אידעאָלאָגיש אויף די מאַסן (אַפּלאָדיסמענטן).

.3

די פאַרשטאַרקונג פון די קאָמוניסטישע פּאַר־טייען און דער קאַמף פאַר דער פּאָליטישער אייניגקייט פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט

חברים! אין דעם קאַמף פאַר איינשטעלן א פּאַראייניג־טען פראָנט וואַקסט אויס אומגעהויער די באַדייטונג פון דער פירנדיגער ראָל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דער איניציאַטאָר, אָרגאַניזאַטאָר און די טרייב־קראַפט פון דעם פּאַראייניגטן פראָנט פון דעם ארבעטער־קלאַס איז אין עצם בלויז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

די קאָמוניסטישע פּאַרטייען קאָנען פאַרזיכערן די מאָ־ביליזאַציע פון די ברייטסטע מאַסן פון די ארבעטנדיגע פאַר א פּאַראייניגטן קאַמף געגן פאַשיזם און דעם אָנגריף פון קאַפּיטאַל בלויז דעמאָלט ווען זיי פאַרשטאַרקן פון אַלע זייטן זייערע אייגענע רייען, ווען זיי אנטוויקלען זייער איניציאַטיווע, ווען זיי פירן דורך א מאַרקסיסטיש־לענינים־טישע פּאָליטיק און ווענדן אָן א ריכטיגע, בויגעוודיגע טאַק־טיק, וואָס נעמט אריין אין חשבון די קאָנקרעטע לאַגע און די פאַרהעלטעניש פון קלאַסן־כחות.

די באַפעסטיגונג פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען

אין דעם פּעריאָד צווישן דעם זעקסטן און דעם זיבעטן קאָנגרעס זיינען אונזערע פּאַרטייען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אָן ספק אויסגעוואָקסן און זיינען פאַרהאַר־טעוועט געוואָרן אין די קאַמפן. עס וואָלט אָבער געווען דער גרעסטער טעות זיך צו באַרואיגן און באַפרידיגן דערמיט. וואָס מער עס וועט זיך אויסברייטערן דער פאַר־אייניגטער פראָנט פון ארבעטער־קלאַס, אַלץ מער נייע און קאָמפּליצירטע אויפגאַבן וועלן שטיין פאַר אונז, אַלץ מער וועלן מיר דאַרפן ארבעטן איבער דער פּאָליטישער און אָר־

גאַניזאַציאָנעלער באַפעסטיגונג פון אונזערע פּאַרטייען. דער פּאַראייניגטער פראָנט פון פראָלעטאַריאַט רוקט אַרויס אַן אַרמיי אַרבעטער, וואָס וועט קאָנען דורכפירן איר מיסיע, אויב אָן דער שפּיץ פון דער דאָזיגער אַרמיי וועט שטיין אַ פירנדיגע קראַפט, וואָס זאָל איר אָנווייזן דעם ציל און דעם וועג. אַזאַ פירנדיגע קראַפט קאָן זיין בלויז אַ שטאַרקע פּראָלעטאַרישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

ווען מיר קאָמוניסטן ווענדן אָן אַלע אונזערע כחות אויף איינצושטעלן אַ פּאַראייניגטן פראָנט, טוען מיר דאָס ניט מיט דעם שמאָלן שטאַנדפּונקט פון רעקרוטירן נייע מיטגלידער אין די קאָמוניסטישע פּאַרטייען. מיר דאַרפן אַלזייטיג באַפעסטיגן די קאָמוניסטישע פּאַרטייען און פאַרגרעסערן זייער נומערישן וואוקס גראָד דערפאַר, וואָס מיר ווילן ערנסט באַפעסטיגן דעם פּאַראייניגטן פראָנט. די באַפעסטיגונג פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען שטעלט מיט זיך פאָר ניט קיין ענג-פּאַרטייאישן אינטערעס, נאָר דעם אינטערעס פון דעם גאַנצן אַרבעטער-קלאַס.

די איינהייטלעכקייט, רעוואָלוציאָנערע גאַנצקייט און קאַמפּס-גרייטקייט פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען — דאָס איז דער טייערסטער קאַפּיטאַל, וואָס געהערט ניט בלויז אונז, נאָר דעם גאַנצן אַרבעטער-קלאַס. אונזער גרייטקייט צו גיין צוזאַמען מיט די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס אין דעם קאַמף קעגן פאַשיזם האָבן מיר פאַרבונדן און ווילן ווייטער פאַרבינדן מיט אַן אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף קעגן דעם סאָציאַל-דעמאָקראַטיזם ווי די אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פון פּשרה'דיגקייט מיט דער בורזשואַזיע, וואָס דאָס מיינט אויך—מיט יעדער אַריינדרינגונג פון דער דאָזיגער אידעאָלאָגיע אין אונזערע אייגענע רייען.

ביים דורכפירן און אַנטשלאָסענעם אָנווענדן די פּאָליטיק פון פּאַראייניגטן פראָנט באַגעגענען מיר אין אונזערע אייגענע רייען אַזעלכע שטערונגען, וואָס מיר מוזן זיי אומבאַדינגט באַזייטיגן אין דער מעגלעך קירצסטער צייט.

נאָך דעם זעקסטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן איז אין אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער

דורכגעפירט געוואָרן א דערפאָלגרייכער קאַמף געגן דער טענדענץ פון אָפּאָרטוניסטישער צופּאַסונג צו די באַדינגונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער סטאַביליזאַציע און געגן דער אָנשטעקונג מיט רעפאָרמיסטישע און לעגאַליסטישע אילוזיעס. אונזערע פאַרטייען האָבן אָפּגערייניגט זייערע רייען פון פאַרשיידענע רעכטע אָפּאָרטוניסטן און דערמיט באַפעסטיגט זייער באָלשעוויסטישע איינִיגקייט און קאַמפּס־פיאַיגקייט. מיט ווייניגער דערפאָלג איז געפירט געוואָרן דער קאַמף געגן סעקטאַנטישקייט. די סעקטאַנטישקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן שוין ניט אין די פרימיטיווע, אָפענע פאָרמען, ווי אין די ערשטע יאָרן פון דער עקזיסטענץ פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, נאָר אונטער א צודעק פון פאָרמעל אנערקענען די באָלשעוויסטישע טעזיסן איז געשטערט געוואָרן די אנטוויקלונג פון באָלשעוויסטישער מאַסן־פּאָליטיק. אין אונזער צייט איז דאָס שוין אָפּטמאָל ניט קיין „קינדער קראַנקהייט“, ווי לענין האָט געשריבן, נאָר אן איינגעוואָרצלטע קרענק, וואָס אויב מ'וועט פון איר ניט פּטור ווערן, קאָן מען ניט לייזן די אויפגאַבע פון שאַפן א פאַראייניגטן פראָנט פון דעם פּראָלעטאַריאַט און אַריבערברייגען די מאַסן פון די רעפאָרמיסטישע פּאָזיציעס אויף דער זייט פון דער רעוואָלוציע.

אין דער איצטיגער לאַגע איז סעקטאַנטישקייט, זעלבסטצופרידענע סעקטאַנטישקייט, ווי מיר באַצייכענען דאָס אין דעם פּראָיעקט פון אונזער רעזאָלוציע, קודם כל א שטערונג אין אונזער קאַמף פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דעם פאַראייניגטן פראָנט. סעקטאַנטישקייט, וואָס איז צופרידן מיט איר דאָקטרינערישער פּלפּול'דיגער באַגרעניצטקייט, מיט דער אָפּגעריסנקייט פון דעם ווירקלעכן לעבן פון די מאַסן; צופרידן מיט אירע פאַראיינפאַכטע מעטאָדן פון לייזן די מאַסע קאָמפּליצירטע פראַגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג דורך שאַבלאָנע סכעמעס. סעקטאַנטישקייט, וואָס פּרעטענדירט צו וויסן אַלץ אין דער וועלט און האַלט פאַר איבעריג זיך צו לערנען ביי די מאַסן, אויף די דערפאַרונגען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. סעקטאַנטישקייט, מיט איין וואָרט, וואָס ביי איר איז דער ים , ווי מען זאָגט, ניט מער ווי א טרונק־וואַסער.

די זעלבסט־צופרידענע סעקטאַנטישקייט וויל ניט און קאָן ניט פאַרשטיין, אַז די פירערשאַפט מיט דעם אַרבע־טער־קלאַס מצד דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ווערט ניט דערגרייכט פון זיך אַליין, ספּאָנטאַן. די פירנ־דיגע ראָל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין די קאַמפן פון אַרבעטער־קלאַס דאַרף מען געווינען. דערצו איז נויטיג ניט צו דעקלאַמירן וועגן דער פירנדיגער ראָל פון די קאָמו־ניסטן, נאָר דורך טאָג־טעגלעכער מאַסן־אַרבעט און ריכטי־גער פּאָליטיק פאַרדינען, קריגן דעם צוטרוי פון די אַר־בעטער־מאַסן. דאָס איז מעגלעך בלויז אין דעם פאַל, ווען מיר קאָמוניסטן וועלן אין אונזער פּאָליטישער אַרבעט ערנסט זיך רעכענען מיט דערווירקלעכער שטופע פון דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין פון די מאַסן, די שטופע פון זייער רע־וואָלוציאָנערישקייט; ווען מיר וועלן ניכטער אָפּשאַצן די קאָנקרעטע לאַגע ניט אויף דעם גרונט פון אונזערע וואונ־טשען, נאָר אויף דעם גרונט פון דעם, וואָס איז אויף אַן אמת'ן פאַראַן. מיר דאַרפן שריט נאָך שריט און מיט גע־דולד פאַרגרינגערן פאַר די ברייטע מאַסן דעם איבערגאַנג אויף די פּאָזיציעס פון קאָמוניזם. מיר טאָרן קיינמאָל ניט פאַרגעסן לענינ'ס ווערטער, וועלכער האָט אונז מיט דער גאַנצער קראַפט געוואָרנט, אַז

„עס האַנדלט זיך גראָד וועגן דעם, אַז מיר זאָלן ניט אָננעמען דאָס פאַר אונז אויסגעלעבטע, ווי דאָס אויס־געלעבטע פאַר'ן קלאַס, ווי דאָס אויסגעלעבטע פאַר די מאַסן". (לענין, געזאַמלטע ווערק, באַנד 25, זייט 202, רוסישע אויסגאַבע).

איז דען איצט, חברים, פאַראַן וויניג אַזוינע דאָקטרי־נערישע עלעמענטן אין אונזערע רייען, וואָס אין דער פּאָלי־טיק פון דעם פאַראייניגטן פראָנט פילן זיי אומעטום און שטענדיג בלויז געפאַרן? פאַר אַזוינע חברים איז דער גאַנ־צער פאַראייניגטער פראָנט—איין כסדר'דיגע געפאַר. אָבער אָט־די סעקטאַנטישע „פּרינציפּיעלקייט" איז ניט קיין אַנ־דער זאַך ווי פּאָליטישע הילפלאָזיגקייט צוליב די שוועריגקיי־טען פון דירעקטער אָנפירונג מיט דעם קאַמף פון די מאַסן. סעקטאַנטישקייט דריקט זיך אויס באַזונדער אין דער

איבערשאצונג פון דער רעוואָלוציאָנערישקייט פון די מאַסן, אין דער איבערשאַצונג פון דער שנעלקייט, מיט וועלכער זיי פאַרלאָזן די פּאָזיציעס פון רעפאָרמיזם, אין דעם פאַרזוך אריבערצושפּרינגען די שווערע עטאַפּן און די קאָמפּליצירטע אויפגאַבן פון דער באַוועגונג. מעטאָדן פון אָנפירן מיט די מאַסן זיינען אָפּטמאָל פאַרביטן געוואָרן אויף מעטאָדן פון אָנפירן מיט אן ענג־פּאַרטייאישער גרופּע. עס איז אונטערשאַצט געוואָרן די קראַפט פון דעם טראַדיציאָנעלן בונד פון די מאַסן מיט זייערע אָרגאַניזאַציעס און פירערשאַפטן, און ווען די מאַסן האָבן די דאָזיגע פאַרבינדונגען נית איבערגעריסן מיטאמאָל, האָט מען זיך צו זיי אָנגעהויבן באַציען פונקט אזוי שאַרף ווי צו זייערע רעאַקציאָנערע פירער. די טאַקטיק און לאָזונגען פון קאַמף זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שאַבלאָנען פאַר אַלע לענדער, און עס איז ניט אריינגענומען געוואָרן אין חשבון די קאָנקרעטע לאַגע אין יעדן לאַנד באַזונדער. עס איז איגנאָרירט געוואָרן די נויטיגקייט צו פירן אן עקשנות׳דיגן קאַמף אין די מאַסן גופא אויף צו געווינען דעם צוטרוי פון די מאַסן, ס׳איז געמאַכט געוואָרן צו קליינגעלט דער קאַמף פאַר די טיילווייזע פאָדערונגען פון די אַרבעטער און די אַרבעט אין די רעפאָרמיסטישע יוניאָנס און פאַשיסטישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. די פּאָליטיק פון פאַראייניגטן פראָנט איז אָפּטמאָל פאַרביטן געוואָרן מיט הוילע אויפרופן און מיט אבסטראַקטער פּראָפּאַגאַנדע.

ניט ווייניגער האָבן די סעקטאַנטישע איינשטעלונגען געשטערט אין דעם ריכטיגן אויסוואַל פון מענטשן, אין דער דערציאונג און אנטוויקלונג פון קאַדרען (קרייזן טוער), וואָס זאָלן זיין פאַרבונדן מיט די מאַסן און האָבן דעם צוטרוי פון די מאַסן, קאַדרען — רעוואָלוציאָנער־אויסגעהאַלטענע און אויסגעפּרואוווטע אין די קלאַסן־שלאַכטן, וואָס זאָלן קאָנען פאַראייניגן פּראַקטישע דערפאַרונג פון מאַסן־אַרבעט מיט דער פּרינציפּיעלער אויסגעהאַלטנקייט פון א באָלשעוויק.

סעקטאַנטישקייט האָט, אזוי ארום, אין א באַדייטנדיגער מאָס פאַרלאַנגזאַמט דעם וואוקס פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, געמאַכט שווערער די דורכפירונג פון אן אמת׳ער

מאסן־פּאָליטיק, געשטערט אויסצונוצן די שוועריגקייטן פון דעם קלאַסן־שונא פאר דער באַפעסטיגונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, געשטערט דער אַרבעט פון געווינען די ברייטע פּראָלעטאַרישע מאסן אויף דער זייט פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען.

בעת מיר קעמפן אויף אַן אַנטשלאָסענעם אופן צו אויסוואָרצלען און באַזייטיגן די לעצטע רעשטלעך פון זעלבסט־צופרידענער סעקטאַנטישקייט, דאַרפן מיר מיט אַלע כחות פאַרשטאַרקן אונזער וואַכזאַמקייט און קאַמף בנוגע רעכטן אָפּאָרטוניזם און געגן אַלע זיינע קאָנקרעטע אויסדרוקן, האַבנדיג אין זינען, אַז די דאָזיגע געפאַר וועט שטייגן אין דער מאָס ווי עס וויקלט זיך פאַנאַנדער אַ ברייטער פאַראייניגטער פראָנט. עס זיינען שוין דאָ טענדענצן, וואָס באַשטייען פון אַרונטערדריקן די ראָל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין די רייען פון פאַראייניגטן פראָנט און פון שלום־מאַכן מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אידעאָלאָגיע. מען טאָר ניט פאַרגעסן, אַז די טאַקטיק פון פאַראייניגטן פראָנט איז אַ מעטאָד פון איבערציינגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער אין דער פּראַקטיק, אַז די קאָמוניסטישע פּאָליטיק איז אַ ריכטיגע און די רעפאָרמיסטישע פּאָליטיק איז אַ פאַלשע, אָבער בשום אופן איז דאָס ניט קיין מעטאָד פון מאַכן שלום מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק. אַ דערפאָלגרייכער קאַמף פאַר דער גרינדונג פון פאַראייניגטן פראָנט פאָדערט אומבאַדינגט אַ שטענדיגן קאַמף אין אונזערע רייען געגן די טענדענצן אַרונטערצודריקן די ראָל פון דער פּאַרטיי, געגן לעגאַליסטישע אילוזיעס, געגן דער איינשטעלונג אויף סטיכייאישקייט און אָטאָמאַטיזם סיי אויפ׳ן געביט פון ליקווידירן דעם פאַשיזם און סיי אין דורכפירן דעם פאַראייניגטן פראָנט; געגן די מינדסטע וואַקלונגען אין דעם מאָמענט פון אַנטשיידנדיגער אַקציע.

„עס איז נויטיג”, לערנט אונז חבר סטאַלין, „אַז די פּאַרטיי זאָל אין איר אַרבעט קאָנען פאַראייניגן די העכסטע פּרינציפּיעלקייט (ניט צונויפמישן מיט סעקטאַנטישקייט!) מיט אַ מאַקסימום פאַרבינדונגען און קאָנ־

טאַקט מיט די מאַסן (ניט צונויפמישן מיט עק־איזם!), וואָס אָן דעם איז אוממעגלעך פאַר דער פאַרטיי ניט בלויז צו לערנען די מאַסן, נאָר אויך זיך לערנען ביי זיי, ניט בלויז צו פירן די מאַסן און אויפהויבן זיי צו דער שטופע פון דער פאַרטיי, נאָר אויך זיך צוהערן צו דער שטים פון די מאַסן און טרעפן זייערע אָנגעווייטאָגטע באַדערפעני־שען" (סטאַלין—„וועגן די פערספעקטיוון פון דער דייט־שער קאָמוניסטישער פאַרטיי און וועגן באָלשעוויזאַציע" — „פראַוודא", נומער 27, פעברואַר 3, 1925).

פאָליטישע איינהייט פון אַרבעטער־קלאַס

חברים, די אַנטוויקלונג פון דעם פאַראייניגטן פראָנט פאַר געמיינשאַפטלעכן קאַמף פון קאָמוניסטישע און סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער געגן פאַשיזם און דעם אָנ־גריף פון קאַפּיטאַל רוקט אויך אַרויס די פראַגע וועגן פאָ־ליטישער איינהייט, וועגן א פאַראייניגטער פאָלי־טישער מאַסן־פאַרטיי פון אַרבעטער־קלאַס. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער איבערציינגן זיך אַלץ מער פון דערפאַרונג, אַז דער קאַמף געגן דעם קלאַסן־שונא פאָדערט א פאַראייניגטע פאָליטישע אָנפירערשאַפט, ווייל א צווייענ־דיגע פירערשאַפט מאַכט שווערער די ווייטערדיגע אַנטוויק־לונג און באַפעסטיגונג פון דעם פאַראייניגטן קאַמף פון אַר־בעטער־קלאַס.

די אינטערעסן פון דעם קלאַסן־קאַמף פון דעם פראָלע־טאַריאַט און דער דערפאָלג פון דער פראָלעטאַרישער רעוואָ־לוציע דיקטירן די נויטיגקייט פון א פאַראייניגטער פאַרטיי פון פראָלעטאַריאַט אין יעדן לאַנד. דאָס צו דערגרייכן איז, פאַרשטייט זיך, ניט אַזוי גרינג און איינפאַך. דאָס פאָדערט עקשנות'דיגע אַרבעט און קאַמף און וועט נויטיגערווייז זיין א מער אָדער ווייניגער דויערהאַפטער פּראָצעס. די קאָמו־ניסטישע פאַרטייען דאַרפן, זיך שטיצנדיג אויפ'ן וואַקסנדי־גען דראַנג פון די אַרבעטער צו פאַראייניגן די סאָציאַל־דע־מאָקראַטישע פאַרטייען אָדער איינצלנע אָרגאַניזאַציעס מיט די קאָמוניסטישע פאַרטייען, נעמען פעסט און זיכער די אי־ניציאַטיווע אין זייערע הענט אויף דעם געביט פון אָט־דער

פאַראייניגונג. די אַרבעט פון פאַראייניגן די כחות פון אַר־בעטער־קלאַס אין איין רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי, אין דעם מאָמענט ווען די אינטערנאַציאָנאַלע אַר־בעטער־באַוועגונג טרעט אריין אין אַ פּעריאָד פון ליקווידירן די שפּאַלטונג—דאָס איז אונזער אַרבעט, דאָס איז די אַר־בעט פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

נאָר אויב ס'איז גענוג פאַר דער באַשאַפונג פון אַ פאַר־איינינגטן פראָנט פון קאָמוניסטישע און סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע פּאַרטייען צו שליסן אַ פאַרשטענדיגונג וועגן קאַמף געגן פאַשיזם, געגן דעם אָנגריף פון קאַפּיטאַל און געגן מלחמה, איז שאַפן פּאָליטישע איינינקייט מעגלעך בלויז אויף דעם באָדן פון אַ ריי באַשטימטע באַדינגונגען פון אַ פּרינצי־פּיעלן כאַראַקטער.

אַזאַ פאַראייניגונג איז מעגלעך, ערשטנס, אונטער דער באַדינגונג פון ווערן פולשטענדיג אומאָפּהענגיג פון דער בורזשואַזיע, און פון פולשטענדיג צערייסן דעם בלאָק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע מיט דער בורזשואַזיע.

צווייטנס, אונטער דער באַדינגונג פון פריער פאַר־ווירקלעכן איינינקייט פון אַקציע. דריטנס, אונטער דער באַדינגונג פון אנערקענען די נויטיגקייט פון רעוואָלוציאָנע־רער שטירצונג פון דער בורזשואַזער הערשאַפט און פון איינ־שטעלן אַ דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אין דער פאָרם פון סאָוועטן.

פערטנס, אונטער דער באַדינגונג פון בויען די פּאַרטיי אויפ'ן באַזיס פון דעמאָקראַטישן צענטראַליזם, וואָס זאָל פאַרזיכערן אַן איינהייט פון ווילן און האַנדלונג און זאָל זיין אויסגעפּרואַווט אויף דער דערפאַרונג פון די רוסישע באָלשעוויקעס.

מיר דאַרפן דערקלערן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַר־בעטער אויף אַ געדולדיגן, חבר'שן אופן פאַרוואָס ס'איז אָן די דאָזיגע באַדינגונגען אוממעגלעך אַ פּאָליטישע איינינ־קייט פון דעם אַרבעטער־קלאַס. מיר דאַרפן צוזאַמען מיט זיי דיסקוטירן דעם זין און באַדייטונג פון די דאָזיגע באַ־דינגונגען.

פאַרוואָס איז פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון פּאָליטישער איינינקייט פון דעם פּראָלעטאַריאַט נויטיג צו זיין פול־

שטענדיג אומאָפּהענגיג פון דער בורזשואזיע און צערייסן דעם בלאָק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע מיט דער בור־זשואזיע?

ווייל די גאנצע דערפאַרונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, און באזונדער די דערפאַרונג פון די פופצן יאָר קאָאַליציע־פּאָליטיק אין דייטשלאַנד האָט געוויזן, אז די פּאָליטיק פון קלאַסן־קאָאָפּעראַציע, די פּאָליטיק פון זיין אָפּהענגיג פון דער בורזשואזיע פירט צו אַ נידערלאגע פאַר׳ן אַרבעטער־קלאַס און צום זיג פון פאשיזם. און בלויז דער וועג פון אומקאָמפּראָמיסלעכן קלאַסנקאַמף קעגן דער בורזשואזיע, דער וועג פון באָלשעוויזם, איז דער ריכטיגער וועג צום זיג.

פאַרוואָס דאַרף די איינשטעלונג פון פאַראייניגטער אַקציע זיין אַ פאַר־באַדינג פאַר פּאָליטישער איינינקייט?

ווייל די איינינקייט פון אַקציע אויף צוריקצושטויסן דעם אָנגריף פון קאַפּיטאַל און פאשיזם איז מעגלעך און נויטיג נאָך פריער, איידער די מערהייט אַרבעטער וועלן זיך פאַראייניגן אויף אַ געמיינשאַפטלעכער פּאָליטישער פּלאַטפאָרם און אַרונטערוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם; און ווייל אויף אויסצואַרבעטן אַן איינהייט פון אַנשויאונגען וועגן די הויפּט־ריכטונגען און צילן פון דעם קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט — וואָס אָן דעם איז אוממעגלעך אַ פאַראייניגונג פון פאַרטייען — פאָדערט זיך אַ מער אָדער ווייניגער לאַנגע צייט. און צום בעסטן אַרבעט זיך אויס אַן איינינקייט פון אַנשויאונגען דורך דעם געמיינשאַפטלעכן קאַמף געגן קלאַסן־שונא שוין היינט. פאָרצושלאָגן אַנשטאָט אַ פאַראייניגטן פראָנט אַ באַלדיגע פאַראייניגונג פון פאַרטייען, — דאָס מיינט אוועקשטעלן דעם פערד הינטער׳ן וואָגן און דיינקען, אז דער וואָגן וועט גיין פאָראויס (געלעכטער). גראָד דערפאַר וואָס פאַר אונז איז די פראַגע פון פּאָליטישער איינינקייט ניט קיין מאַנעוורע, ווי פאַר אַ סך סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער, באַשטייען מיר אויף דער פאַרווירקלעכונג פון פאַראייניגטער אַקציע, ווי אויף איינעם פון די וויכטיגסטע עטאַפּן אין דעם קאַמף פאַר פּאָליטישער איינינקייט.

פאַרוואָס איז נויטיג צו אַנערקענען די רעוואָלוציאָנערע שטירצונג פון דער בורזשואזיע און די גרינדונג פון אַ דיק־

טאטור פון פּראָלעטאַריאַט אין דער פאָרם פון סאָוועטן?

ווייל די דערפאַרונג פון דעם זיג פון דער גרויסער אָק־טאָבער רעוואָלוציע פון איין זייט און פון דער אַנדערער זייט—די ביטערע לעקציעס אין דייטשלאַנד, עסטרייך, און שפּאַניע דורך דער גאַנצער צייט נאָך דער מלחמה האָבן אויפסניי באַשטעטיגט, אַז דער זיג פון דעם פּראָלעטאַריאַט איז מעגלעך בלויז דורך דער רעוואָלוציאָנערער שטירצונג פון דער בורזשואַזיע און אַז די בורזשואַזיע וועט גיכער דערטרינקען די אַרבעטער־באַוועגונג אין א ים בלוט, איידער דערלויבן דעם פּראָלעטאַריאַט אויף א פרידלעכן אופן איינ־צופירן דעם סאָציאַליזם. די דערפאַרונג פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע האָט באַשיינפּערלעך באַוויזן, אַז דער גרונט־אינ־האַלט פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע איז די פראַגע פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, וואָס איז באַרופן צו דערשטיקן דעם ווידערשטאַנד פון די אַרונטערגעוואָרפענע עקספּלואַטאַטאָרס, באַוואָפענען די רעוואָלוציע פאַר׳ן קאַמף מיט דעם אימפּעריאַליזם און דערפירן די רעוואָלוציע צו א פולשטענדיגן זיג פאַר׳ן סאָציאַליזם. כדי צו פאַרווירקלעכן די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט ווי די דיקטאַטור פון דער איבערוועגנדיגער מערהייט איבער א נישטיגער מינדערהייט, איבער די עקספּלואַטאַטאָרס,—און בלויז ווי אַזעלכע קאָן זי פאַרווירקלעכט ווערן—דערצו זיינען נויטיג סאָוועטן, וואָס זאָלן אַרומכאַפּן אַלע שיכטן פון אַרבעטער־קלאַס, די הויפּט־מאַסן פון פּויערטום און אַנדערע אַרבעטנדיגע עלע־מענטן, וואָס אָן זייער דערוואַכונג, אָן זייער איינשליסונג אין דעם פראָנט פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף איז אוממעגלעך צו באַפעסטיגן דעם זיג פון פּראָלעטאַריאַט.

פאַרוואָס דאַרף אַלס א באַדינגונג פאַר פּאָליטישער איי־ניגקייט זיין—דאָס אָפּזאָגן זיך צו שטיצן די בורזשואַזיע אין אַן אימפּעריאַליסטישער מלחמה?

ווייל די בורזשואַזיע פירט די אימפּעריאַליסטישע מלחמה צוליב אירע אייגענע רויבערישע אינטערעסן—נעגן די אינ־טערעסן פון דער גרויסער מערהייט פון פעלקער, אונטער וואָס פאַר א צודעק די מלחמה זאָל ניט געפירט ווערן. ווייל אַלע אימפּעריאַליסטן פאַראייניגן צוזאַמען מיט פיבערהאַפּ־

טע מלחמה־צוגרייטונגען א פארשטארקטע עקספּלואטאציע און אונטערדריקונג פון די ארבעטנדיגע מאסן אין דעם היים־לאנד. שטיצן די בורזשואזיע אין אזא מלחמה הייסט פאררעטן די אינטערעסן פון לאנד און דעם אינטערנאציאָנאלן ארבעטער־קלאס.

פארוואָס, ענדלעך, דארף דער געבוי פון דער פּארטיי אויף דעם פונדאמענט פון דעמאָקראטישן צענטראליזם זיין א פאָרבאדינג פון פּאָליטישער איינינקייט?

ווייל בלויז א פּארטיי, וואָס איז געבויט אויף דעם פונדאמענט פון דעמאָקראטישן צענטראליזם קאָן פארזיכערן די איינהייט פון ווילן און האנדלונג, קאָן פירן דעם פּראָלעטאריאט צום זיג איבער דער בורזשואזיע, וואָס פארמאָגט אזא מעכטיג געווער, ווי א צענטראליזירטן מלוכה־אפּאראט. די אָנגווענדונג פון דעם פּרינציפּ פון דעמאָקראטישן צענטראליזם האָט אויסגעהאלטן א גלענצנדע היסטאָרישע פּראָבע אויף דער דערפארונג פון דער רוסישער באָלשעוויסטישער פּארטיי, דער פּארטיי פון לענין און סטאלין.

יאָ, חברים, מיר זיינען פאר א פאראייניגטער פּאָליטישער מאסן־פּארטיי פון ארבעטער־קלאס. אָבער דערפון דרינגט ארויס די נויטווענדיגקייט, ווי עס זאָגט חבר סטאלין

„פון א פּארטיי א קעמפערישער, א פּארטיי א רעוואָלוציאָנערער, גענוג דרייסט אויף צו פירן דעם פּראָלעטאריאט צום קאמף פאר מאכט, גענוג דערפארן אויף צו פאנאנדערקלייבן זיך אין די קאָמפּליצירטע באדינגונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער לאגע און גענוג בויגעוודיג אויף אויסצומיידן אלע פעלזן אונטער׳ן וואסער אויפ׳ן וועג צום ציל״ (סטאלין—„פראגן פון לענינחזם״, צענטע רוסישע אויסגאבע, זייט 63).

אָט פארוואָס ס׳איז נויטיג צו דערשלאָגן זיך צו א פּאָליטישער איינינקייט אויפ׳ן באזיס פון די אָנגעוויזענע באדינגונגען.

מיר זיינען פאר דער פּאָליטישער איינינקייט פון דעם ארבעטער־קלאס! דעריבער זיינען מיר גרייט אויף דעם נאָענטסטן אופן צו מיטארבעטן מיט אלע סאָציאל־דעמאָקראטן, וואָס זיינען פאר א פאראייניגטן פראָנט און שטיצן

אויפריכטיג א פאַראייניגונג אויף די אָנגעוויזענע באַדינ־גונגען. אָבער גראָד דערפאַר, וואָס מיר זיינען פאַר אייניג־קייט, וועלן מיר אנטשיידנדיג קעמפן געגן אַלע „לינקע" דעמאַגאָגן, וואָס פּרואוון אויסנוצן די אנטוישונג פון די סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער אויף צו שאַפן נייע סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטייען אָדער אינטערנאַציאָנאַלן, וועלכע זיינען געווענדעט געגן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און פּאַרטיפן אויף אַזאַ אופן די שפּאַלטונג פון אַרבעטער־קלאַס.

מיר באַגריסן די וואַקסנדיגע שטרעבונג צווישן די סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער צו א פאַראייניגטן פראָנט מיט די קאָמוניסטן. אין דעם דאָזיגן פאַקט זעען מיר א וואוקס פון זייער רעוואָלוציאָנערן באַוואוסטזיין און דעם אָנהויב פון בייקומען די שפּאַלטונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס. רעכענענדיג, אַז די אייניגקייט פון אַקציע איז א דרינגנדיגע נויטוואַנדיגקייט און דער זיכערסטער וועג צו דער גרינדונג אויך פון פּאָליטישער אייניקייט פון דעם פּראָלעטאַריאַט, דערקלערן מיר וועגן דער גרייטקייט פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און זיינע סעקציעס אָנצוהויבן פאַרהאַנד־לונגען מיט דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און זיינע סעק־ציעס וועגן איינשטעלן אייניגקייט פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין דעם קאַמף געגן דעם אָנגריף פון קאַפּיטאַל, געגן פאַ־שיזם און דער געפאַר פון אימפּעריאַליסטישער מלחמה.

א ו י ס פ י ר

חברים!

איך שליס מיין פּאָרטראַג. ווי איר זעט, נעמען מיר אַריין אין חשבון די געענדערטע לאַגע זינט דעם זעקסטן קאָנגרעס, די לעקציעס פון אונזער קאַמף און, זיך שטיצנדיג אויף דער שוין־דערגרייכטער שטופע פון קאָנסאָלידאַציע פון אונזערע פּאַרטייען, שטעלן מיר איצט אויף א נייעם אופן א ריי פראַגן און אין דער ערשטער ריי די פראַגע וועגן פאַראייניג־טען פראָנט און דעם צוגאַנג צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, צו די רעפאָרמיסטישע יוניאָנס און אַנדערע מאַסן־אָרגאַני־זאַציעס.

עס געפינען זיך חכמים, וואָס אין דעם אַלעם דאַכט זיך

זיי, אַז זיי זעען אַ צוריקטריט פֿון אונזערע פּרינציפּיעלע פּאָזיציעס און עפּעס אַ קער רעכטס פֿון דער באָלשעוויסטישער ליניע. נו, מילא! אַ הונגעריגער הון, ווי מען זאָגט ביי אונז אין בולגאַריע, חלומ'ט זיך שטענדיג פּראָסע (געלעכטער. שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן). זאָלן זיי אַזוי דענקען, די פּאָליטישע הינער (געלעכטער, שטורעמדיגע אַפּלאָדיסמענטן).

אונז אינטערעסירט דאָס ווייניג. פֿאַר אונז איז וויכטיג, אַז אונזערע אייגענע פּאַרטייען און די ברייטע מאַסן פֿון דער גאַנצער וועלט זאָלן ריכטיג פֿאַרשטיין, וואָס מיר זיינען אויסן.

מיר וואָלטן ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנערע מאַרקסיסטן, קיין לעניניסטן, וואָס זיינען ווערט צו זיין די שילער פֿון מאַרקס-ענגעלס-לענין-סטאַלין, ווען מיר וואָלטן אין פֿאַרבינדונג מיט דער געענדערטער לאַגע און די פֿאַרקומענדיגע געראָדערס אין דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער-באַוועגונג ניט איבערגעבויט אויף אַן אַנטשפּרעכנדיגן אופֿן אונזער פּאָליטיק און אונזער טאַקטיק.

מיר וואָלטן ניט געווען קיין אמת'ע רעוואָלוציאָנערן, ווען מיר וואָלטן זיך ניט געלערנט פֿון אייגענער דערפֿאַרונג און פֿון דער דערפֿאַרונג פֿון די מאַסן.

מיר ווילן, אַז אונזערע פּאַרטייען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זאָלן אַרויסטרעטן און האַנדלען ווי אמת'ע פּאָליטישע פּאַרטייען פֿון אַרבעטער-קלאַס, אַז זיי זאָלן אויף אַן אמת'ן שפּילן אַ ראָל פֿון אַ פּאָליטישער קראַפֿט אין דעם לעבן פֿון זייער לאַנד, אַז זיי זאָלן שטענדיג פֿירן אַן אַקטיווע באָלשעוויסטישע מאַסן-פּאָליטיק און זאָלן זיך ניט באַגרעניצן בלויז מיט פּראָפּאַגאַנדע און קריטיק און מיט הוילע אויפֿרופֿן צו קאַמף פֿאַר פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

מיר זיינען שונאים פֿון יעדער סכעמאַטישקייט. מיר ווילן זיך רעכענען מיט דער קאָנקרעטער לאַגע אין יעדן מאָמענט און אין יעדן געגעבענעם אָרט און ניט האַנדלען לויט אַ באַשטימטן שאַבלאָן אומעטום און שטענדיג, ניט פֿאַרגעסן, אַז אין פֿאַרשיידענע באַדינגונגען קאָן די פּאָזיציע פֿון די קאָמוניסטן ניט זיין די זעלביגע.

מיר ווילן ניכטער אָפּשאַצן אַלע עטאַפּן אין דער אַנט־

וויקלונג פון דעם קלאַסן־קאַמף און אין דעם וואוקס פון דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין פון די מאַסן גופא, קאָנען געפינען און לייזן אויף יעדן עטאַפּ די קאָנקרעטע אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס אַנטשפּרעכן דעם דאָזיגן עטאַפּ.

מיר ווילן געפינען א געמיינשאַפטלעכע שפּראַך מיט די ברייטסטע מאַסן פאַר'ן צוועק פון קאַמף געגן דעם קלאַ־סען־שונא, געווינען וועגן אויף ענדגילטיג בייצוקומען די איזאָלירטקייט פון דעם רעוואָלוציאָנערן אוואַנגאַרד פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן און פון אַלע אַרבעטנדיגע, און אויך אויף בייצוקומען די פּאַטאַלע איזאָלירטקייט פון דעם אַרבעטער־קלאַס גופא פון זיינע אייגענע נאַטירלעכע פאַרבינדעטע אין דעם קאַמף געגן דער בורזשואַזיע, געגן פאַשיזם.

מיר ווילן אַריינציען אַלץ ברייטערע מאַסן אין דעם רע־וואָלוציאָנערן קלאַסנקאַמף און זיי צו פירן צו דער פּראָלע־טאַרישער רעוואָלוציע, אַרויסגייענדיג פון זייערע ברע־נענדיגע אינטערעסן און באַדערפענישן און אויף דעם באָדן פון זייער אייגענער דערפאַרונג.

מיר ווילן לויט'ן ביישפּיל פון אונזערע הערלעכע רוסישע באָלשעוויקעס, לויט'ן ביישפּיל פון דער פירנדיגער פּאַרטיי פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאַראייניגן דעם רע־וואָלוציאָנערן העראָאיזם פון די דייטשע, שפּאַנישע, עסט־רייכישע און אַנדערע קאָמוניסטן מיט אמת'ן רעוואָלוציאָ־נערן רעאַליזם און מאַכן אַ סוף צו די לעצטע רעשטלעך פון סכאָלאַסטישער (בטלנ'ישער) טומלעניש וועגן ערנסטע פּאָליטישע פראַגן.

מיר ווילן אַלזייטיג באַוואָפענען אונזערע פּאַרטייען אויף צו לייזן די קאָמפּליצירטסטע פּאָליטישע אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר זיי. דערצו איז נויטיג וואָס העכער אויפצוהוי־בען זייער טעאָרעטישע שטופע, דערציען זיי אין דעם גייסט פון לעבעדיגן מאַרקסיזם־לעניניזם, און ניט אין דעם גייסט פון טויטער דאָקטרינערישקייט.

מיר ווילן אויסוואָרצלען פון אונזערע רייען די זעלבסט־צופרידענע סעקטאַנטישקייט, וואָס פאַרשטעלט דעם וועג

צו די מאַסן און שטערט דורכפירן אַן אמת'ע באָלשעוויסטישע מאַסן־פּאָליטיק. מיר ווילן מיט אַלע מיטלען פאַרשטאַרקן דעם קאַמף געגן אַלע קאָנקרעטע אויסדרוקן פון רעכטן אָפּאָרטוניזם, אַריינגעמענדיג אין חשבון, אַז די געפאַר פון דער דאָזיגער זייט וועט וואַקסן גראָד אין דער פּראַקטיק פון דורכפירן אונזער מאַסן־פּאָליטיק און קאַמף.

מיר ווילן, אַז די קאָמוניסטן אין יעדן לאַנד זאָלן באַצייטנס קריגן און אויסנוצן אַלע לעקציעס פון זייער אייגענער דערפאַרונג, ווי דעם רעוואָלוציאָנערן אַוואַנגאַרד פון דעם פּראָלעטאַריאַט. מיר ווילן, אַז זיי זאָלן וואָס שנעלער זיך אויסלערנען שווימען אין די שטורעמדיגע וואַסערן פון קלאַסנקאַמף און זאָלן ניט בלייבן אויפ'ן ברעג ווי באַאָבאַכטער און רעגיסטראַטאָרס פון די אָנלויפנדיגע כוואַליעס, וואַרטנדיג אויף אַ גוטן וועטער (אַפּלאָדיסמענטן).

אָט וואָס מיר ווילן!

און מיר ווילן דאָס אַלץ דערפאַר, וואָס בלויז אויף אַזאַ אופן וועט דער אַרבעטער־קלאַס, אָן דער שפּיץ פון אַלע אַרבעטנדיגע, פאַראייניגט ווערן אין אַ מיליאָניגער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, געפירט פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און האָבנדיג אַזאַ גרויסן און קלוגן קאַפּיטאַן, ווי אונזער פירער חבר סטאַלין (שטורעמדיגע אַפּלאָדיסמענטן), קאָנען אויף זיכער דורכפירן זיין היסטאָרישע מיסיע—אָפּראַמען פון דער וועלט דעם פאַשיזם און צוזאַמען מיט אים — דעם קאַפּיטאַליזם!

(אַלע אין זאַל שטייען אויף און מאַכן חבר דימיטראָוו'ן אַ שטורעמדיגע אָוואַציע. פון אַלע זייטן און אויף פאַרשיידענע שפּראַכן טראָגן זיך אויסרופן פון דעלעגאַטן: „הוראַ, זאָל לעבן חבר דימיטראָוו!” מעכטיג געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל אויף אַלע שפּראַכן. ווידער אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן. אויסרופן: „זאָל לעבן חבר סטאַלין! זאָל לעבן חבר דימיטראָוו!” אויסרוף: „חבר דימיטראָוו'ן, דעם פאָנענטרעגער פון קאָמינטערן — אַ באָלשעוויסטישער הוראַ!” אויסרוף אויף דער בולגאַרישער שפּראַך: „חבר דימיטראָוו'ן, דעם העלדישן קעמפער פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל געגן פאַשיזם — הורא!” דעלעגאַציעס זינגען זייערע רעוואָלוציאָנערע לידער: די איטאַליענישע — „באַנדערא ראָסאַ”, די פּוילישע — „נאַ באַריקאַדי”, די פראַנ־

צווזישע—„קאַרמאַניאָל״, די דייטשישע—„ראָטער וועדינג״, די כינעזישע — „דער מאַרש פון דער כינעזישער רויטער אַר־מיי״.)

שלוס-וואָרט

חברים! די דיסקוסיע איבער מיין רעפעראַט זאָגט עדות וועגן דעם אומגעהויערן אינטערעס פון דעם קאָנגרעס צו די פונדאַמענטאַלע טאַקטישע פראַגן און אויפגאַבן פון דעם קאַמף פון ארבעטער־קלאַס געגן דעם אָנגריף פון קאַפּיטאַל און פאַשיזם, געגן דער געפאַר פון אַן אימפּעריאַליסטישער מלחמה.

אונטערציענדיג דעם סך־הכל אונטער דער דיסקוסיע, קאָנען מיר פעסטשטעלן, אַז אַלע וועזנטלעכע פּונקטן פונם רעפעראַט זיינען באַגעגנט געוואָרן מיט דער איינשטימיגער גוטהייסונג פונם קאָנגרעס. צווישן די רעדנער וואָס זיינען דאָ אַרויסגעטראָטן האָט קיינער ניט אויסגעזעצט געגן די טאַק־טישע איינשטעלונגען, וואָס זיינען פון אונז אָנגעצייכנט גע־וואָרן און געגן דער פאָרגעשלאָגענער רעזאָלוציע.

מען קאָן דרייסט זאָגן, אַז אויף קיין איינציגן פון די פאָריגע קאָנגרעסן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך ניט אַרויסגעוויזן אַזאַ אידייאיש־פּאָליטישע צוזאַמענגע־שלאָסנקייט ווי איצט (אַפּלאָדיסמענטן). די פּאָלקאָמע איינ־שטימיגקייט פון דעם קאָנגרעס זאָגט עדות, אַז אין אונזערע רייען איז פולשטענדיג רייף געוואָרן דער באַוואוסטזיין פון דער נויטווענדיגקייט צו איבערבויען אונזער פּאָליטיק און טאַקטיק אין איינקלאַנג מיט די געענדערטע באַדינגונגען און אויפ׳ן באַדן פון דער רייכער באַלערנדיגער דערפאַרונג פון די לעצטע יאָרן.

די דאָזיגע איינשטימיגקייט קאָן מען אָן צווייפל באַ־טראַכטן, ווי איינע פון די וויכטיגסטע באַדינגונגען פאַר א דערפאָלגרייכער לייזונג פון דער נאָענטסטער הויפּט־אויפגאַ־בע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער־באַוועגונג — איינשטעלן די איינהייט פון אַקציע אין אַלע טיילן פונ׳ם אַרבעטער־קלאַס אין קאַמף געגן פאַשיזם.

כדי דערפאָלגרייך דורכצופירן די דאָזיגע אויפגאַבע איז

נויטיג, ערשטנס, אַז קאָמוניסטן זאָלן זיך ווי געהעריג באַנוצן מיט'ן געציייג פון מאַרקסיסטיש - לעניניסטישן אַנאַליז, זאָלן גענוי דערלערנען די קאָנקרעטע סיטואַציע און די פאַנאַנדערטיילונג פון די קלאַסן־כחות און זייער אַנטוויקלונג, און אין איינקלאַנג דערמיט בויען זייערע פלענער פון טעטיגקייט און קאַמף. מיר דאַרפן אָן שום רחמנות אויסראָטן די נייגונג צו צוגעטראַכטע סכעמעס (פלענער), לעבנסלאָזע פאָרמולעס, פאַרטיגע שאַבלאָנען (פאָרמען), וואָס עסט זיך ניט זעלטן איין אין אונזערע רייען. מיר דאַרפן מאַכן א סוף צו אַ לאַגע, ווען קאָמוניסטן—ווען עס סטייעט זיי ניט קיין כוח און קיין פייאיגקייט פאַר א מאַרקסיסטיש־לעניניסטישן אַנאַליז, פאַרבייטן זיי דעם אַנאַליז מיט אַלגעמיינע פראַזן און אַלגעמיינע לאָזונגען, ווי „א רעוואָלוציאָנערער אויסוועג פונ'ם קריזיס", ניט מאַכנדיג וועלכע עס איז ערנסטע אָנשטרענגונגען צו דערקלערן ביי וועלכע באַדינגונגען, ביי וואָס פאַר א צווישן־פאַרהעלטעניש פון קלאַסן־כחות, ביי וואָס פאַר א שטופע פון דער רעוואָלוציאָנערער רייפקייט פון פראָלעטאַריאַט און די אַרבעטענדיגע מאַסן, ביי וואָס פאַר א מדרגה פון דעם איינפלוס פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי איז מעגלעך אַזאַ רעוואָלוציאָנערער אויסוועג פונ'ם קריזיס. אָן דעם אַלעם פאַרוואַנדלען זיך אַזעלכע לאָזונגען אין אַ פוסטער זאַך, אין אַ אינהאַלטלאָזער פראַזע, וועלכע פאַרשטושט נאָר אונזערע אויפגאַבן פון דעם היינטיגן טאָג. אָן א קאָנקרעטן מאַרקסיסטיש־לעניניסטישן אַנאַליז וועלן מיר קיינמאָל ניט זיין אימשטאַנד ווי געהעריג אַוועקצושטעלן און לייזן—ניט די פראַגע וועגן פאַשיזם, ניט די פראַגע וועגן פראָלעטאַרישן און אַלגעמיינעם פאָלקס־פראָנט, ניט די פראַגע וועגן דער באַציאונג צו בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, ניט די פראַגע וועגן יענע פראָצעסן וועלכע קומען פאָר צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס און באַזונדערס צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער, ניט די פראַגע פון א רעגירונג פון פאַראייניגטן פראָנט, און ניט א סך אַנדערע נייע און פאַרוויקלטע פראַגן וואָס דאָס לעבן אַליין און די אַנטוויקלונג פון קלאַסן־קאַמף שטעלט און וועט שטעלן פאַר אונז.

צווייטנס, דאַרפן מיר האָבן לעבעדיגע מענטשן — מענטשן וואָס וואַקסן אַרויס פון דער אַרבעטער־מאַסע, פון איר טאָג־טעגלעכן קאַמף, מענטשן פון אַקציע, וועלכע זיי־נען מיט ליב און לעבן איבערגעגעבן די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס און מיט וועמענס מוחות און הענט עס וועלן דורכגעפירט ווערן די באַשלוסן פון אונזער קאָנגרעס. אָן באַלשעוויסטישע, לענין־סטאַלינישע, קאַדרען (קרייזן טוער) וועלן מיר ניט לייזן יענע אומגעהויערע אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר די אַרבעטנדיגע מענטשן אין דעם קאַמף געגן פאַשיזם.

דריטנס, דאַרפן מיר האָבן מענטשן וואָס זיינען באַוואָפּענט מיט'ן קאָמפּאַס פון מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער טעאָריע. אָן אַ געהעריגן באַנוצן זיך מיט אַזאַ קאָמפּאַס פאַרקריכן מענטשן צום שמאָלן פּראַקטיציזם, און געפינען לאָזונגען נאָר פון פאַל צו פאַל, און לאָזן אויס פון אויג די ברייטע פּערספּעקטיווע פון קאַמף, וועלכע באַווייזט די מאַסן וואוהין און צוליב וואָס מיר גייען און וואוהין מיר פירן די אַרבעטנדיגע מענטשן.

פערטנס, מוזן מיר האָבן די מאַסן־אָרגאַניזאַציע אויף דורכפירן אונזערע באַשלוסן אין לעבן. בלויז אונזער אי־דייאיש־פּאָליטישער איינפלוס איז ניט גענוג. מיר דאַרפן מאַכן אַ סוף צו דער אָריענטאַציע וועגן דער ספּאָנטאַנישקייט פון דער באַוועגונג, וועלכע איז איינע פון אונזערע פונ־דאַמענטאַלע שוואַכקייטן. מיר דאַרפן געדענקען אַז אָן אָר־גאַניזאַציע־אַרבעט—איינגעשפּאַרטע, דויערנדיגע, געדולדי־גע, וואָס קאָן אַמאָל אפילו אויסקוקן ווי אַן אומדאַנקבאַרע, וועלן די מאַסן ניט צושווימען צום קאָמוניסטישן ברעג. כדי צו קענען אָרגאַניזירן די מאַסן דאַרפן מיר זיך אויסלער־נען די לענין־סטאַלינישע קונסט צו באַווייזן, אַז אונזערע באַשלוסן זאָלן ווערן דאָס פאַרמעגן ניט נאָר פון קאָמוניסטן, נאָר פון די סאַמע ברייטסטע מאַסן פון די אַרבעטנדיגע. מען דאַרף זיך אויסלערנען ריידן צו די מאַסן ניט מיט דער שפּראַך פון בוך־פאָרמולעס, נאָר מיט דער שפּראַך פון קעמ־פער פאַר די אינטערעסן פון די מאַסן, ביי וועלכע יעדעס

וואָרט און יעדער געדאַנק שפּיגלען אָפּ די געדאַנקען און שטימונגען פון מיליאָנען.

אַט אויף די פראַגן וואָלט איך זיך געוואָלט אָפּשטעלן אין מיין שלום-וואָרט.

. חברים! דער קאָנגרעס האָט באַגעגנט די נייע איינשטעלונגען מיט גרויס ענטוזיאַזם און איינשטימיגקייט. געוויס, ענטוזיאַזם און איינשטימיגקייט זיינען שיינע זאַכן. אָבער נאָך בעסער איז, ווען זיי גייען האַנט אין האַנט מיט א טיף-דורכגעטראַכטן קריטישן צוגאַנג צו די אויפגאַבן וואָס שטייען פאַר אונז, מיט א געהעריגער באַהערשונג פון די אָנגענומענע באַשלוסן און מיט א פּראַקטישער פאַרשטענדעניש פאַר די מיטלען און מעטאָדן פון אָנווענדן די דאָזיגע באַשלוסן אין דער קאָנקרעטער אומגעבונג פון יעדן לאַנד.

מיר האָבן דאָך פריער אויך איינשטימיג אָנגענומען ניט קיין שלעכטע באַשלוסן. די צרה איז אָבער געווען, וואָס ניט-זעלטן האָבן מיר זיי אָנגענומען פאָרמעל און מיר האָבן געמאַכט די דאָזיגע באַשלוסן, אין בעסטן פאַל, פאַר'ן פאַרמעגן פון א ניט-גרויסן אַוואַנגאַרד פונ'ם ארבעטער-קלאַס. אונזערע באַשלוסן זיינען ניט געוואָרן דאָס פלייש און בלוט פון די ברייטסטע מאַסן, זיינען ניט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א פּלאַן פון אָנפירונג פאַר דער טעטיגקייט פון מיליאָנען.

קאָנען מיר שוין פעסטשטעלן, אַז מיר האָבן זיך שוין ענדגילטיג געשיידט מיט אַזאַ פאָרמעלן צוגאַנג צו אָנגענומענע רעזאָלוציעס? ניין. מען דאַרף זאָגן, אַז אויך אויף דעם קאָנגרעס האָבן זיך אין די אַרויסטרעטונגען פון איינצעלנע חברים געמערקט איבערבלייבענישן פון פאָרמאַליזם, האָט זיך פון צייט צו צייט געפילט א שטרעבונג צו פאַרבייטן דעם קאָנקרעטן אַנאַליז פון טעטיגקייט און פון לעבעדיגער דערפאַרונג מיט א וועלכער עס איז נייער סכעמע, מיט א וועלכער עס איז נייער, פאַראיינפאַכטער, לעבנסלאָזער פאָרמולע, און פאַרשטעלן ווי ווירקלעכקייט דאָס וואָס מיר וואָלטן געוואָלט עס זאָל זיין און וואָס עקזיסטירט אויף אן אמת'ן ניט.

דער קאַמף געגן פאַשיזם מוז געפירט ווערן אויף אַ קאָנקרעטן אופן

קיין שום אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון פאַשיזם, ווי וויכטיג זי זאָל פאַר־זיך אַליין ניט זיין, באַפרייט אונז ניט פון דער נויטווענדיגקייט צו שטודירן און צו נעמען אין אכט די אייגנאַרטיגע אַנטוויקלונגען פון פאַשיזם און די פאַרשיידענע פאָרמען פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור אין פאַרשיידענע לענדער און אויף פאַרשיידענע עטאַפּן. עס איז נויטיג אין יעדן לאַנד אויסצופאָרשן, דורכצושטודירן, אויסצוזוכן דאָס אייגנאַרטיג ־ נאַציאָנאַלע, דאָס ספּעציפיש־נאַציאָנאַלע אינ׳ם פאַשיזם און אין איינקלאַנג דערמיט אָנצייכענען די מעטאָדן פון טעטיגקייט און די פאָרמען פון קאַמף געגן פאַשיזם.

לענין האָט אונז אָן אויפהער געוואָרנט געגן „שאַבלאָניזירן, מעכאַניש אויסגלייכן, אידענטיפיצירן טאַקטישע כללים, כללים פון קאַמף״. די דאָזיגע אָנווייזונג איז באַזונדערס גילטיג, ווען עס האַנדלט זיך וועגן קאַמף געגן אַזאַ שונא, וועלכער האָט אַזוי ראַפינירט, יעזואיטיש עקספּלואַטירט די נאַציאָנאַלע געפילן און פאָראורטיילן פון די מאַסן און זייערע אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע שטימונגען — אין די אינטערעסן פון גרויס־קאַפּיטאַל. אַזאַ שונא דאַרף מען קענען גענוי און פון אַלע זייטן. עס איז נויטיג אָן אַ שום פאַרזאַמונג אויפצוכאַפּן זיינע פאַרשיידנאַרטיגע מאַנעווערס, אויפצודעקן זיינע באַהאַלטענע צוגן, זיין גרייט צו געבן אים אַ ווידערשטאַנד אויף יעדן געביט און אין יעדן מאָמענט. מען דאַרף זיך ניט שעמען אפילו לערנען זיך ביים שונא, אויב דאָס וועט העלפן גיכער און זיכערער ברעכן אים דעם קאַרק (אַפּלאָדיסמענטן).

עס וואָלט געווען אַ גראָבער פעלער איינצושטעלן אַ וועלכע ס׳איז אַלגעמיינע סכעמע פון דער אַנטוויקלונג פון פאַשיזם פאַר אַלע לענדער און אַלע פעלקער. אַזאַ סכעמע וועט ניט העלפן נאָר וועט אונז שטערן צו פירן אַ ווירקלעכן קאַמף. זי וועט, חוץ אַלעמען, ברענגען דערצו, וואָס זי וועט אָן איבערקלייבעניש אָפּשטויסן אין לאַגער פון פאַשיזם יענע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, וועלכע וואָלטן, ביי אַ

ריכטיגן צוגאנג פון אונז, אויף א געווויסער שטופע פון אנט-
וויקלונג געקאנט אריינגעווארפן ווערן אין קאמף געגן פא-
שיזם, אדער וואלטן כאטש געקאנט נייטראליזירט ווערן

לאמיר, צום ביישפיל, נעמען די אנטוויקלונג פון פא-
שיזם אין פראנקרייך און אין דייטשלאנד. געוויסע חברים
האלטן, אז אין פראנקרייך קאן זיך דער פאשיזם איבער-
הויפט ניט אנטוויקלען אזוי לייכט ווי אין דייטשלאנד. וואס
איז דא ריכטיג און וואס איז דא ניט ריכטיג? עס איז ריכ-
טיג, אז אין דייטשלאנד זיינען ניט געווען אזעלכע טיפע דע-
מאקראטישע טראדיציעס ווי אין פראנקרייך, וועלכע האט
דורכגעמאכט אין דעם 18טן און 19טן יארהונדערט עטלע-
כע רעוואלוציעס. עס איז ריכטיג, אז פראנקרייך איז א
לאנד וואס האט געוואונען די מלחמה און וואס האט אנגע-
בונדן די ווערסאלער סיסטעם אנדערע לענדער, אז אין
פראנקרייך איז צווישן די מאסן ניט פאראן יענער געפיל
פון נאציאנאלער באליידיגקייט, וואס האט געשפילט אזא
גרויסע ראל אין דייטשלאנד. עס איז ריכטיג, אז די ברייטע
מאסן פון די פראנצויזישע פויערים זיינען געשטימט רעפוב-
ליקאניש, אנטי-פאשיסטיש, באזונדערס אין די דרום'דיגע
געגנטן,—גאר ניט ווי אין דייטשלאנד, וואו א באדייטנדיגער
טייל פון דעם פויערטום האט זיך נאך פאר'ן קומען פון דעם
פאשיזם צו דער מאכט געפונען אונטער'ן איינפלוס פון די
רעאקציאנערע פארטייען.

אבער, חברים, ניט געקוקט אויף די עקזיסטירנדיגע
אונטערשיידן אין דער אנטוויקלונג פון דער פאשיסטישער
באוועגונג אין פראנקרייך און אין דייטשלאנד, ניט געקוקט
אויף די מאמענטן וועלכע שטערן דעם אנגריף פון דעם פא-
שיזם אין פראנקרייך, וואלט אבער געווען קורצזיכטיג ניט
צו זען דארטן דעם אומאויפהערלעכן וואוקס פון דער פא-
שיסטישער געפאר און צו אונטערשאצן די מעגלעכקייט פון
א פאשיסטישער איבערקערעניש. אין פראנקרייך עקזיסטירט
א גאנצע ריי מאמענטן, וועלכע זיינען, פון דער אנדערער
זייט, גינסטיג פאר'ן פאשיזם. פארגעסט ניט, אז דער עקא-
נאמישער קריזיס, וועלכער האט זיך אין פראנקרייך אנגע-
הויבן שפעטער ווי אין אנדערע קאפיטאליסטישע לענדער,

זעצט פאר זיך צו פארטיפן און פארשארפן, און דאס מאכט באזונדערס ליכט פאר דער פאשיסטישער דעמאגאגיע זי זאל זיך צעבושעווען. דער פראנצויזישער פאשיזם פארמאגט אזעלכע שטארקע פאזיציעס אין דער ארמיי, צווישן דעם אפיצערן־קארפוס, וועלכע די נאציאנאל־סאציאליסטן האבן אין דעם רייכסווער ביז זייער קומען צו דער מאכט ניט געהאט. ווייטער: אין קיין לאנד, קאן מען זאגן, האט די קארופציע פון פארלאמענטארישן רעזשים ניט דערגרייכט אזא שוידערלעכן פארנעם און האט ניט ארויסגערופן אזא אנטריסטונג ביי די מאסן ווי אין פראנקרייך. פארגעסט אויך ניט, אז די ביטערע שרעק פון דער פראנצויזישער בורזשואזיע צו פארלירן איר פאליטישע און מיליטערישע אויבערהערשאפט איבער אייראפע איז אויך א הילף פאר דער אנטוויקלונג פונ׳ם פאשיזם.

פון דעם אלעם דרינגט ארויס אז די דערפאלגן, וואס די אנטי־פאשיסטישע באוועגונג האט געהאט אין פראנקרייך— וועגן וועלכע עס האבן דא גערעדט די חברים טארעז און קאשען און מיט וועלכע מיר פרייען זיך מיט׳ן גאנצן הארצען—טאר מען נאך אלץ ניט באטראכטן אלס פאקט, וואס באווייזט אז די ארבעטנדיגע מאסן האט זיך שוין איינגעגעבן ענדגילטיג צו פארשטעלן דעם פאשיזם דעם וועג. מען דארף נאכאמאל מיט דער גאנצער איינגעשפארטקייט אונטערשטרייכן די גאנצע וויכטיגקייט פון די אויפגאבן פון דעם פראנצויזישן ארבעטער־קלאס אין קאמף געגן פאשיזם, אויף וועלכע איך האב שוין אנגעוויזן אין מיין רעפעראט.

עס איז אויך געפערלעך צו שאפן זיך אילוזיעס וועגן דער שוואכקייט פון דעם פאשיזם אין אנדערע לענדער, וואו ער פארמאגט ניט קיין ברייטע מאסן־באזע. מיר האבן פאר זיך אזעלכע לענדער ווי בולגאריע, יוגאסלאוויע, פינלאנד, וואו דער פאשיזם, וועלכער האט ניט קיין מאסן־באזע, איז דאך געקומען צו דער מאכט, אנשפארנדיג זיך אויף די באוואפנטע קרעפטן פון דער מלוכה, און האט דערנאך פרובירט אויסברייטן זיין באזע באנוצנדיג דעם מלוכה־אפאראט.

גערעכט איז געווען חבר פאלם דאט, וועלכער האט דער־

קלערט אַז אין אונזערע רייען איז געווען אַ טענדענץ צו באַטראַכטן דעם פאַשיזם אויף אַן אַלגעמיינעם אופן, ניט נעמענדיג אין אַכט די קאָנקרעטע אייגנאַרטיגקייטן פון דער פאַשיסטישער באַוועגונג אין איינצלנע לענדער און באַצייכענענדיג אויף אַ פעלערהאַפטן אופן אַלס פאַשיזם אַלע רעאַקציאָנערע מיטלען פון דער בורזשואַזיע, אָדער צו באַטראַכטן אפילו דעם גאַנצן ניט־קאָמוניסטישן לאַגער ווי אַ פאַשיסטישן. אַלס רעזולטאַט דערפון האָט זיך ניט געשטאַרקט דער קאַמף געגן פאַשיזם, נאָר, פאַרקערט, ער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

אָבער אויך איצט טרעפן מיר נאָך רעשטלעך פון דעם סכעמאַטישן צוגאַנג צום פאַשיזם. איז דען ניט אַ דערשיינונג פון אַזאַ סכעמאַטישן צוגאַנג די באַהויפּטונג פון איינצלנע חברים, אַז רוזוועלט'ס „נייער דיל" שטעלט פאָר מיט זיך אַ נאָך קלאָרערע, אַ נאָך שאַרפערע פאָרם פון אַנטוויקלונג פון דער בורזשואַזיע אין דער ריכטונג פון פאַשיזם, ווי, צום ביישפּיל, די „נאַציאָנאַלע רעגירונג" אין ענגלאַנד? עס פאָדערט זיך אַ באַדייטנדיגע מאָס פון סכעמאַטיזם ניט צו זען אַז גראָד די סאַמע רעאַקציאָנערע קרייזן פון אַמעריקאַנישן פינאַנץ־קאַפּיטאַל, וועלכע אַטאַקירן רוזוועלט'ן, שטעלן פאָר מיט זיך פריער פון אַלץ יענע קראַפט וועלכע סטימולירט (טרייבט פאָראויס) און אָרגאַניזירט די פאַשיסטישע באַוועגונג אין די פאַראייניגטע שטאַטן. ניט זען דעםווירקלעכן פאַשיזם וואָס שפּראָצט־אויף אין די פאַראייניגטע שטאַטן פון אַזעלכע קרייזן, הינטער די היפּאָקריטישע פראַזן, ווי „פאַרטיידיגן די דעמאָקראַטישע רעכט פון די אַמעריקאַנישע בירגער" — באַדייט דעזאָרגאַניזירן דעם אַרבעטערקלאַס אין קאַמף געגן זיין ביטערסטן שונא.

אין קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע לענדער קאָן ניט זיין קיין רייד וועגן אַזאַ סאָרט פאַשיזם, וועלכן מיר זיינען געוואוינט צו זען אין דייטשלאַנד, איטאַליע, און אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דאָ דאַרף מען דערלערנען און נעמען אין אַכט גאַנץ באַזונדערע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און היסטאָרישע באַדינגונגען, וואָס אין איינקלאַנג מיט זיי

נעמט דער פאַשיזם אָן און וועט אָננעמען איינגאַרטיגע פאָרמען.

ניט קאָנענדיג קאָנקרעט צוגיין צו דערשיינונגען פון דער לעבעדיגער ווירקלעכקייט, פאַרבייטן געוויסע חברים, וועלכע ליידן פון גערדאַנקען־פוילקייט, די פינקטלעכע און קאָנקרעטע דערקלערונג וועגן דער ווירקלעכער סיטואַציע, פון דער צווישן־פאַרהעלטעניש פון די קלאַסן־כחות, מיט אַלגעמיינע, גאָרניט זאָגנדיגע, פאָרמולעס. זיי זיינען ענלעך ניט אויף סנאַיפערס (ציל־שיסער) וואָס טרעפן פינקטלעך אין ציל, נאָר אויף אַזעלכע „געניטע" שיסער, וואָס שיסן סיסטעמאַטיש און טרעפלעך פאַרביי דעם ציל, טרעפנדיג אַמאָל העכער, אַמאָל נידעריגער, אַמאָל ווייטער, אַמאָל נעענטער. אָבער מיר, חברים, ווי קאָמוניסטישע טוער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי דער רעוואָלוציאָנערער אַוואַנגאַרד פון דעם אַרבעטער־קלאַס, ווילן זיין אַזעלכע סנאַיפערס, וואָס טרעפן טאַקע אויף אַן אמת אין ציל (לאַנג־דויערענדיגע אַפּלאָדיסמענטן).

דער פאַראייניגטער פּראָלעטאַרישער פראָנט — דער אַנטי־פאַשיסטישער פאָלקס־פראָנט

געוויסע חברים ברעכן זיך אומזיסט דעם קאָפּ איבער דער פראַגע פון וואָס אָנהויבן — פון פאַראייניגטן פראָנט פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט, צי פון דעם אַנטי־פאַשיסטישן פאָלקס־פראָנט ?

איינינע זאָגן: צוטרעטן צו איינשטעלן אַן אַנטי־פאַשיסטישן פאָלקס־פראָנט וועט מען קאָנען ניט פריער, איידער עס וועט אָרגאַניזירט ווערן אַ פעסטער פאַראייניגטער פראָנט פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

נאָר אַזוי ווי דאָס איינשטעלן אַ פאַראייניגטן פּראָלעטאַרישן פראָנט שטויסט זיך אָן אויפ׳ן ווידערשטאַנד פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין אַ ריי לענדער, האַלטן אַנדערע, אַז עס איז בעסער גלייך אָנצוהויבן פון דעם פאָלקס־פראָנט און בלויז אויף דער באַזע (פונדאַמענט) שפּעטער אַנטוויקלען דעם פאַראייניגטן פראָנט פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

ווי עס שיינט, פאַרשטייען ביידע ניט, אַז דער פאַראיי־

ניגטער פראָנט פון דעם פּראָלעטאַריאַט און דער אַנטי־פּאַ־שיסטישער פאָלקס־פראָנט זיינען געקניפּט און געבונדן מיט דער לעבעדיגער דיאַלעקטיק פון קאַמף און גייען אַרי־בער איינער אין צווייטן אין פּראָצעס פון פּראַקטישן קאַמף געגן פאַשיזם און זיינען לחלוטין ניט אָפּגעטיילט איינער פון צווייטן מיט א כינעזישער וואַנט.

ווייל מען קאָן דאָך ניט ערנסט דענקען, אַז עס איז מעג־לעך אויף אַן אמת צו פאַרווירקלעכן דעם אַנטי־פאַשיסטישן פאָלקס־פראָנט, ניט איינשטעלנדיג איינהייטלעכע אַקציע פון דעם אַרבעטער־קלאַס גופא, וועלכער איז די פירנדיגע קראַפט פון אָט־דעם פאָלקס־פראָנט. אין דערזעלביגער צייט הענגט־אָפּ די ווייטערדיגע אַנטוויקלונג פון דעם פאַראייניג־טען פּראָלעטאַרישן פראָנט אין א באַדייטנדיגער מאָס פון דעם ווי אַזוי ער ווערט פאַרוואַנדלט אין א פאָלקס־פראָנט געגן פאַשיזם.

שטעלט אייך פאָר, חברים, אַזאַ סכעמאַטיקער, וועלכער שטייט איבער אונזער רעזאָלוציע און מיט'ן אַזאַרט פון א פירזאָגער לייגט ער פאָר זיין סכעמע:

צוערשט דאַרף מען שאַפן דעם פאַראייניגטן פראָנט פון פּראָלעטאַריאַט פון אונטן אויף א לאָקאַלן מאַסשטאַב;

דערנאָך קומט דער פאַראייניגטער פראָנט פון אונטן אין א געגנט־מאַסשטאַב;

שפּעטער קומט דער פאַראייניגטער פראָנט פון אויבן— לויט די זעלביגע שטופן;

ווייטער קומט די איינינקייט פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג;

דערנאָך ווערן צוגעצויגן די אַנדערע אַנטי־פאַשיסטישע פּאַרטייען;

שפּעטער קומט דער צעוויקלטער פאָלקס־פראָנט פון אויבן און פון אונטן;

צום סוף דאַרף מען די דאָזיגע באַוועגונג אויפהויבן אויף א העכערע שטופע, זי פּאָליטיזירן, רעוואָלוציאָניזירן און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער (געלעכטער).

איר וועט זאָגן, חברים, אַז דאָס איז אַן אַבסורד. בין איך מיט אייך איינפאַרשטאַנען. נאָר אין דעם ליגט דאָך די

צרה, וואָס אַזאַ סעקטאַנטישער אבסורד געפינט נאָך, ליי־דער, אין אַזאַ אָדער אַנדער פאָרם אַ פּלאַץ אין אונזערע רייען.

און ווי זעט די זאַך אויס אין דער ווירקלעכקייט? אודאי דאַרפן מיר אומטעום זיך דערשלאָגן אַ ברייטן פאָלקס־פראָנט פון קאַמף געגן פאַשיזם. אָבער אין אַ גאַנצער ריי לענדער וועלן מיר נישט אַוועק ווייטער פון אַלגעמיינע רייד וועגן דעם פאָלקס־פראָנט, אויב מיר וועלן נישט באַווייזן דורך מאָביליזירן די אַרבעטער־מאַסן צו צעברעכן דעם ווי־דערשטאַנד פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צום פאַראייניג־טען פראָנט פון דעם קאַמף פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט. אַזוי שטייט די פראַגע קודם כל אין ענגלאַנד, וואו דער אַרבע־טער־קלאַס שטעלט מיט זיך פאָר די מערהייט פון דער באַ־פעלקערונג, וואו די ענגלישע טרעיד־יוניאָנס און די לעיבאָר־פּאַרטיי פירן נאָך זיך די גרונט־מאַסע פון דעם אַרבעטער־קלאַס. אַזוי שטייט די פראַגע אין בעלגיע און אין די סקאַנ־דינאַווישע לענדער, וואו אַנטקעגן די קליינע אין צאָל קאָ־מוניסטישע פּאַרטייען שטייען די שטאַרקע מאַסאָווע יוניאָנס און די גרויסע אין צאָל סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען.

די קאָמוניסטן וואָלטן דאָ באַגאַנגען דעם גרעסטן פּאָ־ליטישן טעות, ווען זיי וואָלטן זיך אַרויסגעדרייט פון קאַמף צו איינשטעלן אַ פאַראייניגטן פּראָלעטאַרישן פראָנט דורך אַלגעמיינע רייד וועגן אַ פאָלקס־פראָנט, וועלכער קאָן נישט געשאַפן ווערן אָן דעם, אַז די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון דעם אַרבעטער־קלאַס זאָלן זיך אין אים באַטייליגן. כדי צו דער־גרייכן אין אָט־די לענדער אַן אמת׳ן פאָלקס־פראָנט, דאַרפן די קאָמוניסטן דורכפירן אַ געוואַלדיגע פּאָליטישע און אָר־גאַניזאַציאָנעלע אַרבעט צווישן די אַרבעטער־מאַסן. זיי דאַר־פען ביייקומען די פאָראורטיילן פון די דאָזיגע מאַסן, וועלכע באַטראַכטן זייערע רעפאָרמיסטישע מאַסן ־ אָרגאַניזאַציעס ווי אַ פאַרקערפּערונג פון פּראָלעטאַרישער איינהייט, איבער־צייגן די דאָזיגע מאַסן, אַז באַשאַפן אַ פאַראייניגטן פראָנט מיט די קאָמוניסטן מיינט, אַז די מאַסן גייען אַריבער אויף דער פּאָזיציע פון קלאַסן־קאַמף און אַז בלויז אַזאַ איבער־גאַנג גאַראַנטירט דעם דערפאָלג פון קאַמף געגן דעם אָנגריף

פון קאַפּיטאַל און פאַשיזם. מיר ווילן בייקומען די דאָזיגע שוועריגקייטן ניט דערמיט, וואָס מיר ווילן דאָ אַוועקשטעלן פאַר זיך ברייטערע אויפגאַבן.

פאַרקערט, קעמפנדיג צו באַזייטיגן די דאָזיגע שוועריגקייטן, גרייטן מיר צו, ניט מיט רייד, נאָר מיט מעשים די באַשאַפונג פון אַן אמת'ן פאָלקס־פראָנט אין קאַמף געגן פאַשיזם, געגן דעם אָנגריף פון קאַפּיטאַל, געגן דער געפאַר פון אַן אימפּעריאַליסטישער מלחמה.

אַנדערש שטייט די פראַגע אין אַזעלכע לענדער ווי פּוילן, וואו זייט־ביי־זייט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג וויקלט זיך פאַנאַנדער א שטאַרקע פּויערים־באַוועגונג, וואו די פּויערשע מאַסן פאַרמאָגן זייערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווערן אַלץ ראַדיקאַלער אונטער'ן איינפלוס פון דעם אַגראַר־קריזיס, וואו די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג רופט אַרויס דעם צאָרן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דאָ וועט די אַנטוויקלונג פון דעם פאָלקס־קאַמף־פראָנט גיין פּאַראַלעל מיט דער אַנטוויקלונג מיט דעם פאַראייניגטן פּראָלעטאַרישן פראָנט און אָפט קאָן די באַוועגונג פון דעם פאָלקס־פראָנט אין אַזעלכע לענדער אפילו אַריבעריאָגן די באַוועגונג פון דעם אַרבעטער־פראָנט.

נעמט אַזאַ לאַנד, ווי שפּאַניע, וואָס געפינט זיך איצט אין דעם פּראָצעס פון א בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע. קאָן מען דאָ זאָגן, אַז די אָרגאַניזאַציאָנעלע צעשפּליטערונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט פאָדערט די איינשטעלונג פון א פולן פאַראייניגטן פּראָלעטאַרישן קאַמף, איידער עס ווערט באַשאַפן אַן אַרבעטער־פּויערשער פראָנט געגן לערו און גיל ראָבלעס? ווען מיר וואָלטן אַזוי אַוועקגעשטעלט די פראַגע, וואָלטן מיר איזאָלירט דעם פּראָלעטאַריאַט פון דעם פּויערטום, וואָלטן מיר פּאַקטיש אַרונטערגענומען דעם לאָזונג פון אַן אַגראַר־רעוואָלוציע און מיר וואָלטען דערמיט גרינגער געמאַכט פאַר די פאָלקס־שונאים צו צעטיילן דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם פּויערטום און אַוועקשטעלן די פּויערים געגן דעם אַרבעטער־קלאַס. און דאָס, ווי באַקאַנט, איז געווען איינע פון די גרונט־סיבות פון דער מפּלה פון'ם אַרבעטער־קלאַס בשעת די אָקטאָבער־גע־

שעענישן פון 1934 אין שפּאַניע. מען טאָר אָבער נישט פאַרגעסן איין זאַך: אין אַלע לענדער, וואו דער פּראָלעטאַריאַט איז פאַרהעלטניסמעסיג קליין אין צאָל, וואו דער איבערגעוויכט איז אויף דער זייט פון פּויערשע און קליינבירגערלעכע שטאַטישע איינוואוינער, אין אַט־די לענדער איז אודאי נויטיג אָנצואווענדן אַלע כחות צו באַשאַפן א פעסטן פאַראייניגטן פראָנט פון דעם ארבעטער־קלאַס, כדי ער זאָל קאָנען פאַרנעמען זיין פּלאַץ אַלס פירנדיגער פאַקטאָר בנוגע אַלע ארבעטנדיגע עלעמענטן.

אַלזאָ, חברים, ווען מיר דארפן לייזן די פראַגע וועגן דעם פּראָלעטאַרישן פראָנט און וועגן דעם פאָלקס־פראָנט, קאָן מען נישט געבן קיין אויסשעפּנדיגע רעצעפּטן אויף אַלע פאַלן פון לעבן פאַר אַלע לענדער און פאַר אַלע פעלקער. אין אַזאַ זאַך איז אוניווערסאַליזם, ווי דאָס באַנוצן די זעלבע רעצעפּטן בנוגע אַלע לענדער, דערלויבט מיר צו זאָגן, עם־הארצות. און עם־הארצות דאַרף מען שלאָגן אפילו דעמאָלט, און מער פאַר אַלץ דעמאָלט, ווען זי טרעט ארויס אונטער'ן שלייער פון אוניווערסאַלע סכעמעס (אַפּלאָדיסמענטן).

וועגן דער ראָל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און וועגן איר באַציאונג צום פאַראייניגטן פראָנט פונ'ם פּראָלעטאַריאַט

חברים! פונ'ם שטאַנדפּונקט פון אונזערע טאַקטישע אויפגאַבן האָט א וויכטיגע באַדייטונג דער ריכטיגער ענטפער אויף דער פראַגע, צי איז נאָך די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע—און וואו איז זי נאָך—דער הויפּט־אָנשפּאַר פון דער בורזשואַזיע אינ'ם געגעבענעם מאָמענט. אייניגע פון די חברים, וואָס האָבן זיך באַטייליגט אין דער דיסקוסיע, ווי די חברים פּלאַרין און דאַט, האָבן שוין באַרירט די דאָזיגע פראַגע, נאָר צוליב איר וויכטיגקייט איז נויטיג צו געבן א פולן ענטפער. דאָס איז א פראַגע, וועלכע ווערט געשטעלט און וואָס וועט געשטעלט ווערן באַזונדערס פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ארבעטער.

עס איז נויטיג צו האָבן אין זינען, אַז אין אַ גאַנצער ריי לענדער האָט זיך געענדערט אָדער עס ענדערט זיך די לאַגע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דער בורזשואַזער מלוכה און אין אַ געוויסער מאָס אויך איר באַציאונג צו דער בורזשואַזיע.

ערשטנס, האָט דער קריזיס גרינטלעך צעטרייסלט די לאַגע אפילו פון די מער פּריווילעגירטע שיכטן פונ׳ם אַרבע־טער־קלאַס, פון דער אַזוי־גערופענער אַרבעטער־אַריסטאָקראַ־טיע, וואָס אויף איר, ווי באַוואוסט, שפּאַרט זיך דער עיקר אָן די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. און די דאָזיגע שיכטן הויבן אַלץ מער אָן איבערקוקן זייערע פריערדיגע אַנשויאונגען וועגן דער צוועקמעסיגקייט פון דער פּאָליטיק פון קלאַסן־מיטאַרבעט מיט דער בורזשואַזיע.

צווייטנס, איז אין אַ ריי לענדער, ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן אינ׳ם רעפעראַט, די בורזשואַזיע אַליין געצוואונגען אָפּצוזאָגן זיך פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע און אָנ־קומען צו דער טעראָריסטישער פאָרם פון איר דיקטאַטור, אָפּנעמענדיג ביי דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ניט בלויז איר פריערדיגע לאַגע אין דער מלוכה־סיסטעם פונ׳ם פינאַנץ־קאַ־פּיטאַל, נאָר ביי געוויסע באַדינגונגען אויך איר לעגאַליטעט דורך פאַרפאָלגונגען און פּאָגראָמען.

דריטנס, ווערן אונטער דער ווירקונג פון די לעקציעס פון דער מפּלה פון די אַרבעטער אין דייטשלאַנד, עסטרייך און שפּאַניע, אַ מפּלה, וואָס איז דער עיקר אַ רעזולטאַט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאָליטיק פון קלאַסן־מיטאַר־בעט מיט דער בורזשואַזיע, און, פון דער צווייטער זייט, אונטער דער ווירקונג פונ׳ם זיג פון סאָציאַליזם אין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד, אַלס אַ רעזולטאַט פון דער באָלשעוויסטי־שער פּאָליטיק און פון אָנווענדן דעם לעבעדיגן רעוואָלוציאָ־נערן מאַרקסיזם — ווערן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַר־בעטער רעוואָלוציאָניזירט, זיי הויבן זיך אָן אָפּווענדן צום קלאַסן־קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע.

דער קאָמפּלעקס פון די דאָזיגע סיבות מאַכט אַלץ שווע־רער און אין איינציגע לענדער אפילו פּשוט אוממעגלעך פאַר

דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ווייטער איינצוהיטן איר פריערדיגע ראָל אַלס אָנשפּאַר פון דער בורזשואַזיע.

דאָס ניט פאַרשטיין איז באַזונדערס שעדלעך אין יענע לענדער, וואו די פאַשיסטישע דיקטאַטור האָט אָפּגענומען ביי דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איר לעגאַליטעט. פון דעם שטאַנדפּונקט איז ריכטיג געווען די זעלבסטקריטיק פון יענע דייטשישע חברים, וואָס האָבן אין זייערע רעדעס פאַרצייכנט די נויטיגקייט אויפצוהערן זיך קלאַמערן אָן דעם בוכשטאַב פון פאַרעלטערטע פאָרמולעס און באַשלוסן, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אויפהערן צו איגנאָרירן די ענדערונגען אין איר לאַגע. עס איז קלאָר, אַז אַזאַ איגנאָרירונג פירט צו דער פאַרקריפּלונג פון אונזער ליניע וועגן איינשטעלן די איינהייט פון׳ם אַרבעטער־קלאַס און פאַרלייכטערט פאַר די רעאַקציאָנערע פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צו סאַבאָטירן דעם פאַראייניגטן פראָנט.

אָבער דער רעוואָלוציאָניזירונג ־ פּראָצעס אינעווייניג אין די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, וואָס קומט איצט פאָר אין אַלע לענדער, אַנטוויקלט זיך ניט גלייכמעסיג. מען קאָן זיך ניט פאָרשטעלן די זאַך אַזוי, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער, וואָס רעוואָלוציאָניזירן זיך, וועלן מיטאַמאָל מאַסנווייז אַריבערגיין אויף דער פּאָזיציע פון אויסגעהאַלטענעם קלאַסנקאַמף און וועלן אָן שום צווישן־עטאַפּן דירעקט זיך פאַראייניגן מיט די קאָמוניסטן. דאָס וועט אין אַ ריי לענדער זיין אַ מער אָדער ווייניגער שווערער, אַ מער אָדער ווייניגער קאָמפּליצירטער און דויערנדיגער פּראָצעס, וואָס הענגט יעדנפאַלס וועזנטלעך אָפּ פון אונזער ריכטיגער פּאָליטיק און טאַקטיק. מיר דאַרפן זיך רעכענען אפילו מיט דער מעגלעכקייט, אַז איינינגע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס וועלן, אַריבערגייענדיג פון דער פּאָזיציע פון קלאַסן־מיטאַרבעט מיט דער בורזשואַזיע אויף די פּאָזיציעס פון קלאַסנקאַמף, ניט אויפהערן נאָך אַ געוויסע צייט צו עקזיסטירן אַלס זעלבסטשטענדיגע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען. און, פאַרשטייט זיך, אין אַזאַ פאַל קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין, אַז אַזוינע סאָציאַל־דעמאָ־

קראַטישע אָרגאַניזאַציעס אָדער פּאַרטייען זאָלן באַטראַכט ווערן אַלס אָנשפּאַר פון דער בורזשואַזיע.

מען קאָן ניט אויסרעכענען, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער, וואָס געפינען זיך אונטער דער ווירקונג פון דער צוגעוואוינטער, אין פאַרלויף פון צענדליגער יאָרן אין זיי איינגעפלאַנצטער אידעאָלאָגיע פון קלאַסן־מיטאַרבעט מיט דער בורזשואַזיע, וועלן זיך אַליין געזעגענען מיט דער דאָזיגער אידעאָלאָגיע בלויז אונטער דער ווירקונג פון אָביעקטיווע סיבות. ניין, דאָס איז אונזערע א זאַך, די זאַך פון די קאָמוניסטן צו העלפן זיי באַפרייען זיך פון דער מאַכט פון דער רעפאָרמיסטישער אידעאָלאָגיע.

דאָס אויפקלערן די פּראָגראַם און די פּרינציפּן פון קאָמוניזם דאַרף געפירט ווערן חבר׳יש, געדולדיג, און אין איינקלאַנג מיט דער שטופע פון דער פּאָליטישער אנטוויקלונג פון די איינצלנע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער.

אונזער קריטיק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דאַרף ווערן מער קאָנקרעט און סיסטעמאַטיש. זי דאַרף זיין באַזירט אויף די דערפאַרונגען פון די זעלבע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מאַסן.

פריער פון אַלץ, אויף דער באַזע פון דער דערפאַרונג אינ׳ם געמיינזאַמען קאַמף, האַנט ביי האַנט מיט די קאָמוניסטן געגן דעם קלאַסן־שונא, איז מעגלעך און נויטיג צו פאַרלייכטערן און פאַרגרינגערן פאַר די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער זייער רעוואָלוציאָנערע אנטוויקלונג. עס איז ניטאָ קיין מער ווירקזאַמער מיטל, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער זאָלן אויסלעבן זייערע וואַקלונגען און ספקות, ווי דער אָנטייל אינ׳ם פּראָלעטאַרישן פאַראייניגטן פראָנט.

מיר וועלן טאָן אַלץ, וואָס איז געווענדעט אָן אונז, כדי צו פאַרלייכטערן ניט בלויז פאַר די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווילן אויפריכטיג אַריבערגיין אויף דער רעוואָלוציאָנערער קלאַסן־פּאָזיציע, געמיינזאַם פירן די אַרבעט און דעם קאַמף געגן דעם קלאַסן־שונא. אָבער אין דער זעלביגער צייט דערקלערן מיר: יענע סאָציאַליסטישע טוער, מאַסאָווע פונקציאָנערן און אַרבע־

טער, וואָס הערן ניט אויף צו אונטערשטיצן די צעשפּאַל־טערישע ראָל פון די רעאַקציאָנערע פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און טרעטן ארויס געגן **דעם פאַראייניגטן** פראָנט, וואָס העלפן אזוי ארום דירעקט אָדער אומדירעקט דעם קלאַסן־שונא, נעמען דערמיט אַליין אויף זיך ניט קיין קלענערע פאַראנטוואָרטלעכקייט פאַר'ן ארבעטער־קלאַס, ווי די היסטאָרישע פאַראנטוואָרטלעכקייט פון די, וואָס האָבן אונטערשטיצט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאָליטיק פון קלאַסן־מיטארבעט, די פּאָליטיק, וואָס האָט אין א ריי אייראָפּייאישע לענדער באַגראָבן די רעוואָלוציע פון 1918 און אָפּגערייניגט דעם וועג פאַר'ן פאַשיזם.

די פראַגע וועגן דער באַציאונג צום פאַראייניגטן פראָנט איז די שייד־ליניע צווישן דעם רעאַקציאָנערן טייל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און אירע רעוואָלוציאָנער ווערנדיגע שיכטן. אונזער הילף דעם רעוואָלוציאָנער ווערנדיגן טייל וועט זיין אַלץ ווירקזאַמער, וואָס מער פארשטאַרקט, עס וועט זיין אונזער קאַמף געגן דעם רעאַקציאָנערן לאַגער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס געפינט זיך אין בלאָק מיט דער בורזשואַזיע. און אינעווייניג אין דעם לינקן לאַגער וועט די זעלבסטבאַשטימונג פון זיינע באַזונדערע עלע־מענטן אוועקגיין אַלץ גיכער, וואָס מער אנטשיידן די קאָ־מוניסטן וועלן קעמפן פאַר'ן פאַראייניגטן פראָנט מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען. די פּראַקטיק פונ'ם קלאַסנקאַמף און דער אנטייל פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין דער באַוועגונג פון דעם פאַראייניגטן פראָנט וועט באַ־ווייזן, ווער עס וועט אינ'ם דאָזיגן לאַגער פארבלייבן א „לינקער" מיט'ן מויל און ווער עס איז ווירקלעך א לינקער.

וועגן א רעגירונג פון פאַראייניגטן פראָנט

אויב די באַציאונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צו דער פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג פונם פאַראייניגטן־פראָנט פונם פּראָלעטאַריאַט בכלל איז אין יעדן לאַנד דער הויפּט־אָנווייזער, צי עס האָט זיך געענדערט, און אין וואָסער מאָס, די פריערדיגע ראָל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַר־טיי, אָדער פון אירע באַזונדערע טיילן אין דער בורזשואַזער

מלוכה, וועט א באזונדערס בוילעטער אנווייזער דערפון זיין די באציאונג פון דער סאציאל־דעמאקראטיע צו דער פראגע וועגן א רעגירונג פונם פאראייניגטן פראנט.

ביי אזא סיטואציע, ווען די פראגע וועגן שאפן א רעגירונג פונם פאראייניגטן פראנט וועט אוועקגעשטעלט ווערן אויפן טאג־ארדנונג, אלס אומיטלבארע פראקטישע אויפגאבע, וועט די דאזיגע פראגע ווערן אן אנטשיידנדיגער פרובירשטיין פאר דער פאליטיק פון דער סאציאל־דעמאקראטיע אינם געגעבענעם לאנד: אדער מיט דער זיך פאשיזירנדיגער בורזשואזיע געגן דעם ארבעטער־קלאס, אדער מיטן רעוואלוציאנערן פראלעטאריאט געגן דעם פאשיזם און געגן דער רעאקציע—ניט מיטן מויל, נאר אויף אן אמת. אזוי וועט זיך שטעלן די אומפארמיידלעכע פראגע סיי אינם מאמענט פון שאפן די רעגירונג פונם פאראייניגטן פראנט און סיי אינם מאמענט פון איר זיין ביי דער מאכט.

וועגן דעם כאראקטער און די באדינגונגען פון שאפן א רעגירונג פונם פאראייניגטן פראנט אדער פונם אנטי־פאשיסטישן פאלקס־פראנט איז, דוכט מיר, חברים, אינם רעפעראט שוין געזאגט געווארן אלץ, וואס איז נויטיג פאר דער אלגעמיינער טאקטישער אריענטירונג. פארלאנגען, אז מיר זאלן אויסער דעם אנמערקן אלע מעגלעכע מינים און אלע באדינגונגען פון שאפן אזא רעגירונג ,וואלט געמיינט זיך ארייגלאזן אין פרוכטלאזע טרעפענישן.

איך וואלט געוואלטווארענען געגן יעטווידער פאראיינפאכונג און סכעמאטיזם אין דער דאזיגער פראגע. דאס לעבן איז קאמפליצירטער פון אלע סכעמעס. עס איז, למשל, ניט ריכטיג פארצושטעלן די זאך אזוי, אז די רעגירונג פונם אייניהייט־פראנט איז א מוז־עטאפ אויפן וועג צום איינשטעלען די פראלעטארישע דיקטאטור. דאס איז פונקט אזוי ניט ריכטיג, ווי ניט ריכטיג עס איז פריער געווען פארשטעלן די זאך אזוי, אז אין די פאשיסטישע לענדער וועלן ניט זיין קיין שום צווישן־עטאפן און אז די פאשיסטישע דיקטאטור וועט אומבאדינגט דירעקט פארביטן ווערן אויף א פראלעטארישער דיקטאטור.

דער תוך פון דער פראגע באשטייט אין דעם, צי וועט

זיך דער פּראָלעטאַריאַט אַרויסוויזן גרייט אינם אַנטשיידנ־
דיגן מאָמענט אַראָפּצוּוואַרפן די בורזשואַזיע און איינשטע־
לען זיין מאַכט און צי וועט ער קאָנען זיכערן פאַר זיך אינם
דאָזיגן פאַל די אונטערשטיצונג פון זיינע פאַרבינדעטע.
אָדער די באַוועגונג פונם פּראָלעטאַרישן פאַראייניגטן פראָנט
און פונם אַנטי־פאַשיסטישן פאָלקס־פראָנט וועט אויפן געגנ־
בענעם עטאַפּ זיין אימשטאַנד בלויז צו אונטערדריקן אָדער
אַראָפּוואַרפן דעם פאַשיזם. אינם לעצטן פאַל וואָלט דאָס
אָפּזאָגן זיך פון שאַפן און שטיצן אַ רעגירונג פונם איינ־
הייט־פראָנט אָדער פונם פאָלקס־פראָנט צוליב דעם, וואָס
די באַוועגונג וואָלט ניט געקאָנט גיין ווייטער, געוועזן אַ ניט־
דערלאָזבאַרע פּאָליטישע קורצזיכטיגקייט, אָבער ניט קיין
ערנסטע רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיק.

עס איז אויך ניט שווער צו פאַרשטיין, אַז דאָס שאַפן אַ
רעגירונג פונם פאַראייניגטן פראָנט אין די לענדער, וואו דער
פאַשיזם איז נאָך ניט ביי דער מאַכט, איז גאָר אַן אַנדער
זאַך איידער אין די לענדער פון דער פאַשיסטישער דיקטאַ־
טור. אין די פאַשיסטישע לענדער איז עס מעגלעך
בלויז אינם פּראָצעס פון אַראָפּוואַרפן די פאַשיסטישע
מאַכט. אין די לענדער, וואו עס וויקלט זיך פאַנאַנדער די
בורזשואַזיש - דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע, וואָלט די רעגי־
רונג פונם פאָלקס־פראָנט געקאָנט ווערן אַ רעגירונג פון דער
דעמאָקראַטישער דיקטאַטור פונם אַרבעטער־קלאַס און פונם
פּויערטום.

ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן אינם פאָרטראַג, וועלן די
קאָמוניסטן מיט אַלע מיטלען שטיצן די רעגירונג פונם פאַר־
אייניגטן פראָנט, אויף וויפיל זי וועט ווירקלעך קעמפן געגן
די פאָלקס־שונאים, וועט געבן פרייהייט פון טעטיגקייט דער
קאָמוניסטישער פאַרטיי און דעם אַרבעטער־קלאַס, די פראַגע
ווידער וועגן דעם אָנטייל פון די קאָמוניסטן אין דער רע־
גירונג ווענדט זיך אויסשליסלעך פון די קאָנקרעטע באַדינ־
גונגען. אַזוינע פראַגן וועלן געלייזט ווערן אין יעדן פאַל
באַזונדער. קיין שום פאַרטיגע רעצעפּטן קאָן מען דאָ פאַר־
אויס ניט געבן.

וועגן דער באַציאונג צו דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע

אין זיין רעדע האָט חבר לענסקי אָנגעוויזן, אַז אין דער פוילישער פּאַרטיי, וועלכע מאָביליזירט די מאַסן נעגן דעם אָנפאַל פונ'ם פאַשיזם אויף די רעכט פון די אַרבעטנדיגע מאַסן, „האָט אַלץ נאָך געהערשט א מורא פאַר א פּאָזיטיווער פאָרמולירונג פון די דעמאָקראַטישע פאָדערונגען, כדי נישט צו באַשאַפן צווישן די מאַסן קיין דעמאָקראַטישע איִלוזיעס". אַזא מורא פאַר פּאָזיטיווע פאָרמולירונגען פון די דעמאָקראַטישע פאָדערונגען עקזיסטירט אין אַזא אָדער אַנדער פאָרם נישט בלויז אין דער פוילישער פּאַרטיי.

פון וואַנען נעמט זיך אָט־די מורא, חברים? פון ניט־ריכטיגן, אַנטי־דיאַלעקטישן אַוועקשטעלן די פראַגע וועגן דער באַציאונג צו דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע.

מיר, קאָמוניסטן, זיינען פעסטע אָנהענגער פון דער סאָוועטישער דעמאָקראַטיע, וואָס די גרויסע דערפאַרונג אירע האָט געגעבן די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו—פונקט אינם מעאָמענט, ווען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער ווערן ליקווידירט די לעצטע רעשטלעך פון בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, ווערט לויט דער באַשטימונג פונ'ם 7טן סאָוועטן־צוזאַמענפאָר איינגעפירט גלייכע, דירעקטע און געהיימע וואַל־רעכט. די דאָזיגע סאָציאַליסטישע דעמאָקראַטיע הענגט אָפּ פונ'ם זיג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, פון פאַרוואַנדלען דאָס פּריוואַט־אייגנטום פון פּראָדוציר־מיטלען אין א געזעלשאַפטלעך אייגנטום, פונ'ם איבערגאַנג פון דער איבערוועגנדיגער מערהייט פונ'ם פאָלק אויפ'ן וועג פון סאָציאַליזם. די דאָזיגע דעמאָקראַטיע שטעלט מיט זיך ניט פאָר קיין פאַרענדיגטע פאָרם, זי אַנטוויקלט זיך און וועט זיך אַנטוויקלען צוזאַמען מיט די ווייטערדיגע דערפאָלגן פון דער סאָציאַליסטישער בוייאונג, מיט'ן שאַפן די קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט און מיט'ן בייקומען די רעשטלעך פונ'ם קאַפּיטאַליזם אין דער עקאָנאָמיק און אינ'ם באַוואוסטזיין פון די מענטשן.

אָבער היינט מוזן די מיליאָנען אַרבעטנדיגע, וואָס לעבן אין די באַדינגונגען פון קאַפּיטאַליזם, באַשטימען זייער באַ־

ציאונג צו יענע פאָרמען, אין וועלכע עס פאַרשלייערט זיך אין פאַרשיידענע לענדער די הערשאַפט פון דער בורזשואַ־זיע. מיר זיינען ניט קיין אַנאַרכיסטן און אונז איז בשום אופן ניט אַלצאיינס, וואָסער פּאָליטישער רעזשים עס עקזיסטירט אינם געגעבענעם לאַנד: די בורזשואַזע דיקטאַטור אין דער פאָרם פון בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, זאָל זיין מיט די סאַמע ארומגעשניטענע רעכט פון פרייהייט, אָדער א בורזשואַזע דיקטאַטור אין איר אָפענער פאַשיסטישער פאָרם. זייענדיג אָנהענגער פון דער סאָוועטישער דעמאָקראַטיע, וועלן מיר פאַרטיידיגן יעדן שפּאַן פון דעמאָקראַטישע דעראָבע־רונגען, וועלכע דער ארבעטער־קלאַס האָט ארויסגעריסן דורך יאָרן פון עקשנות'דיגן קאַמף און מיר וועלן אנט־שיידן זיך שלאָגן פאר זייער פאַרברייטערונג.

וויפיל קרבנות האָט געבראַכט דער ארבעטער־קלאַס פון ענגלאַנד ביז ער האָט זיך דעראָבערט דאָס רעכט פון סטריי־קען, די לעגאַלע עקזיסטענץ פון זיינע טרעיד־יוניאָנס, די פרייהייט פון פאַרזאַמלונג און פרעסע, די אויסברייטערונג פון וואַל־רעכט א. א. וו.! וויפיל צענדליגער טויזנטער אר־בעטער אין פראַנקרייך האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס אין די רעוואָלוציאָנערע שלאַכטן פון דעם 19טן יאָרהונדערט, כדי צו געווינען עלעמענטאַרע רעכט און לעגאַלע מעגלעכ־קייטן צו אָרגאַניזירן זייערע כחות אין קאַמף געגן זייערע באַצווינגער! דער פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט האָט פאַרגאָסן געגנוג בלוט צו דעראָבערן די בורזשואַז־דע־מאָקראַטישע פרייהייטן און עס איז פאַרשטענדלעך, אז ער וועט מיט אַלע כחות קעמפן זיי אָנצוהאַלטן.

אונזער באַציאונג צו דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע איז ניט ביי אַלע באַדינגונגען איינע און די זעלבע. למשל, בעת דער אָקטאָבער רעוואָלוציע האָבן די רוסישע באָלשע־וויקעס געפירט א קאַמף אויף לעבן און טויט געגן יענע אַלע פּאָליטישע פאַרטייען, וואָס זיינען אונטער דער פאָן פון באַ־שיצן די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע ארויסגעטראָטן געגן איינ־שטעלן די פּראָלעטארישע דיקטאַטור. די באָלשעוויקעס האָבן געקעמפט געגן די דאָזיגע פאַרטייען דערפאַר, ווייל די פאָן פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע איז דאַן געוואָרן די פאָן

פון מאָביליזירן אַלע קאָנטר - רעוואָלוציאָנערע כחות צום קאַמף געגן דעם זיג פון דעם פּראָלעטאַריאַט. אַן אַנדער לאַגע איז איצט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. איצט אַטאַקירט די פאַשיסטישע קאָנטר־רעוואָלוציע די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע, שטרעבנדיג איינצושטעלן איבער די אַרבעטנדיגע דעם רעזשים פון דער סאַמע באַרבאַרישער עקספּלואַטאַציע און פון אונטערדריקן זיי. איצט מוזן די אַרבעטנדיגע מאַסן אין אַ ריי קאַפּיטאַליסטישע לענדער אויסקלייבן קאָנקרעט ביי היינטיגן טאָג ניט צווישן פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, נאָר צווישן בורזשואַזער דעמאָקראַטיע און פאַשיזם.

צווייטנס, איז איצט אַן אַנדער לאַגע, איידער עס איז געווען, למשל, אין דער עפּאָכע פון דער סטאַביליזאַציע פונם קאַפּיטאַליזם. דאַן איז ניט געווען אַזאַ אַקטועלע פאַשיסטישע געפאַר, ווי אינ׳ם איצטיגן מאָמענט. דאַן האָבן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער געהאַט אין די לענדער פאַר זיך די בורזשואַזע דיקטאַטור אין דער פאָרם פון בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, געגן וועלכער זיי האָבן קאָנצענטרירט זייער הויפּט־פייער.

אין דייטשלאַנד האָבן זיי געקעמפט געגן דער ווייםאַרער רעפּובליק ניט דערפאַר, וואָס זי איז געווען אַ רעפּובליק, נאָר דערפאַר, וואָס זי איז געווען אַ בורזשואַזע רעפּובליק, וועלכע האָט אונטערדריקט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט, באַזונדערס אין די יאָרן 1918 — 1920—1923.

האָבן אָבער די קאָמוניסטן געקאָנט בלייבן אויף אָט־דער פּאָזיציע אויך דעמאָלט, ווען די פאַשיסטישע באַוועגונג האָט גענומען אויפהויבן דעם קאָפּ, ווען אין 1932 האָבן די פאַשיסטן אין דייטשלאַנד, למשל, אָרגאַניזירט און באַוואָפנט הונדערטער טויזנטער שטורם־טרופּערס געגן דעם אַרבעטער־קלאַס? אודאי ניט. דער פעלער פון די קאָמוניסטן אין אַ ריי לענדער און באַזונדערס אין דייטשלאַנד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן ניט גענומען אין אַכט די פאַרגעקומענע ענדערונגען און האָבן ווייטער אַלץ איבערגע׳חזר׳ט יענע לאָזונגען און זיינען אַלץ פאַרבליבן ביי יענע טאַק־

טישע פּאָזיציעס, וואָס זיינען געווען ריכטיג מיט עטלעכע יאָר צוריק, באַזונדערס אינ'ם מאָמענט, ווען דער קאַמף פאַר פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור האָט געטראָגן אַן אַקטועלן כאַראַקטער און ווען אונטער דער פאָן פון דער וויימאַרער רעפּובליק (ווי דאָס איז געווען אין די יאָרן 1918—1920), האָט זיך גרופּירט די גאַנצע דייטשישע קאָנטר־רעוואָלוציע.

און דער פאַקט, וואָס עס קומט נאָך אויס ביי היינטיגן טאָג צו פאַרצייכענען אין אונזערע רייען אַ מורא פאַר ארויס־שטעלן פּאָזיטיווע דעמאָקראַטישע פאָדערונגען, זאָגט בלויז עדות, אויף וויפיל אונזערע חברים האָבן נאָך ניט באַהערשט דעם מאַרקס־לענינישן מעטאָד אינ'ם צוגאַנג צו אַזוינע וויכ־טיגע פראַגן פון אונזער טאַקטיק. אייניגע זאָגן, אַז דער קאַמף פאַר דעמאָקראַטישע רעכט קאָן אָפּציען די אַרבעטער פונ'ם קאַמף פאַר פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. עס וועט זיין נוצלעך צו דערמאָנען, וואָס לענין האָט געזאָגט וועגן דעם:

> עס וואָלט געווען אַ גרונט־פעלער צו מיינען, אַז דער קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע איז מסוגל אָפּצוציען דעם פּראָ־לעטאַריאַט פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, אָדער פאַרשטעלן, פאַרטונקלען זי און דאָס גלייכן. פאַרקערט. פונקט ווי עס איז אוממעגלעך דער זיגרייכער סאָציאַליזם, אויב ער פאַרווירקלעכט ניט די פולשטענדיגע דעמאָקראַ־טיע, אַזוי קאָן זיך ניט צוגרייטן צום זיג איבער דער בור־זשואַזיע דער פּראָלעטאַריאַט, אויב ער פירט ניט קיין אַלזייטיגן קאַמף פאַר דער דעמאָקראַטיע" (באַנד 19, זייט 38).

די דאָזיגע ווערטער דאַרפן פעסט אין זינען האָבן אַלע אונזערע חברים, נעמענדיג אין אַכט, אַז פון די קליינע באַוועגונגען צו באַשיצן די עלעמענטאַרע רעכט פונ'ם אַר־בעטער־קלאַס זיינען אין דער געשיכטע אויסגעוואַקסן גרוי־סע רעוואָלוציעס. אָבער כדי צו קאָנען פאַרבינדן דעם קאַמף פאַר דעמאָקראַטישע רעכט מיט'ן קאַמף פונ'ם אַרבע־טער קלאַס פאַר'ן סאָציאַליזם, דאַרף מען קודם כל זיך באַ־פרייען פונ'ם סכעמאַטישן צוגאַנג צו דער פראַגע וועגן באַ־שיצן די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע. (אַפּלאָדיסמענטן).

האָבן אַ ריכטיגע ליניע איז נאָך ניט גענוג

חברים! אויסאַרבעטן אַ ריכטיגע ליניע איז, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, דער עיקר פאַר׳ן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און פאַר יעדערער פון זיינע סעקציעס. אָבער אַ ריכטיגע ליניע אַליין איז נאָך ניט גענוג, כדי אָנצופירן קאָנקרעט מיט׳ן קלאַסן־קאַמף.

צוליב דעם איז נויטיג אויסצופילן אַ ריי באַדינגונגען און קודם כל פאָלגנדיגע:

דאָס ערשטע איז אָרגאַניזאַציאָנעל צו זיכערן די דורכפירונג פון די אָנגענומענע באַשלוסן אין דער גאַנצער פראַקטישער אַרבעט און אַנטשיידן בייקומען אַלע שטערונגען, וואָס שטייען אויפ׳ן וועג. דאָס וואָס חבר סטאַלין האָט געזאָגט אויפ׳ן 17טן צוזאַמענפאָר פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פאַרטיי וועגן די באַדינגונגען פון דורכפירן די פאַרטיי־ליניע, קאָן מען און מען דאַרף איינגאַנצן און פולשטענדיג אָנווענדן אויך צו די באַשלוסן, וואָס אונזער קאָנגרעס נעמט אָן:

„איינינגע מיינען, — האָט געזאָגט חבר סטאַלין, — אַז עס איז גענוג אויסצואַרבעטן אַ ריכטיגע פאַרטיי־ליניע, פּראָקלאַמירן זי אין דער עפנטלעכקייט, פאָרמולירן זי אין דער פאָרם פון אַלגעמיינע טעזיסן און רעזאָלוציעס און אָפּשטימען זי איינשטימיג, כדי דער זיג זאָל קומען פון זיך אַליין, אַזוי צו זאָגן, מיט׳ן זעלבסטשטראָם. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט ריכטיג. דאָס איז אַ גרויסער טעות. אַזוי קאָנען טראַכטן בלויז פאַרפאַלענע ביוראָקראַטן און קאַנצעליאַריסטן.

„גוטע רעזאָלוציעס און דעקלאַראַציעס פאַר דער גענעראַלער פאַרטיי־ליניע — דאָס איז בלויז אַן אָנהויב פון דער זאַך, ווייל זיי באַדייטן בלויז דעם פאַרלאַנג צו זיגן, אָבער ניט דעם זיג גופא. נאָך דעם, ווי עס איז געגעבן געוואָרן אַ ריכטיגע ליניע, נאָך דעם, ווי עס איז געגעבן געוואָרן די ריכטיגע לייזונג פון דער פראַגע, הענגט אָפּ דער דערפאָלג פון דער זאַך פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, פון דער אָרגאַניזירונג פונ׳ם קאַמף צו דורכפירן

אין לעבן די פּאַרטיי־ליניע, פון׳ם ריכטיגן אָפּקלייבן די מענטשן, פון נאָכקאָנטראָלירן ווי אַזוי די אָנפירנדיגע אָרגאַנען פילן אויס די באַשלוסן. אָן דעם ריזיקירט די ריכטיגע פּאַרטיי - ליניע און די ריכטיגע באַשלוסן צו ליידן אַן ערנסטן שאָדן. נאָך מער: נאָכדעם, ווי עס איז געגעבן געוואָרן די ריכטיגע פּאָליטישע ליניע, לייזט די אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט אַלץ, דאַרונטער אויך דעם שיקזאַל פון דער פּאָליטישער ליניע גופא — איר אויס־פילונג אָדער איר דורכפאַל". (י. סטאַלין, פראַגן פון לע־ניניזם, 10טע רוסישע אויפלאַגע, זייט 589—590).

עס איז קוים נויטיג צוצוגעבן וואָס ניט איז צו די דאָ־זיגע מערקווירדיגע ווערטער פון׳ם חבר סטאַלין, וואָס דאַרפן ווערן דער אָנפירנדיגער פּרינציפּ אין דער גאַנצער אַרבעט פון אונזערע פּאַרטייען.

דער צווייטער באַדינג איז — קאָנען מאַכן די באַ־שלוסן פון קאָמינטערן און פון זיינע סעקציעס פאַר די באַשלוסן פון די ברייטסטע מאַסן. דאָס איז נאָך מער נויטיג איצט, ווען פאַר אונז שטייט די אויפגאַבע צו שאַפן דעם פאַראייניגטן פראָנט פון׳ם פּראָלעטאַריאַט און אריינ־ציען די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן אין אַנטי־פאַשיסטישן פאָלקס־פראָנט. דער פּאָליטישער און טאַקטישער זשעני פון לענין און סטאַלין טרעט אַרויס צום באַשיינפּערלעכסטן און בולט׳סטן אין דער מייסטערהאַפטער פייאיגקייט צו מאַכן די מאַסן דורך זייער אייגענער דערפאַרונג צו באַנעמען די ריכטיגקייט פון דער ליניע און פון די לאָזונגען פון דער פּאַרטיי. אויב מען זאָל דורכקוקן די גאַנצע געשיכטע פון באָלשעוויזם — אָט די רייכסטע שאַץ־קאַמער פון פּאָלי־טישער סטראַטעגיע און טאַקטיק פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער - באַוועגונג, וועט מען זיך קאָנען איבערציינגן, אַז די באָלשעוויקעס האָבן קיינמאָל ניט פאַרביטן די מעטאָדן פון אָנפירן מיט די מאַסן אויף די מעטאָדן פון אָנפירן מיט דער פּאַרטיי.

חבר סטאַלין האָט אָנגעוויזן, ווי אויף איינער פון די איינגנטימלעכקייטן אין דער טאַקטיק פון די רוסישע באָלשע־

וויקעס אינ'ם פעריאָד פון צוגרייטן די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אז זיי האָבן ריכטיג געקאָנט באשטימען יענע וועגן און קער־פונקטן, וואָס ברייננגען אויף א נאַטירלעכן אופן די מאַסן צו די פּאַרטיי־לאָזונגען, צום סאמע „שוועל פון דער רעוואָלוציע", מיטהעלפנדיג זיי צו דערשפּירן, אויספּרואוון, דערקענען אויף זייער אייגענער דערפאַרונג די ריכטיגקייט פון די דאָזיגע לאָזונגען; אז זיי האָבן ניט צונויפגעמישט די פּאַרטיי - אָנפירונג מיט דער אָנפירונג מיט די מאַסן און האָבן קלאָר געזען דעם אונטערשייד צווישן דעם ערשטן סאָרט אָנפירונג און דעם צווייטן, אנטוויקלענדיג אזוי ארום די טאַקטיק ניט בלויז אלס וויסנשאַפט וועגן פּאַרטיי־אָנפירונג, נאָר אויך וועגן דער אָנפירונג מיט די מיליאָניגע מאַסן ארבעטנדיגע.

ווייטער איז נויטיג צו נעמען אין אכט, אז פאַר די ברייטע מאַסן איז אוממעגלעך צו באַנעמען אונזערע באַשלוסן, אויב מיר וועלן זיך ניט אויסלערנען ריידן אויף א שפּראַך וואָס איז פאַרשטענדלעך פאַר די מאַסן. ווייט ניט אַלעמאָל קאָנען מיר ריידן איינפאַך, קאָנקרעט, אין בילדער, וואָס זיינען נאָענט און פאַרשטענדלעך פאַר די מאַסען. מיר קאָנען זיך נאָך אַלץ ניט אָפּזאָגן פון די איינגעחזר'טע און אבסטראַקטע פאָרמולעס. אין דער אמת'ן, קוקט זיך צו צו אונזערע בלעטלעך, צייטונגען, רעזאָלוציעס און טעזיסן און איר וועט זען, אז זיי זיינען אָפטמאָל אָנגעשריבן מיט אזא שפּראַך, זיינען אזוי שווער פאָרמולירט, אז זיי זיינען שווער צו פאַרשטיין אפילו פאַר די פונקציאָנערן פון אונזערע פּאַרטייען, שוין ניט ריידנדיג וועגן די דורכשניטלעכע ארבעטער.

אויב מען זאָל א טראַכט טאָן, חברים, אז באַזונדערס אין די פאַשיסטישע לענדער ריזיקירן מיט'ן לעבן די ארבעטער, וואָס פאַרשפּרייטן און לייענען די דאָזיגע בלעטלעך, דאַן וועט אונז ווערן איננאַנצן קלאָר די נויטיגקייט צו שרייבן פאַר די מאַסן אויף א פאַרשטענדלעכער שפּראַך, כדי די געבראַכטע קרבנות זאָלן אזוי ארום ניט זיין אומזיסט.

ניט אין קיין קלענערער מאָס באַציט זיך עס צו אונזער מינדלעכער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. אין דער הינזיכט

דאַרף מען מיט דער גאַנצער אָפנהאַרציגקייט אנערקענען, אַז די פאַשיסטן ווייזן זיך אָפּטמאָל אַרויס פלינקער און בויגעוודיגער, ווי פיל פון אונזערע חברים.

איך דערמאָן זיך, למשל, איין פאַרזאַמלונג פון אַרבעטלאָזע אין בערלין, איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. דאָס איז געווען בשעת דעם פּראָצעס פון די באַוואוסטע אַפעריסטן און ספּעקולאַנטן די ברידער סקליאַרעק, וואָס האָט זיך געצויגן עטלעכע חדשים. דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער רעדנער, וואָס איז אַרויסגעטראָטן אויף דער פאַרזאַמלונג, האָט אויסגענוצט דעם דאָזיגן פּראָצעס פאַר זיינע דעמאַגאָגישע צילן. ער האָט אָנגעוויזן אויף די אַפּערעס, כאַבאַרן און אַנדערע פאַרברעכנס, וואָס די ברידער סקליאַרעק זיינען באַגאַנגען. ער האָט באַטאָנט, אַז דער פּראָצעס גייען זיי ציט זיך חדשים־לאַנג. ער האָט אויסגערעכנט וויפיל הונדערטער טויזנטער מאַרק ער האָט שוין אָפּגעקאָסט דעם דייטשישן פאָלק. און אונטער די הויכע אַפּלאָדיסמענטן פון די אָנוועזנדיגע האָט ער געמאָלדן, אַז אַזוינע באַנדיטן, ווי סקליאַרעק, וואָלט מען געדאַרפט אָן שום פאַרשלעפּעניש דערשיסן און דאָס געלט וואָס איז פאַרווענדעט געוואָרן אויפ׳ן פּראָצעס, אָפּגעבן די אַרבעטלאָזע.

הויבט זיך אויף אַ קאָמוניסט און בעט אַ וואָרט. דער פאָרזיצער זאָגט אים צוערשט אָפּ, נאָר אונטער׳ן דרוק פון די אָנוועזנדיגע, וואָס האָבן געוואָלט אויסהערן אַ קאָמוניסט, איז ער געצוואונגען אים דאָס וואָרט צו געבן. ווען דער קאָמוניסט האָט זיך אויפגעהויבן אויף דער טריבונע, האָבן אַלע אָנוועזנדיגע אָנגעשפּיצט די אויערן, וואַרטנדיג, וואָס אַזוינס וועט זאָגן דער קאָמוניסטישער רעדנער. וואָס, מיינט איר, האָט ער געזאָגט?

„חברים! — האָט ער דערקלערט מיט אַ שטאַרקער און פעסטער שטימע. — נאָר וואָס האָט זיך געענדיגט דער פּלענום פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. ער האָט אָנגעוויזן די וועגן ווי אַזוי צו ראַטעווען דעם אַרבעטער־קלאַס. די הויפּט־אויפגאַבע, וואָס איך שטעל פאַר אייך איז, חברים, דערגאָבערן די מערהייט פונ׳ם אַרבעטער־קלאַס (געלעכטער). דער פּלענום האָט אָנגעוויזן,

אז די באוועגונג פון די ארבעטלאָזע דאַרף מען „פּאָלי־טיזירן" (געלעכטער). דער פּלענום רופט אויפצוהויבן זי אויף דער העכערער שטופע" (געלעכטער)...

אין זעלבן גייסט האָט דער רעדנער גערעדט ווייטער, מיינענדיג, אפנים, אז ער גיט צו פארשטיין די ווירקלעכע באשלוסן פונ'ם פּלענום.

האָט אזא רעדע געקאָנט פארכאַפּן די ארבעטלאָזע? האָט זיי געקאָנט באַפרידיגן, אז מען קליבט זיך זיי צוערשט פּאָליטיזירן, נאָכדעם רעוואָלוציאָניזירן און דערנאָך מאָבי־ליזירן, כדי אויפהויבן זייער באוועגונג אויף דער העכסטער שטופע? (געלעכטער, אַפּלאָדיסמענטן).

זיצנדיג אין א ווינקל, האָב איך זיך פּערזענלעך מיט הארץ־ווייטאָג צוגעקוקט, ווי אזוי די אָנוועזנדיגע ארבעט־לאָזע, וואָס האָבן אזוי שטאַרק געוואָלט אויסהערן דעם קאָ־מוניסט, כדי צו דערוויסן זיך פון אים וואָס זיי דאַרפן קאָנ־קרעט טאָן, — האָבן אָנגעהויבן גענעצן און ארויסווייזן אָפענע אַנטוישונג. און מיך האָט גאָרניט פארוואונדערט, ווען צום סוף האָט דער פּאָרזיצער אויף א גראָבן אופן אָפּ־גענומען דאָס וואָרט ביי אונזער רעדנער אָן א וועלכן ניט איז פּראָטעסט פון דער פאַרזאַמלונג...

דאָס איז, צום באַדויערן, ניט דער איינציגער פאַל אין אונזער אַגיטאַציע. אזוינע פאַלן זיינען געווען ניט בלויז אין דייטשלאַנד. אזוי אַגיטירן, חברים, הייסט — אַגיטירן געגן זיך. צי איז שוין ניט צייט צו מאַכן איינמאָל פאַר אַלע־מאָל א סוף צו אזא, איר זאָלט מיר מוחל זיין, קינדערישן מעטאָד פון אַגיטאַציע, אויב ניט געברויכן א שאַרפערן אויסדרוק.

בשעת מיין רעפעראַט האָט דער פּאָרזיצער, חבר קוסי־נען, באַקומען פון זיצונג־זאַל פון קאָנגרעס א כאַראַקטע־ריסטישן בריוו, אַדרעסירט צו מיר. איך וועל אים פאָר־לייענען:

„בשעת אייער אַרויסטרעטונג אויפ'ן קאָנגרעס בעט איך באַרירן איין פראַגע, נעמלעך, אז אויף ווייטער זאָ־לען אַלע באַשלוסן און באַשטימונגען פון קאָמינטערן זיין אזוי געשריבן, אז ניט בלויז צוגעגרייטע קאָמוניסטן

זאָלן זיך קאָנען פֿאַנאַנדערקלייבן, נאָר אַז יעטווידער אַרבעטנדיגער, אָן שום צוגרייטונג, זאָל לייענענדיג דעם מאַטעריאַל פֿון קאָמינטערן זיך גלייך פֿאַנאַנדערקלייבן, וואָס ווילן די קאָמוניסטן און וואָס פֿאַר א נוץ גיט דער קאָמוניזם דער מענטשהייט. וועגן דעם פֿאַרגעסן איינינע פֿאַרטייאישע אָנפֿירנדיגע שיכטן. מען דאַרף זיי דערמאָנען און טאַקע זייער פֿעסט דערמאָנען, אַז די אַגיטאַציע פֿאַר'ן קאָמוניזם זאָלן זיי פֿירן אויף א פֿאַרשטענדלעכער שפּראַך".

ווער עס איז דער שרייבער פֿונ'ם דאָזיגן בריוו, איז מיר געננוי ניט באַוואוסט, אָבער איך צווייפֿל ניט, אַז דער דאָזיגער חבר האָט מיט זיין בריוו אויסגעדריקט די מיינונג און דעם וואונטש פֿון מיליאָנען אַרבעטער. פֿיל חברים אונזערע מיינען, אַז זיי אַגיטירן און פּראָפּאַגאַנדירן אַלץ בעסער, וואָס מער זיי געברויכן מליצה־דיגע ווערטער, פֿאָרמולעס און טעזיסן, וואָס זיינען ניט פֿאַרשטענדלעך פֿאַר די מאַסן, פֿאַרגעסנדיג דערביי, אַז גראָד די גרעסטע פֿירער און טעאָרעטיקער פֿונ'ם אַרבעטערקלאַס פֿון אונזער עפּאָכע — לענין און סטאַלין—האָבן שטענדיג גערעדט און געשריבן אויף דער סאַמע פֿאַרשטענדלעכער שפּראַך פֿאַר די ברייטע מאַסן.

יעדערער פֿון אונז דאַרף פֿעסט באַנעמען ווי א געזעץ, ווי א באָלשעוויסטישן געזעץ, דעם עלעמענטאַרן כלל:

> ווען דו שרייבסט אָדער דו רעדסט—שטענדיג דאַרף מען טראַכטן וועגן דעם מאַסאָוון אַרבעטער, וואָס דאַרף דיך פֿאַרשטיין, וואָס דאַרף גלויבן דיין רוף און מיט גרייטקייט נאָכגיין נאָך דיר! מען דאַרף טראַכטן וועגן דעם, פֿאַר וועמען דו שרייבסט און צו וועמען דו רעדסט. (אַפּלאָדיסמענטן).

וועגן קאַדרען

חברים, די בעסטע באַשלוסן אונזערע וועלן פֿאַרבלייבען אויפֿ'ן פּאַפּיר, אויב עס זיינען ניטאָ די מענטשן,

וואָס זאָלן זיי קאָנען דורכפירן אין לעבן. אָבער איך מוז פעסטשטעלן, אַז איינע פון די וויכטיגסטע פראַגן, די פראַגע וועגן קאַדרען (קרייזן טוער) איז דורכגעגאַנגען אויף אונזער קאָנגרעס כמעט אָן שום אויפמערקזאַמקייט. דער באַריכט פונ׳ם אויספיר־קאָמיטעט פון קאָמינטערן איז באַהאַנדלט געוואָרן אין פאַרלויף פון זיבן טעג. עס האָבן גערעדט פיל רעדנער פון פאַרשיידענע לענדער. און בלויז איינציגע האָבן פאַרבייגייענדיג זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ראַזיגער אויסערגעוויינלעך - וועזנטלעכער פראַגע פון אונזער פּאַרטיי און פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. אונזערע פּאַרטייען האָבן אין זייער פּראַקטיק נאָך ווייט ניט אָנערקענט, אַז די מענטשן, די קאַדרען לייזן די זאַך. זיי קאָנען ניט, ווי עס לערנט אונז חבר סטאַלין, אויסהאָדעווען קאַדרען, „ווי א סעדער האָדעוועט א באַליבטן פרוכט־בוים". „שאַצן די מענטשן, שאַצן די קאַדרען, שאַצן יעדן טוער, וואָס איז פעיאיג ברענגען נוצן דער אַלגעמיינער זאַך".

די ביטול׳דיגע באַציאונג צו דער פראַגע וועגן קאַדרען איז נאָך מער ניט־דערלאָזבאַר, ווייל מיר פאַרלירן בסדר א טייל פון אונזערע ווערטפולע קאַדרען אינ׳ם קאַמף. ווארים, מיר זיינען ניט קיין וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפט, נאָר א שלאַכט־באַוועגונג, וואָס געפינט זיך בסדר אויף דער פייער־ליניע. די סאַמע ענערגישע, סאַמע מוטיגע און באַוואוסטזיניגע עלעמענטן ביי אונז געפינען זיך אין די ערשטע רייען. דער שונא מאַכט די אַטאַקע גראַד אויף זיי, וואַרפט אין די טורמעס, אין די קאָנצענטראַציע - לאַגערן, פּייניגט זיי מערדערלעך — באַזונדערס אין די פאַשיסטישע לענדער. דאָס רופט אַרויס מיט א באַזונדערער שאַרפקייט די נויטיגקייט שטענדיג צו קאָמפּלעקטירן, האָדעווען, דערציען נייע קאַדרען ווי אויך זאָרגזאַם איינהיטן די פאַראַנענע קאַדרען.

די פראַגע וועגן קאַדרען באַקומט נאָך א באַזונדערע שאַרפקייט אויך דערפאַר, ווייל אונטער אונזער ווירקונג וויקלט זיך פאַנאַנדער די מאַסן־באַוועגונג פונ׳ם פאַראייניגטן פראָנט, וואָס רוקט אַרויס פיל טויזנטער נייע פראַ־

לעטאַרישע אַקטיוויסטן. דערביי פּליסן אַריין אין די רייען פון אונזערע פּאַרטייען ניט בלויז יונגע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, די זיך־רעוואָלוציאָניזירנדיגע אַרבעטער, וואָס האָבן פריער זיך קיינמאָל ניט באַטייליגט אין דער פּאָליטישער באַוועגונג. צו אונז גייען אָפטמאָל אויך געוועזענע מיטגלידער און אַקטיוויסטן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען. די דאָזיגע נייע קאַדרען פאָדערן צו זיך א ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט, באַזונדערס אין די אומלעגאַלע פּאַרטייען, דערהויפּט נאָך, ווען די דאָזיגע טעאָרעטיש שוואַך ־ צוגעגרייטע קאַדרען ווערן ניט זעלטען שוין געשטעלט אויף זייער פּראַקטישער אַרבעט פאַר אויסערסט ־ ערנסטע פּאָליטישע פּראָבלעמען, וועלכע זיי אַליין דאַרפן לייזן.

די פראַגע וועגן דער ריכטיגער קאַדרען־פּאָליטיק איז פאַר אונזערע פּאַרטייען און אויך פאַר דער קאָמוניסטישער יוגנט־ליגע און פאַר אַלע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, פאַר דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, די סאַמע אַקטועלע פראַגע.

ערשנס איז נויטיג צו קענען די מענטשן. אין אונזערע פּאַרטייען איז, אַלס כּלל, ניטאָ קיין סיסטעמאַטישע דערלערנונג פון די קאַדרען. ערשט די לעצטע צייט האָבן די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון פראַנקרייך און פּוילן, און אין מזרח — די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון כינע — זיך דערשלאָגן געוויסע דערפאָלגן אין דער דאָזיגער ריכטונג. אין איר צייט האָט די דייטשע קאָמוניסטישע פּאַרטיי,—ביז זי איז געוואָרן אומלעגאַל—זיך פאַרנומען מיט דערלערנען אירע קאַדרען. און די דערפאַרונג פון די פּאַרטייען האָט באַוויזן, אַז אַזוי שנעל ווען מען האָט אָנגעהויבן דערלערנען די מענטשן, האָט מען אָנגעהויבן אַנטדעקן טוער, וואָס מען האָט פריער ניט באַמערקט, און פון דער אַנדער זייט האָבן די פּאַרטייען זיך אָנגעהויבן אָפּרייניגן פון פרעמדע עלעמענטן, וואָס זיינען אידעאָלאָגיש און פּאָליטיש געווען פאַר זיי שעדלעך. עס איז גענוג אָנצואווייזן אויף די ביישפּילן פון סעלאָר און באַרבע אין פראַנקרייך. ווען מען האָט זיי גענומען אונטער׳ן

באָלשעוויסטישן מיקראָסקאָפּ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זיינען געווען אַגענטן פון קלאַסן־שונא. אין פּוילן און אויך אין אונגאַרן האָט דאָס איבערקאָנטראָלירן די קאַדרען לייכטער געמאַכט אויפצודעקן פּראָוואָקאַטאָרישע נעסטן, אַגענטן פונ׳ם שונא, וועלכע האָבן זיך זאָרגפעלטיג צוגעדעקט.

צווייטנס, איז נויטיג ריכטיג אַרויסרוקן די קאַדרען. דאָס אַרויסרוקן דאַרף זיין ניט צופעליג, נאָר איינע פון די נאָרמאַלע פונקציעס פון דער פּאַרטיי. עס איז שלעכט, אויב דאָס אַרויסרוקן קומט פאָר אויסשליסלעך צוליב אינערלעך - פּאַרטייאישע מאָטיוון און עס ווערט ניט גענומען אין אַכט, צי האָט דער אַרויסגערוקטער קאָמוניסט א פאַרבינדונג מיט די מאַסן. ביים אַרויסרוקן דאַרפן אַלס ריכט־ליניע גענומען ווערן אין אַכט סיי די אינערלעך־פּאַרטייאישע אינטערעסן, סיי די פּאָפּולערקייט פון די אַרויסגערוקטע קאַדרען ביי די מאַסן. מיר האָבן אין אונזערע פּאַרטייען ביישפּילן פון אַרויסרוקן טוער, וואָס האָבן געגעבן אויסגעצייכנטע רעזולטאַטן. אין פּרעזידיום פון אונזער קאָנגרעס, צום ביישפּיל, זיצט די שפּאַנישע קאָמוניסטקע, חבר׳טע דאָלאָרעס. מיט צוויי יאָר צוריק איז זי נאָך געשטאַנען ביי אַרבעט אין די אונטערשטע רייען. אָבער אין די ערשטע צוזאַמענשטויסן מיט׳ן קלאַסן־שונא האָט זי זיך אַרויסגעוויזן פאַר א גלענצענדן אַגיטאַטאָר און קעמפער. ווען מען האָט איר אַרויסגערוקט העכער, אין דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי, האָט זי זיך אַרויסגעוויזן פאַר אירן א בכבוד׳יגן מיטגליד (אַפּלאָדיסמענטן).

איך וואָלט געקאָנט אָנווייזן אויף א גאַנצע ריי אַזעלכע פאַלן אין עטלעכע אַנדערע לענדער.

אָבער אין די מייסטע פאַלן קומט פאָר דאָס אַרויסרוקן טוער ניט־אָרגאַניזירט, צופעליג, און דעריבער ניט אַלעמאָל געלונגען. אַמאָל רוקט מען אַרויס אַלס אָנפירער פראַזיאָרן, גריבלער. פּלאַפּלער, וועלכע ברייינגען פשוט שאָדן דער אַרבעט.

דריטנס, דאַרף מען געניט אויסנוצן די קאַדרען.

מען דארף קענען געפינען און אויסנוצן די ווערטפולע מעלות ביי יעדן באזונדערן אקטיוויסט, ווייל קיין אידעאַלע מענטשן זיינען ניטאָ: מען דארף זיי נעמען אזוי ווי זיי זיינען, אויסבעסערנדיג זייערע שוואכקייטן און פעלערן. מיר ווייסן אין אונזערע פארטייען וועגן שרייענדיגע ביישפילן, ווי אזוי מען האָט ניט ווי געהעריג אויסגענוצט גוטע, אָרנטלעכע קאָמוניסטן, וועלכע וואָלטן געקענט ברייגנען ערנסטן נוצן, ווען מען וואָלט זיי אוועקגעשטעלט אויף אן ארבעט, וואָס וואָלט געווען מער אנטשפרעכנדיג פאר זיי.

פערטנס, איז נויטיג ריכטיג פאנאנדערצושטעלן די קאדרען. קודם כל איז נויטיג, אז אויף די שליסל־פּאָזיציעס פון דער באוועגונג זאָלן זיך געפינען פעסטע מענטשען, וואָס זיינען פארבונדן מיט די מאסן, וואָס זיינען ארויסגעקומען פון זייערע טיפעניש, וואָס פארמאָגן איניציאטיווע און שטאנדהאפטיגקייט; אז אין די גרעסטע צענטערן זאָל זיין א געהעריגע צאָל אזוינע אקטיוויסטן. אין די קאפּיטאליסטישע לענדער איז דאָס אריבערוואָרפן טוער פון איין אָרט אויפ'ן אנדערן ניט פון די לייכטע זאכן. די אויפגאבע שטויסט זיך דאָ אָן אויף א גאנצער ריי שטערונגען און שוועריגקייטן, דערין אויך פראגן פון מאטעריעלן און פאמיליען - כאראקטער, און אזוי ווייטער, שוועריגקייטן וואָס מען דארף נעמען אין אכט און בייקומען אויף א געהעריגן אופן,—וואָס עס ווערט ביי אונז אינגאנצן ניט געטאָן.

פינפטנס, עס איז נויטיג סיסטעמאטישע הילף די קאדרען. די דאָזיגע הילף דארף באשטיין אין זאָרגעוודיג אינסטרוקטירן, אין א חבר'שן קאָנטראָל, אין פארריכטן די חסרונות און פעלערן, אין דער קאָנקרעטער טאָג־טעגלעכער אָנפירונג מיט די קאדרען.

זעקסטנס, איז נויטיג צו זאָרגן וועגן פארהיטן די קאדרען. עס איז נויטיג צו קענען אין צייט אָפּפירן די קאדרען ווייטער פון פראָנט, פארבייטן זיי מיט נייע, אויב דאָס פאָדערן די אומשטענדן. מיר דארפן פאָדערן—באזונדערס אין די אומלעגאלע פארטייען — די גרעסטע

פאראנטוואָרטלעכקייט פון דער אָנפירונג פאַר פאַרהיטן די קאדרען (אָפּלאָדיסמענטן). די ריכטיגע פאַרהיטונג פון קאדרען זעט פאַרוים אויך די סאמע ערנסטע אוועקשטעלונג פון דער קאָנספּיראַציע אין דער פּאַרטיי. אין איינע פון אונזערע פּאַרטייען האַלטן די חברים, אַז די פּאַרטייען זיינען שוין צוגעגרייט צו אַן אומלעגאַלער עקזיסטענץ דערמיט, וואָס זיי האָבן זיך איבערגעבויט סכעמאַטיש, פאָרמעל. אונז איז אויסגעקומען טייער צו באַצאָלן דערפאַר, וואָס דאָס אמת'ע איבערבויען די פּאַרטיי האָט זיך אָנגעהויבן ערשט דעמאָלט, ווען מיר זיינען שוין געוואָרן אומלעגאַל, אונטער די אוממיטלבאַרע קלעפּ פון שונא. דערמאָנט זיך נאָר, ווי טייער עס האָט געקאָסט דאָס אַריבערגיין פון דער דייטשער פּאַרטיי אויף אַן אומלעגאַלער עקזיסטענץ! אָט די דערפאַרונג דאַרף זיין אַן ערנסטע וואָרנונג פאַר יענע אונזערע פּאַרטייען, וועלכע זיינען נאָך היינט לעגאַל, אָבער וועלכע קאָנען מאָרגן זייער לעגאַליטעט פאַרלירן.

נאָר די ריכטיגע קאַדרען־פּאָליטיק וועט געבן אונזערע פּאַרטייען די מעגלעכקייט אויף א מאַקסימאַלן אופן פאַנאַנדערוויקלען און אויסנוצן די כחות פון די קאַדרען, וואָס זיי פאַרמאָגן, און שעפּן פון דעם אומגעהויערן רעזערוואואַר פון דער מאַסן־באַוועגונג אַלץ נייע און בעסערע אַקטיווע עלעמענטן.

ביי וואָס פאַר א גרונט־קריטעריום דאַרפן מיר זיך האַלטן ביים אָפּקלייבן קאַדרען?

ערשטנס — די טיפסטע איבערגעבנקייט דער זאַך פון'ם אַרבעטער־קלאַס, טרייהייט דער פּאַרטיי, אויסגעפּרואוווטקייט אין שלאַכט, אין טורמעס, אויפ'ן געריכט —פּנים אל פּנים מיט'ן קלאַסן־שונא.

צווייטנס—ענגסטע פאַרבונדנקייט מיט די מאַסן: לעבן מיט די אינטערעסן פון די מאַסן, פילן דעם לעבנס־פּולס פון די מאַסן, זייערע שטימונגען און באַדערפענישן. דער אויטאָריטעט פון די אָנפירער פון אונזערע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס דאַרף פריער פאַר אַלץ זיך שטיצן דערויף, וואָס די מאַסע זעט אין זיי אירע פירער, וואָס זי איבער־

ציינט זיך אויף דער אייגענער דערפאַרונג און זייער פייאיגקייט אַלס אָנפירער, אין זייער אנטשלאָסנקייט און מסירת־נפש אין קאַמף.

דריטנס — **קענען זעלבסטשטענדיג זיך אָריענטירן אין דער סיטואַציע און ניט שרעקן זיך פאַר פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די באַשלוסן.** יענער איז ניט קיין פירער, וואָס האָט מורא צו נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. יענער איז ניט קיין באָלשעוויק, וואָס קען ניט אַרויסווייזן קיין איניציאַטיווע, וואָס טראַכט זיך — „איך וועל אויספילן בלויז דאָס, וואָס מען וועט מיר זאָגן". בלויז דער איז אַן אמת'ער באָלשעוויסטישער אָנפירער, וואָס פאַרלירט ניט דעם קאָפּ אין מאָמענטן פון מפּלה, וואָס נעמט זיך ניט איבער אין מאָמענטן פון דערפאָלג, וואָס ווייזט אַרויס אייזן־פעסטקייט אין דורכפירן באַשלוסן.

פערטנס — **דיסציפלינירטקייט און באָלשעוויסטישע פאַרהאַרטעוועטקייט** סיי אינ'ם קאַמף קעגן דעם קלאַסן־פיינט, און סיי אויך אין אומקאָמפּראָמיסלעכקייט צו אַלע אָפּנייגן פון דער ליניע פונ'ם באָלשעוויזם.

מיר דאַרפן, חברים, אַלץ שטאַרקער אונטערשטרייכן די נויטיגקייט פון די דאָזיגע באַדינגונגען פון ריכטיגן אָפּקלייבן די קאַדרען, ווייל אין דער פּראַקטיק ווערט זייער אָפט אָפּגעגעבן דער פאָרצוג אַזאַ חבר, וועלכער קען, צום ביישפּיל, ליטעראַריש שרייבן, שיין ריידן, אָבער וואָס איז ניט קיין מענטש פון טאַט און טויג ניט צום קאַמף. לגבי אַן אַנדער חבר, וואָס קען, אפשר, ניט אַזוי גוט לייענען און אַרויסטרעטן, אָבער איז אַ שטאַנדהאַפטיגער, איניציאַטיוו־פולער, איז פאַרבונדן מיט די מאַסן, איז פייאיג צו גיין אין שלאַכט און פירן אַנדערע אין קאַמף. (אָפּלאָדיסמענטן). צי איז דען פאַראַן ווייניג פאַלן, ווען אַ סעקטאַנט, אַ דאָקטרינער, אַ גריבלער שמייסט אַרויס אַן איבערגעגעבענעם מאַסן־מענטש, אַן עכטן אַרבעטער־פירער?

אונזערע אָנפירנדיגע קאַדרען דאַרפן צונויפפּאָרן דאָס וויסן, וואָס זיי דאַרפן טאָן, מיט באָלשעוויסטי־

שער אויסגעהאַלטנקייט און רעוואָלוציאָנע״ן כאַראַקטער און מיט׳ן ווילן דורכצופירן דאָס אין לעבן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פראַגע וועגן קאַדרען דערלויבט, חברים, זיך אָפּצושטעלן אויך אויף דער קאָלאָסאַלער ראָל, וואָס איז באַרופן צו שפּילן דער „מאָפּר״ (אינטערנעשאָנאַל לעיבאָר דעפענס) אין פּרט פון קאַדרען פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. די מאַטעריעלע און מאָראַלע הילף, וואָס די מאָפּר־אָרגאַניזאַציעס גיבן די אַרעסטירטע און זייערע פאַמיליעס, די פּאָליטישע עמיגראַנטן און די פאַרפאָלגטע רעוואָלוציאָנערן און אַנטי־פאַשיסטן, האָבן געראַטעוועט דאָס לעבן און פאַרהיט די כחות און די קאַמף־פיאיגקייט פון טויזנטער און טויזנטער ווערטפולסטע קעמפער פונ׳ם אַרבעטער־קלאַס אין פאַרשיידענע לענדער. דער פון אונז, וואָס איז געזעסן אין טורמע, האָט אַליין דירעקט אויף זיך געפילט די גרעסטע באַדייטונג פון דער טעטיגקייט פונ׳ם „מאָפּר״. (אַפּלאָדיסמענטן).

דער „מאָפּר״ האָט מיט זיין טעטיגקייט זיך דעראָבערט ליבשאַפט, צוגעבונדנקייט און טיפע דאַנקבאַרקייט מצד הונדערטער טויזנטער פּראָלעטאַריער און רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פונ׳ם פּויערטום און דער אינטעליגענציע.

אין די איצטיגע באַדינגונגען, אין די באַדינגונגען פון דער וואַקסנדיגער בורזשואַזער רעאַקציע, פונ׳ם צעווילדעוועטן פאַשיזם, פון דער פאַרשאַרפונג פונ׳ם קלאַסנקאַמף, וואַקסט אויס די ראָל פון „מאָפּר״ ביז גאָר. פאַר׳ן „מאָפּר״ שטייט איצט די אויפגאַבע צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַן עכטער מאַסן־אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטנדיגע אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער (באַזונדערס אין די פאַשיסטישע לענדער, צופּאַסנדיג זיך צו די באַזונדערע באַדינגונגען פון די דאָזיגע לענדער). ער דאַרף ווערן, אַזוי צו זאָגן, א מין „רויטער קרייץ״ פונ׳ם איינהייטלעכן פראָנט פון פּראָלעטאַריאַט און פון דעם אַנטי־פאַשיסטישן פאָלקס־פראָנט, וואָס כאַפּט אַרום מיליאָנען אַרבעטנדיגע, — א „רויטער קרייץ״ פון דער אַרמיי פון די אַרבעטנדיגע קלאַסן, וואָס קעמפן נעגן דעם פאַשיזם, פאַר פרידן און סאָציאַליזם. כדי

דער „מאָפּר" זאָל מיט דערפאָלג קענען אויספּילן די דאָזיגע ראָל זיינע, דאַרף ער שאַפן אַן אייגענעם אַקטיוו, פון טויזנ־טער, פילצאָליגע אייגענע קאַדרען (טוער) מאָפּר־קאַדרען, וואָס זאָלן לויט זייער כאַראַקטער און לויט זייערע פּיאָנירי־טען אנטשפּרעכן דעם באַזונדערן באַרוף פון אַט דער העכסט־וויכטיגער אָרגאַניזאַציע.

אויך דאָ דאַרף מען מיט דער גאַנצער שאַרפקייט און קאַטעגאָרישקייט זאָגן: אויב ביוראָקראַטיזם, האַרצלאָזע באַציאונג צו מענטשן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען בכלל העסלעך, איז אינ'ם געביט פון דער טעטיגקייט פון „מאָפּר" — איז דאָס אַן איבל וואָס גרענעצט זיך מיט פאַר־ברעכן. (אַפּלאָדיסמענטן). די קעמפער פון'ם אַרבעטער־קלאַס, די קרבנות פון רעאַקציע און פאַשיזם, וואָס שמאַכטן אין די קאַזעמאַטן און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, די פּאָליטי־שע עמיגראַנטן און זייערע פאַמיליעס דאַרפן באַגעגענען די סאַמע פילבּאַרע און זאָרגעוודיגע באַציאונג מצד די אָרגאַ־ניזאַציעס און פונקציאָנערן פון „מאָפּר". (דויערנדיגע אַפּ־לאָדיסמענטן). דער „מאָפּר" דאַרף נאָך בעסער פאַרשטיין און אויספּילן זיין פליכט אין דער אויפגאַבע צו העלפן די קעמפער פון דער אַרבעטער און אַנטי־פאַשיסטישער באַ־וועגונג, און באַזונדערס אין דער אויפגאַבע צו אייגהיטן מאָראַליש און פיזיש די קאַדרען פון דער אַרבעטער־באַווע־גונג. און די קאָמוניסטן און רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, וואָס באַטייליגן זיך אין דער אַרבעט פון „מאָפּר" דאַרפן פילן אויף יעדן שריט די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן אַרבעטער־קלאַס און פאַר'ן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס ליגט אויף זיי פאַר דער דערפאָלגרייכער דורכפירונג פון דער ראָל און די אויפגאַבן פון „מאָפּר" (אַפּלאָדיסמענ־טען).

חברים, ווי באַוואוסט, באַקומט זיך די סאַמע בעסטע דערציאונג פון קאַדרען אינ'ם פּראָצעס פון קאַמף, אינ'ם בייקומען שוועריגקייטן און נסיונות, ווי אויך אויף פּאָזי־טיווע און נעגאַטיווע ביישפּילן. מיר האָבן הונדערטער ביישפּילן פון מוסטערהאַפטער אויפפירונג בשעת סטרייקס, אין דעמאָנסטראַציעס, אין טורמעס, אויף פּראָצעסן. מיר

האָבן טויזנטער העלדן, אָבער, צום באַדויערן, האָבן מיר אויך ניט ווייניג פאַלן פון קליינמוטיגקייט, פון ניט־שטאַנד־האַפטיגקייט און אפילו פון דעזערטירונג. אָבער אָפּט פאַר־געסט מען די ביישפּילן סיי פון די און סיי פון יענע, מען ווייזט ניט אָן וואָס מען דאַרף נאָכטאָן און וואָס מען דאַרף פאַרדאַמען. מען דאַרף זיך צוקוקן צו דער אויפפירונג פון חברים און אַרבעטער - אַקטיוויסטן אין דער צייט פון קלאַ־סען־צוזאַמענשטויסן, בשעת אויספאָרשונגען אין דער פּאָ־ליציי, אין די טורמעס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין גע־ריכט, און אַזוי ווייטער. פון דעם דאַרף מען אַרויסנעמען דאָס פּאָזיטיווע, דאַרף מען אָנווייזן אויף די מוסטערן, וואָס מען דאַרף נאָכטאָן, און אָפּוואַרפן דאָס פוילע, ניט־באָלשע־וויסטישע, באַלעבעסלדיגע. זינט דעם לייפּציגער פּראָצעס (וועגן רייכסטאַג פּייער) האָבן מיר א גאַנצע ריי אַרויסטרע־טונגען פון אונזערע חברים פאַר'ן בורזשואַזן און פאַשיס־טישן געריכט, וועלכע האָבן געוויזן, אַז ביי אונז וואַקסן פּיל־צאָליגע קאַדרען, וואָס פאַרשטייען אויסגעצייכנט וואָס עס הייסט באָלשעוויסטישע אויפפירונג פאַר'ן געריכט.

צי וויסן אפילו פיל פון אייך—דעלעגאַטן פון'ם קאָנ־גרעס — וועגן דעם פּראָצעס פון די אייזנבאַן־אַרבעטער אין רומעניע, וועגן דעם פּראָצעס פון פּיטע שולצע, וועמען די פאַשיסטן האָבן געקעפּט אין דייטשלאַנד, וועגן דעם פּראָ־צעס פון דעם מוטיגן יאַפּאַנישן חבר איטיקאַווא, וועגן דעם פּראָצעס פון די בולגאַרישע רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן און וועגן פיל אַנדערע פּראָצעסן, וואו עס זיינען באַוויזן געוואָרן די ווירדיגסטע מוסטערן פון פּראָלעטאַרישער העל־דישקייט? (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, אַלע שטייען אויף).

אַזעלכע ווירדיגסטע מוסטערן פון פּראָלעטאַרישער העל־דישקייט דאַרף מען פּאָפּולאַריזירן, באַווייזן אין געגנזאַץ צו קליינמוטיגקייט, באַלעבעסלדיגקייט און צו יעדער מין צע־פוילטקייט און שוואַכקייט אין אונזערע רייען און אין די רייען פונם אַרבעטער־קלאַס. מען דאַרף אויפן ברייטסטן אופן אויסנוצן די דאָזיגע ביישפּילן פאַר דער דערציאונג פון די קאַדרען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

חברים! ביי אונז מאַכט זיך, אַז די פּאַרטיי־פירערשאַפט

קלאָגט זיך אָפּט, אַז עס זיינען ניטאָ קיין מענטשן, עס סטיי־ עט ניט פאַר'ן אַגיטפּראָפּ, עס סטייעט ניט פאַר די צייטונגען, עס סטייעט ניט פאַר די יוניאָנס, עס סטייעט ניט פאַר דער אַרבעט צווישן דער יוגנט, צווישן די פרויען. עס סטייעט ניט און סטייעט ניט, ניטאָ קיין מענטשן. מיר וואָלטן אויף דעם געקאָנט ענטפערן מיט לענינ'ס אַלטע און אייביג־נייע ווערטער:

„מענטשן זיינען ניטאָ—מענטשן זיינען דאָ א סך. מענטשן זיינען דאָ א סך, ווייל דער אַרבעטער־קלאַס און אַלץ מער און מער פאַרשיידנאַרטיגע שיכטן פון דער געזעלשאַפט טיילן אויס פון זיך מיט יעדן יאָר אַלץ מער און מער אומצופרידענע, וואָס ווילן פּראָטעסטירן... און אין דער זעלביגער צייט זיינען קיין מענטשן ניטאָ, ווייל... עס זיינען ניטאָ קיין אָרגאַניזאַטאָרישע טאַלאַנטן, פעיאי־ גע אַוועקצושטעלן אַזאַ ברייטע און אין דער זעלביגער צייט איינהייטלעכע און פיינע אַרבעט, אין וועלכער עס זאָלן קאָנען אָנגעווענדעט ווערן יעדע, אפילו די סאַמע אומבאַדייטנדיגסטע, קראַפט" (לענין: „וואָס זאָל מען טאָן?", באַנד 4, זייט 549, צווייטע רוסישע אויסגאַבע).

די דאָזיגע ווערטער לענינ'ס דאַרפן אונזערע פּאַרטייען טיף באַנעמען און אויספילן ווי א טאָג־טעגלעכע דירעקטיווע. מענטשן זיינען דאָ א סך, מען דאַרף זיי אַנטדעקן אין אונ־ זערע אייגענע אָרגאַניזאַציעס אין דער צייט פון סטרייקס און דעמאָנסטראַציעס, אין פאַרשיידענע מאַסן ־ אָרגאַני־ זאַציעס, אין די אָרגאַנען פון פאַראייניגטן פראָנט, מען דאַרף זיי העלפן וואַקסן אין פּראָצעס פון אַרבעט און קאַמף, מען דאַרף זיי אַוועקשטעלן אין אַזאַ לאַגע, אַז זיי זאָלן באמת קאָנען ברענגען נוצן דער אַרבעטער־זאַך.

חברים: מיר, קאָמוניסטן, זיינען מענטשן פון טאַט. פאַר אונז איז געשטעלט געוואָרן די אויפגאַבע פון פּראַקטישן קאַמף געגן דעם פאַשיזם און געגן דער געפאַר פון אן אימ־ פּעריאַליסטישער מלחמה, פונ'ם קאַמף פאַר אַראָפּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם. טאַקע אָט די פּראַקטישע אויפגאַבע שטעלט אַרויס פאַר די קאָמוניסטן די פאַרפליכטענדע פאַ־

דערונג זיך צו באַוואָפּענען מיט דער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע. סטאַלין, אָט דער גרעסטער מייסטער פונ׳ם רעוואָלוציאָנערן טאַט, לערנט אונז: „די טעאָריע גיט די פּראַקטיקער די קראַפט פון אָריענטירונג, די קלאָרקייט פון דער פּערספּעקטיוו, די זיכערקייט אין דער אַרבעט, דעם גלויבען אינ׳ם זיג פון אונזער זאַך".

אָבער די אמת׳ע רעוואָלוציאָנערע טעאָריע איז אַן אויסגעהאַלטענער שונא פון יעדן סאָרט טעאָרעזירונג, פון יעדער שפּיל אין אבסטראַקטע דעפיניציעס. אונזער טעאָריע איז ניט קיין דאָגמע, נאָר אַ וועגווייזונג צו טאַט —האָט מאַרקס געזאָגט. אָט אין אַזאַ טעאָריע נויטיגן זיך אונזערע קאַדרען, זי איז פאַר זיי נויטיג, ווי ברויט, ווי לופט, ווי וואַסער. ווער עס וויל באמת אַרויסטרייבן פון אונזער אַרבעט דעם אָפּטויטנדיגן סכעמאַטיזם, די שעדלעכע פּילפּול׳דיגקייט, יענער מוז זיי אויסברענען מיט אַן אָנגעגליטן אייזן סיי מיט׳ן פּראַקטישן אַקטיוון קאַמף צוזאַמען מיט די מאַסן און אין דער שפּיץ פון די מאַסן, סיי מיט אומדערמידלעכער אַרבעט צו באַהערשן די גרויסע, פרוכטבאַרע, אַלמעכטיגע באָלשעוויסטישע טעאָריע, די לערע פון מאַרקס-ענגעלס-לענין-סטאַלין. (אַפּלאָדיסמענטן).

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האַלט איך פאַר באַזונדערס נויטיג צו ציען אייער אויפמערקזאַמקייט צו דער אַרבעט פון אונזערע פּאַרטיי-שולן. ניט קיין נאָכזאָגער, בעלפּלפּול׳ניקעס און ציטאַטן-מייסטערס דאַרפן אונזערע שולן גרייטן. ניין! פון אונזערע שולן מוזן אַרויסגיין פּראַקטישע פאָרקעמפער פאַר דער זאַך פון אַרבעטער-קלאַס. פאָרקעמפער, ניט בלויז מיט זייער בראַווקייט און גרייטקייט אויף זעלבסט-אָפּערונג, נאָר אויך דערמיט, וואָס זיי זעען ווייטער, ווייסן בעסער ווי ראַנק-ענד-פאַיל אַרבעטער, דעם וועג צו דער באַפרייאונג פון די האָרעפּאַשניקעס. אַלע סעקציעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל מוזן זיך גלייך, ניט אָפּלייגנדיג אין דער לאַנגער באַנק אַריין, זיך פאַרנעמען ערנסט מיט דער גרינדונג פון שולן אַלס קוזניעס פון אַזעלכע קאַדרען פון קעמפער. מען קען אויף צוויי אופנים צוגרייטן קאַדרען אין אונזערע פּאַרטיי-שולן.

אײן װעג: מען גרײט צו מענטשן אבסטראקט־טעאָרע־טיש; מען פּרואװט זײ געבן א װאָס גרעסערע סומע פון טרוקענער לערע; מען לאָדעװעט זײ אָן מיט דער קענטע־ניש צו שרײבן אויף א ליטעראַרישן אופן טעזיסן און רע־זאָלוציעס, און מען רירט אָן בלויז פאַרבײגײיענדיג די פּראָב־לעמען פון דעם געגעבענעם לאַנד, פון דער געגעבענער אר־בעטער־באַװעגונג, איר געשיכטע, אירע טראַדיציעס און די דערפאַרונג פון דער געגעבענער קאָמוניסטישער פּאַרטײ. דאָס אַלץ—בלויז פאַרבײגײיענדיג.

דער צװײטער װעג: מען גיט דעם צוהערער אזא טעאָ־רעטישע לערע, בײ װעלכער ער לערנט זיך די גרונט־פּרינצי־פּען פון מאַרקסיזם־לעניניזם אויפ׳ן באַזיס פון דער פּראַק־טישער לערע פון די הויפּט־פראַגן פון די קאַמפן פון פּראָ־לעטאַריאַט אין אײגענעם לאַנד, כדי ער זאָל קענען, װען ער װעט זיך אומקערן צו פּראַקטישער ארבעט, זיך אָריענ־טירן זעלבסטשטענדיג און װערן א זעלבסטשטענדיגער, פּראַקטישער אָרגאַניזאַטאָר, װאָס איז פײאיג צו פירן די מאַסן אין קאַמף געגן קלאַסן־שונא.

ניט אַלע, װאָס זײנען אַרויס פון אונזערע שולן, האָבן ביז איצט געטויגט. צופיל פראַזן, אַבסטראַקציעס, בוך־מעסיגקײט. און מיר דאַרפן האָבן אמת׳ע, עכטע באָלשע־װיסטישע אָרגאַניזאַטאָרס און פירער פון מאַסן. די נויט־װענדיגקייט אין אַזעלכע פירער איז הײנט זײער אָנגעװײ־טאָגט. זאָל אזא צוהערער אפילו ניט קענען אָנשרײבן קײן גוטע טעזיסן — כאָטש מיר נויטיגן זיך אויך אין דעם—נאָר זאָל ער קענען אָרגאַניזירן און פירן, ניט שרעקן זיך פאַר שװעריגקײטן, זײ קענען גובר זײן.

די רעװאָלוציאָנערע טעאָריע איז די פּאַראַלגעמײנערטע, פאַר׳סך־הכל׳טע דערפאַרונג פון דער רעװאָלוציאָנערער באַװעגונג. די קאָמוניסטן דאַרפן זאָרגזאַם אויסנוצן אין זײערע לענדער ניט נאָר די דערפאַרונג פון דער פאַרגאַנגענ־הײט, נאָר אויך די דערפאַרונג פון דעם איצטיגן קאַמף פון אַנדערע ראַטן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער־באַ־װעגונג. אָבער די ריכטיגע אויסנוצונג פון דער דערפאַרונג באַשטײט בשום אופן ניט אין מעכאַניש אַריבער־

טראָגן אויף אַ פּאַרטיגן אופן די פאָרמען און מעטאָדן פון קאַמף פון געוויסע באַדינגונגען אין צווייטע, פון איין לאַנד אין אַ צווייטן לאַנד, וואָס עס פּאַסירט אָפּט אין אונזע־רע פּאַרטייען. בלויז נאָכמאַכן, פּראָסט קאָפּירן די מעטאָדן און פאָרמען פון אַרבעט אפילו פון דער אַלסאָוועטישער קאָ־מוניסטישער פּאַרטיי פאַר אַנדערע לענדער, וואו עס הערשט נאָך דער קאַפּיטאַליזם, קען, ניט געקוקט אויף די בעסטע כונות, ברענגען ניט קיין נוצן, נאָר שאָדן, ווי ס'האָט גאַנץ אָפּט פּאַסירט אין דער ווירקלעכקייט. גראָד פון דער דערפאַ־רונג פון די רוסישע באָלשעוויקעס דאַרפן מיר זיך לערנען ווי אָנצואווענדן איין אינטערנאַציאָנאַלע ליניע אויף אַ לעבעדיגן קאָנקרעטן אופן פאַר דעם קאַמף געגן קאַפּיטאַל אונטער די באַזונדערע באַדינגונגען פון יעדן לאַנד, דאַרפן מיר זיך לערנען אום'ברחמנות'דיג צו פאַרטרייבן, צו פאַר־אַכטן און עפנטלעך אויסצולאַכן פוסטע פראַזן, שאַבלאָן, פּעדאַנטיזם און דאָגמאַטיזם.

מען דאַרף, חברים, זיך לערנען, לערנען זיך שטענדיג, אויף יעדן שריט, אינ'ם פּראָצעס פונ'ם קאַמף, אויף דער פרייהייט און אין טורמע. לערנען זיך און קעמפן — קעמפן און לערנען זיך. מען דאַרף קאָנען קאָמבינירן די גרויסע לערע פון מאַרקס־ענגעלס־לענין־סטאַלין, מיט דער סטאַ־לינשער פּעסטקייט אין דער אַרבעט און אינ'ם קאַמף, מיט דער סטאַלינשער פּרינציפּיעלער אומקאָמפּראָמיס־לעכקייט צום קלאַסן־שונא און צו די, וואָס קערן זיך אָפּ פון דער ליניע פון באָלשעוויזם, מיט דער סטאַלינשער שרעקלאָזיגקייט פאַר שוועריגקייטן, מיט'ן סטאַלינשן רעוואָלוציאָנערן רעאַליזם. (אַפּלאָדיסמענטן).

חברים! קיינמאָל, צו קיין איין אינטערנאַציאָנאַלן קאָנ־גרעס פון קאָמוניסטן האָט די אַלוועלטלעכע געזעלשאַפטלע־כע מיינונג ניט אַרויסגעוויזן אַזאַ לעבעדיגן אינטערעס, ווי מיר זעען דאָס איצט בנוגע צו אונזער קאָנגרעס. אָן גוזמא קען מען זאָגן, אַז עס איז ניטאָ קיין איין ערנסטע צייטונג, קיין איין פּאָליטישע פּאַרטיי, קיין איין וויפיל עס איז ערנס־

טער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער טוער, וואָס זאָל ניט גאָכשפּירן אָנגעשטרענגט נאָכ'ן גאַנג פונ'ם קאָנגרעס.

די בליקן פון מיליאָנען ארבעטער, פּויערים, פון די קליי־נע שטאָטישע מענטשן, פון די אָנגעשטעלטע און אינטעלי־גענטן, פון די קאָלאָניאַלע פעלקער און אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן זיינען געווענדעט צו מאָסקווע, צו דער גרויסער הויפּטשטאָט פון דער ערשטער, אָבער ניט לעצטער מלוכה פונ'ם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט. (אַפּלאָדיס־מענטן). אין דעם דאָזיגן פאַקט זעען מיר א באַשטעטיגונג פון דער קאָלאָסאַלער וויכטיגקייט און אַקטועלקייט פון די פראַגן, וואָס ווערן באַהאַנדלט אויפ'ן קאָנגרעס און פון זיינע באַשלוסן.

דאָס ווילדע וואָיען פון די פאַשיסטן פון אַלע לענדער, באַזונדערס פון דעם צעיושעטן דייטשישן פאַשיזם, באַ־שטעטיגט בלויז, אַז מיט אונזערע באַשלוסן האָבן מיר וויר־לעך געטראָפן אין פּינטל. (אַפּלאָדיסמענטן).

אין דער פינצטערער נאַכט פון דער בורזשואַזער רעאַק־ציע און פאַשיזם, אין וועלכער דער קלאַסן־שונא סטאַרעט זיך צו האַלטן די ארבעטנדיגע מאַסן פון די קאַפּיטאַליסטי־שע לענדער, שטייט הויך דער קאָמוניסטישער אינטערנאַ־ציאָנאַל — די אינטערנאַציאָנאַלע פּאַרטיי באָלשעוויקעס — ווי אַ לייכט־טורעם, וואָס ווייזט דער גאַנצער מענטשהייט דעם איינציגן ריכטיגן וועג צו דער באַפרייאונג פון אונטער'ן יאָך פונם קאַפּיטאַל, פון דעם פאַשיסטישן באַרבאַריזם און פון די גרוילן פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה.

די איינשטעלונג פון דער אַקציע־איינהייט פונם ארבע־טער־קלאַס איז דער אַנטשיידנדיגער עטאַפּ אויף דעם דאָ־זיגן וועג. יאָ, די אַקציע־איינהייט פון די אָרגאַניזאַציעס פונם ארבעטער־קלאַס פון אַלע ריכטונגען, די באַהעפטונג פון זיי־נע קרעפטן אין אַלע געביטן פון זיין טעטיגקייט און אויף אַלע באַצירקן פונ'ם קלאַסן־קאַמף.

דער ארבעטער־קלאַס דאַרף זיך דערשלאָגן די איינהייט פון זיינע טרעיד־יוניאָנס. אומזיסט סטאַרען זיך איניגע רעפאָרמיסטישע אָנפירער פון די יוניאָנס אָנצושרעקן די ארבעטער מיט'ן געשפּענסט פון דער פאַרניכטונג פון דער

טרעיד־יוניאָן דעמאָקראַטיע צוליב דער אריינמישונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין די ענינים פון די פּאַראייניגטע יוניאָנס, צוליב דער עקזיסטענץ פון קאָמוניסטישע פראַקציעס אינערלעך אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. שילדערן אונז, קאָמוניסטן, ווי געגנער פון יוניאָן־דעמאָקראַטיע, דאָס איז הוילע נאַרישקייט. מיר פאַרטיידיגן און מיר באַשיצן קאָנסעקווענט דאָס רעכט פון די טרעיד־יוניאָנס אַליין צו ליזן זייערע פראַגן. מיר זיינען אפילו גרייט אָפּ־צוזאָגן זיך פון שאַפן קאָמוניסטישע פראַקציעס אין די טרעיד־יוניאָנס, אויב דאָס איז נויטיג צוליב די אינטערעסן פון איינהייט. מיר זיינען גרייט צונויפרעדן זיך, אז די טרעיד־יוניאָנס, וואָס פאַראייניגן זיך, זאָלן זיין אומאָפּהענ־גיג פון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען. אָבער מיר זיינען אַנט־שיידן געגן זייער אָפּהענגיגקייט פון דער בורזשואַזיע, און מיר זאָגן זיך ניט אָפּ פון אונזער פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט וועגן דער אומדערלאָזבאַרקייט פון אַ נייטראַלער פּאָזיציע פון די טרעיד־יוניאָנס בנוגע דעם קלאַסן־קאַמף צווישן דעם פּראָ־לעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע.

דער אַרבעטער־קלאַס דאַרף זיך דערשלאָגן אַ פאַראיי־ניגונג פון אַלע כחות פון דער אַרבעטער־יוגנט, פון אַלע אָרגאַניזאַציעס פון דער אַנטי־פאַשיסטישער יוגנט און געווי־נען דעם טייל פון דער אַרבעטנדיגער יוגנט, וואָס איז אַרונ־טערגעפאַלן אונטער דער דעמאָראַליזירנדיגער ווירקונג פונם פאַשיזם און פון אַנדערע שונאים פונ׳ם פאָלק.

דער אַרבעטער־קלאַס דאַרף זיך דערשלאָגן, און ער וועט זיך דערשלאָגן אַ פאַראייניגטע טעטיגקייט אין אַלע געביטן פון דער אַרבעטער ־ באַוועגונג. און דאָס וועט פאָרקומען אַלץ שנעלער, וואָס אַנטשיידנדיגער און פעסטער מיר, קאָ־מוניסטן, און די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער פון אַלע קאַ־פּיטאַליסטישע לענדער וועלן אָנווענדן אין טאַט די נייע טאַקטישע אָריענטירונג, וואָס דער קאָנגרעס נעמט אָן אי־בער די וויכטיגסטע אַקטועלע פראַגן פון דער אינטערנאַציאָ־נאַלער אַרבעטער־באַוועגונג.

מיר ווייסן, אז אויף אונזער וועג זיינען פאַראַן פיל שווע־ריגקייטן. אונזער וועג איז ניט קיין אַספאַלטירטער וועג,

אונזער וועג איז ניט באשאָטן מיט רויזן. ניין, דעם אַרבעַ־טער־קלאַס וועט אויסקומען בייצוקומען ניט ווייניג שטרויכ־לונגען, שטרויכלונגען אפילו אין זיין אייגענער סביבה, און, פריער פאַר אַלץ שטיט אים פאַר צו מאַכן אומשעדלעך ביז׳ן סוף די צעשפּאַלטערישע ראָליע פון די רעאַקציאָנערע עלע־מענטן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. עס וואַרטן אויף אים פילצאָליגע קרבנות אונטער די קלעפּ פון דער בורזשוא־זער רעאַקציע און פונ׳ם פאַשיזם. זיין רעוואָלוציאָנערע שיף וועט דאַרפן דורכגיין איבער פיל אונטערוואַסער־שטיינער, כדי צו דערקלייבן זיך ביז צו די ברעגן פון רעטונג.

אָבער דער אַרבעטער־קלאַס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז שוין איצט ניט דער, ווי ער איז געווען אין יאָר 1914, אינ׳ם אָנהויב פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, און ער איז ניט דער, ווי ער איז געווען אין יאָר 1918 — צום סוף פון דער מלחמה. דער אַרבעטער־קלאַס האָט הינ־טער זיך אַ רייכע, 20־יאָריגע דערפאַרונג פון קאַמף און רע־וואָלוציאָנערע נסיונות, ביטערע לעקציעס פון אַ ריי מפּלות, באַזונדערס אין דייטשלאַנד, אין עסטרייך, אין שפּאַניע.

דער אַרבעטער־קלאַס האָט פאַר זיך דעם באַגייסטערנדיגן ביישפּיל פונ׳ם סאָוועטן־פאַרבאַנד — פונ׳ם לאַנד, וואו עס האָט געזיגט דער סאָציאַליזם. אַ ביישפּיל, ווי אַזוי מען קאָן באַזיגן דעם קלאַסן־שונא, איינשטעלן די אייגענע מאַכט און בויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

די בורזשואַזיע הערשט שוין ניט אַבסאָלוט אויף דער גאַנצער וועלט. אויף אַ זעקסט־חלק פונם ערד־קוגל רע־גירט דער זיגרייכער אַרבעטער־קלאַס. אויף אַ קאָלאָ־סאַלן טייל טעריטאָריע פון דער גרויסער כינע רעגירן סאָ־וועטן.

דער אַרבעטער־קלאַס האָט אַ פעסטן, צוזאַמענגעשלאָ־סענעם רעוואָלוציאָנערן אַוואַנגאַרד — דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. ער האָט אַן אויסגעפּרוּווטן און אַנער־קענטן, אַ גרויסן און קלוגן פירער — סטאַלינ׳ען (אַ שטור־רעם אַפּלאָדיסמענטן, אַלע שטייען אויף, באַגריסונג־אויסרו־פען פון אַלע דעלעגאַציעס).

צום גונסטן פונ׳ם אַרבעטער־קלאַס, חברים, אַרבעט דער

גאנצער גאנג פון דער היסטאָרישער אנטוויקלונג. אומזיסט זיינען די אָנשטרענגונגען פון די רעאקציאָנערן, פון אַלע מינים פאשיסטן, פון דער גאנצער אלוועלטלעכער בורזשואַזיע א דריי צו טאָן אויף צוריק די ראָד פון דער געשיכטע.

ניין, די דאָזיגע ראָד דרייט זיך און וועט זיך דרייען ביז דעם אלוועלטלעכן פארבאנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן, ביז׳ן ענדגילטיגן זיג פונ׳ם סאָציאַליזם אין דער גאנצער וועלט (שטורמישע און לאַנג־דויערנדיגע אַפּלאָדיסמענטן).

איינס פעלט נאָך דעם אַרבעטער־קלאַס פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער — איינהייט אין זיינע אייגענע רייען!

און זאָל פון דער דאָזיגער טריבונע וואָס שטאַרקער קלינגען איבער דער גאנצער וועלט דער קאַמפּס־רוף פונ׳ם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, דער רוף פון מארקס און ענגעלס, פון לענין און סטאַלין:

„פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאראייניגט זיך!“

(דער גאַנצער זאַל שטייט אויף, ווי איין מענטש. די שטורמישע אָוואַציע הערט ניט אויף אין פאַרלויף פון 20 מינוט. דער זאַל זינגט דעם „אינטערנאַציאָנאַל“. אויף פאַרשיידענע שפּראַכן הערן זיך אויסרופן: „זאָל לעבן חבר סטאַלין!“, „זאָל לעבן חבר דימיטראָוו!“. דעלעגאַציעס פון באַזונדערע לענדער זינגען זייערע קאַמפּס־לידער. ווען די אָוואַציע ווערט אויף אַן אויגנבליק איינגעשטילט, רופט אויס חבר מאַנואילסקי: „זאָל לעבן דער געטרייער, אויסגעפּרואווטער מיטקעמפער פונם גרויסן סטאַלין, דער קאַפּיטאַן פונם קאָמינטערן, חבר דימיטראָוו!“. אויסגעשרייען: „הוראַ!“ און אַ נייער אויסברוך פון אָוואַציעס פאַרהילכט דעם זאַל).

אינהאַלט

1. פאַשיזם און דער אַרבעטער־קלאַס — — — — — — 3

וואָס ברענגט דער פאַשיזם די מאַסן? — — — — 11

איז דער זיג פון פאַשיזם אומפאַרמיידלעך? — 15

פאַשיזם אַ צעיושעטע, אָבער ניט קיין פעסטע מאַכט — — — — — — — — — — — — — — 24

2. פאַראייניגטער פראָנט פון אַרבעטער־קלאַס געגן פאַשיזם — — — — — — — — — — — — — 31

די באַדייטונג פון פאַראייניגטן פראָנט — — 31

די הויפּט־אַרגומענטן פון די געגנער פון אַ פאַר־אייניגטן פראָנט — — — — — — — — — — 33

אינהאַלט און פאָרם פון פאַראייניגטן פראָנט — 37

וועגן אַנטי־פאַשיסטישן פאָלקס־פראָנט — — — 41

צענטראַלע פראַגן פון פאַראייניגטן פראָנט אין באַזונדערע לענדער — — — — — — 44

פאַראייניגטער פראָנט און פאַשיסטישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס — — — — — — — — — — 52

דער קאַמף פאַר טרייד־יוניאָן אייניגקייט — — 66

דער פאַראייניגטער פראָנט און די יוגנט — — 73

דער פאַראייניגטער פראָנט און די פרויען — — 76

אַנטי־אימפּעריאַליסטישער פאַראייניגטער פראָנט 77

וועגן אַ רעגירונג פון אַ פאַראייניגטן פראָנט — 79

וועגן אידעאָלאָגישן קאַמף געגן פאַשיזם — — 88

3. די פאַרשטאַרקונג פון די קאָמוניסטישע פאַר־טייען און דער קאַמף פאַר דער פּאָליטישער אייניגקייט פונ׳ם פראָלעטאַריאַט — — — — 96

די באַפעסטיגונג פון די קאָמוניסטישע פאַרטייען 96

פּאָליטישע איינינגקייט פון ארבעטער־קלאַס — — 102
אויספיר — — — — — — — — — — — — — 107

שלום־וואָרט — — — — — — — — — — — 112
דער קאַמף געגן פאַשיזם מוז געפירט ווערן אויף
א קאָנקרעטן אופן — — — — — — — — 116
דער פאַראייניגטער פּראָלעטאַרישער פראָנט —
דער אַנטי־פאַשיסטישער פאָלקס־פראָנט — — 120
וועגן דער ראָל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע
און וועגן איר באַציאונג צום פאַראייניגטן
פראָנט — — — — — — — — — — — — 124
וועגן א רעגירונג פון פאַראייניגטן פראָנט — — 128
וועגן דער באַציאונג צו דער בורזשואזער דעמאָ־
קראַטיע — — — — — — — — — — — 131
האָבן א ריכטיגע ליניע איז נאָך ניט גענוג — 135
וועגן קאַדרען — — — — — — — — — — 140
אינהאַלט — — — — — — — — — — — — 158